STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08295

YIDN OYF DER VOGSHOL

Der Lebediker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער לעבעדיקער
(ח. גוטמאן)

יידן אויף דער וואַגשאַל

פאַראַדאָקסן און שטימונגען

פארלאג ח. בזשאָזא וואַרשע, 1937

Copyright 1937 by H. Gutman, New York.
Printed in Poland.

Der Lebediker (H. Gutman): Jidn ojf der wogszol.
Wydawnictwo CH. BRZOZA, Warszawa.
Druk. „Grafia", Warszawa, tel. 11.87-52.



I

יידישער אנטיסעמיטיזם

אַ פֿאָלק פֿון צופּיל

ווען איך קוק זיך צו צו אונזער לעבן אויף דער וועלט, דוכט זיך מיר, אַז דאָס גאַנצע יידישע לעבן קאָן מען באַצייכענען מיט דעם איין וואָרט — צ ו פּ י ל.

צופּיל — דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס טרעפט אין סאַמע תוך פֿון אונזער נשמה.

צופּיל!

אַז דער ייד האָט צופּיל צרות — דאָס וועט קיינער נישט לייקענען. אַפילו נאָך אַלע אָפּטימיסטישע רעכענונגען האָט דער ייד שוין אַביסל צופּיל.

דאָס איז דער ערשטער צופּיל, און אויך דער ערגסטער.

נאָכדעם קומען שוין איינער נאָכן צווייטן אַלע צופּילס:

דער ייד האָט צ ו פּ י ל געלט.

צופּיל מאַרך.

צופּיל רעוואָלוציאָנערן שטאָף.

צופּיל חוצפּה.

דער ייד איז פֿאַרטראָטן צופּיל אין די ראַדיקאַלע באַוועגונגען.

דער ייד וויל צופּיל באַהערשן די וועלט.

דאָס זענען די הויפּט־טענות פֿון אַלע אונזערע שונאים. פֿון המן — ביז היטלער; שונאים, וועלכע מיר האָבן פּראָפּאָרציאָנעל אויך אַ קאַפּיטשקע צופּיל.

און איצט קומען אונזערע אייגענע צופילס, אויף וועלכע מיר מוזן מודה זיין:

מיר קאָכן זיך צופיל. צי מען דאַרף, צי מען דאַרף נישט. מיר זענען די שטענדיקע זיד־טעפּלעך אויפן קאָך־פייער פון דער וועלט.

מיר געוואַלטעווען צופיל. צי מען הערט אונז צי מען הערט אונז נישט. דאָס געוואַלטעווען איז אַריין אין אונזערע ביינער און גייט אַרויס פון אונזערע העלזער, אַפילו דאַן, ווען מיר זענען פאַר זיך...

מיר שטופּן זיך צופיל, ווו מען באַדאַרף נישט.

מיר שטופּן זיך גאַנץ אָפט צופיל מיט אונזער פּאַטריאָטיזם, כאָטש מען מאָנט עס ביי אונז נישט.

אין רעזולטאַט: מיר גיבן צופיל קרבנות.

אין דער וועלט־מלחמה האָבן מיר אַפילו אין אַמעריקע גע־געבן צופיל אויף אונזער חלק. מיט 100 טויזנט סאָלדאַטן מער, ווי מיר האָבן געדאַרפט...

בכלל זענען מיר אַ פאָלק אָן אַ מאָס, כאָטש מיר באַשטייען אַ גוטע העלפט פון שניידערס, אָדער געוועזענע שניידערס, וועלכע דאַרפן וויסן פון אַ „מאָס"... און דערפאַר, ווייל מיר זענען אָנ־מאָסיקע, האָט די וועלט פאַר אונז אויך קיין מאָס נישט: איז אָדער זי באַשעפטיקט זיך מיט אונז אַ היפּש ביסל צופיל, אָדער זי איגנאָרירט אונז אַביסל צופיל... אָדער זי, די וועלט, שרייבט אונז צו צופיל מאַכט, ווי אויף אונזער הויקער וואָלט דער גאַנצער גליק אָדער אומגליק פון דער מענטשהייט געלעגן. אָדער זי אונ־טערשעצט אונז שוין אַביסעלע צופיל און וואַרפט אונז אין פּנים אַריין די ווערטער: טרומן, שוואַכלינגע און גאָר־נישטן!

ווייטער, וויסן מיר נישט, ווו זיך אָפּצושטעלן. מיר לויפן צופיל. לויפן אַריבער אַלע גרענעצן...

מיר זענען אָדער צופיל פאַרברענטע באָלשעוויקעס, גרעסערע לעניניסטן, ווי לענין, און הייסערע סטאַליניסטן פון סטאַלינען,

אָדער מיר זענען אַזעלכע אַנטי־באָלשעוויקעס, אַז קערענסקי, בור־צעוו און טשערנאָוו זענען גאָרנישט קעגן אונז.

און אויך טענות צו דער וועלט האָבן מיר צופיל. מיט רעכט און אָן רעכט.

די וועלט קאָן זיך קיינמאָל אונז נישט אויסצאָלן.

מיר זענען די אייביקע מאָנער, פּאָלע־ציער, תּביעות־שטעלער און טיר־קלאַפּער.

גאָט מיינער! אין וויפל טירן האָבן מיר שוין נישט גע־קלאַפּט?!

און ווייל מיר קלאַפּן צופיל, און ווייל מיר האָבן צופיל טיר־קלאַפּער, אָנשטאָט איינעם א ר ע כ ט ן, הערט מען נישט אונ־זערע קלעפּ...

און ווייטער: האָבן מיר צופיל אסיפות, צופיל פּאַרטייען, צו־פיל דעה־זאָגער, צופיל דעמאַגאָגן. צופיל מענטשן, וואָס „לויפן" אין אונזער נאָמען... צופיל וווּנדער־קינדער, צופיל פּאָעטן, לויט אונזערע שוואַכע פּראָזאַאישע כחות. און בכלל שרייבן מיר צו־פיל. און דיסקוטירן וועגן קלייניקייטן און נישטיקייטן: פון א בלאָז פון א שטרויעלע מאַכן מיר א ציקלאָן. פון א זשוזשע פון א פליג — א רעווע פון א לייב...

און מיר זידלען זיך צופיל.

מיר באַהאַנדלען שלעכט א קעגנער. און אַפּלאָדירן צופיל, וואָס דאָס איז אויך נישט זייער געזונט...

רעזומע: מיר זענען די „צופילניקעס" פון דער וועלט. אונז פעלט איינגעהאַלטנקייט און אויסגעהאַלטנקייט...

מיר האָבן ווייניק פון אַלץ, וואָס מיר דאַרפן, און האָבן צ ו פ י ל פון אַלץ, וואָס מיר דאַרפן נישט...

אָט דאָס איז מיין קוק אויף אונזער יידישער וועלט. און אפשר איז עס אויך א קאַפּיטשקע צופיל אַרונטערגעקוקט?

הלואי וואָלטן מיר געבליבן!

איך זאָג זיך אָפּט: ווי גוט וואָלט אונז, יידן, געווען, ווען מיר בּלייבּן אין מצרים, עד היום הזה...

איר מיינט אודאי מחמת דעם פליש־טאָפּ?... ניין, דעם „סיר־הבשר" האָבּן מיר אויך אין אַמעריקע. און אפשר נאָך מיט מער פלייש...

איך האָבּ אנדערע טעמים פאַר נ י ש ט י צ י א ת מ צ ר י ם.

ערשטנס: ציגל און ליים... ווי גוט וואָלט געווען, ווען מיר בּלייבּן אַרבּעטן בּיי ציגל און ליים!...

ווען מיר בּלייבּן אין מצרים עד היום הזה, וואָלטן מיר זי־כער געווען די גרעסטע עקספּערטן בּיי ציגל און ליים.

די גרעסטע אין דער וועלט.

מיט פּיראַמידן־טראַדיציעס...

און מיט רעקאָמענדאַציעס פון אַלע פּרעהס...

אַ ווערטעלע אויסצורעדן: אַ ציגל־אַרבּעטער מיט אַ גוט־זאָגע־ריי פון טוטאַנקאַמען אַליין! מען וואָלט דאָך אונז פּאַרצוקערט!

צווייטנס: ווען מיר וואָלטן געווען אַרבּעטער בּיי ציגל און ליים — און דאָס מיינט בּיי פּיראַמידן און געבּיידעס... און דאָס מיינט בּיי בּוי־אַרבּעט. וואָלטן מיר נישט געוווּסט פון נאָדל־אַרבּעט.

ווייל ווי איר זאָלט נישט האַלטן פון ציגל און ליים, זענען זיי פאָרט נישט קיין נאָדלען...

א ציגל האָט אַן אָפּן פּנים... דו זעסט, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן...

מיט א ציגל קאָן מען דערלאַנגען, עפּענען א מוח...

אָבער א נאָדל — ווי א באַהאַלטענער שונא...

א נאָדל — מיינט שטעכן און פּיקן...

און אַלע שטעכענישן אין די זייטן און אין פּלייצע און אין האַרץ ביי אונז נעמט זיך פון דעם, וואָס מיר זענען א נאָדל־פאָלק... א שניידעריש פאָלק...

דריטנס: ווען מיר פאַרלאָזן נישט מצרים, וואָלטן מיר נישט געוואָרן קיין וואַנדער־פאָלק...

דער לייכטער, נסימדיקער איבערגאַנג איבערן ים־סוף האָט אונז פאַרשמעקט אויף עולם ועד, און מיר לויפן איבער ימים. און מיר האָבן נישט קיין מנוחה...

ווען מיר פאַרלאָזן נישט מצרים, וואָלטן מיר נישט געוווּסט פון דער מדבר.

און איך באַשולדיק די מדבר אין אַלע אונזערע צרות.

אונזער גאַנצע קולטור־וויסטעניש נעמט זיך פון דער מדבר...

אונזערע פּוסטע ברידער־מחלוקות—פון מדבר־זאַוויערוכעס...

און טאַקע ווידער אונזער שניידעריי:

ווען נישט די מדבר, וואָלטן מיר נישט געווען קיין פאָלק פון מענער־שניידער און דאַמען־שניידער אין אַמעריקע...

איר באַנעמט? 40 יאָר אין דער מדבר... טאָן נוצלעכע אר־בעט איז נישטאָ ווו... מען גיט דיר גרייטן מן פון אויבן... אמתע עסקט־קינדער ביים רבונו של עולם, הימלישע שנאָרערס...

און די ווינטן אין מדבר זענען שטאַרקע, רייסן זיך אָפּ די קנעפּלעך פון די הויזן...

בלייבט נאָר צו זיצן און אָנניייען קנעפּלעך.

און דאָס זאַמד? פון דעם זאַמד פּטרן זיך די קליידער. איז וואָס טוט מען? ווערט מען שניידער... לאַטוטניקעס...

ווען מיר בלייבן אין מצרים, וואָלטן אויך אונזערע יידישע ווייבער געווען א סך פיינער און לייטישער...

זיי וואָלטן נישט געווען פאַרקאָכט אין צירונג — און טאַקע

וידער מצרים... אנטלויפנדיק פון מצרים, האָבן די יידן אויסגעליי־דיקט דאָרטן דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד.

און אין דער מדבר איז אומעטיק, נודנע, מאָנאָטאָן...

קיין קינאָס זענען נישטאָ. דעפּאַרטמענט־קראָמען — אודאי נישט... וואָס־זשע טוען די ווייבער? זיי פּוצן גאַנצע טעג די צירונג.

און ווערט זיי גאָר אומעטיק, מאַכן זיי אַ באַוועגונג פאַר אַ גאָלדענעם קאַלב... (פון הינטלעך האָט מען נאָך דאַן נישט גע־ווּסט).

און פון דאַן אָן, עד היום הזה, איז געבליבן ביי אונזערע ווייבער אַ ווילדע מדבר־ליבע צו גאָלד און זילבער, דימענטן און צירונג — אַ ליבע, וועלכע מאַכט אַ מדבר אין די מאַנסבילישע קעשענעס...

פינפטנס (דאַכט זיך): ווען מיר שטעלן זיך אָפּ אין מצרים, וואָלט מצרים מן־הסתם סוף־כל־סוף געבליבן ביי אונז...

ווי לאַנג וואָלט דען פּרעה געקאָנט אויסהאַלטן אַלע מכות פון דער הגדה מיט די ל״ו פּירושים?

און מיט אַן אייגענעם מצרים, וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט אַמע־ריקע — מיט ארץ־ישראל, און אַ בּיראָ־בּידזשאַן־קאָלאָניזאַציע...

ווען מיר האָבן מצרים, וואָלטן מיר שוין ממילא אויך געהאַט ארץ־ישראל. והא ראיה: ענגלאַנד.

פריער געקריגן מצרים און נאָכדעם ארץ־ישראל...

און די געשיכטע באַווייזט, אַז מצרים האָט אַלע מאָל גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע פאַר ארץ־ישראל און נישט פאַרקערט...

ווען ארץ־ישראל האָט געדאַרפט דאָס פיינע ביסעלע זנות — האָט זי עס געקריגן פון מצרים...

און די טייערע פערד — אויך פון מצרים.

און כּישוף? — אויך פון דאָרטן.

און צום לעצט:

ווען מיר לאָזן זיך נישט ארויסנאַרן פון מצרים, וואָלטן מיר נישט געוווּסט פון משהן מיט דער תורה.

משה! — איר מיינט, ער האָט אונז גוטס געטאָן? עס הויבּט זיך גאָרנישט אָן!

ער האָט אונז געמאַכט פאַר אַן עם־הספר, אַ פאָלק פון באַנק־קוועטשערס און לעבן האָבן דערוויי? געלעבט אַנדערע פעלקער...

משה! — אויך ער איז נישט פריי געווען פון עגאָאיסטישע אַמביציעס — ווי יעדער מחבר...

ער האָט געוואָלט פאַרהאַנדלען זיין ווערק, איז ווו זאָל ער עס?

אין מצרים, וואָלטן יידן עס נישט גענומען... אַ פּאַרנומעי פאָלק געווען. אַן אַרבעטער־פאָלק... ציגלניקעס...

וואָס־זשע טוט משה?... פּירט ער זיי אַוועק אין דער מדבר, מאַכט זיי פאַר לומפּנפּראָלעטאַריער, לײדיקגייער... שטעקעלע־דרייער... מן־עסער... און מיט דער הילף פון גאָטס עלעקטרישע קונצן רוקט ער זיי אַריין די תורה...

מיט וועלכער מיר האַלטן זיך עד היום הזה (און איצט שוין אויך אין יהוואשס יידישער איבערזעצונג)...

רעזומע: הלואי וואָלטן מיר געבליבן אין מצרים!...

אונזער „ברויט מיט פוטער"

וואָס איז אַ פּראָגראַם פאַר אַ ייִדן?

אַ געוויינלעך שטיקל נייעס, וועלכע ער באַגעגנט כמעט יעדן טאָג אין זיינע צייטונגען.

און באַגעגנט ער נישט אַ געוויסע צייט דעם סאָרט נייעס, דוכט זיך אים אויס, אַז עס פעלט אים דאָס וויכטיקסטע און דאָס לעבעדיקסטע אין זיין צייטונג, און אַז זיין צייטונג טויג עפּעס נישט... אַז זי דרוקט בלויז פרעמדע נייעס, און נישט קיין ייִדישע.

קורץ: אמתע ייִדישע נייעס — זענען פּראָגראַם־נייעס.

מען קאָן זאָגן, אַז פּראָגראַמען זענען דאָס „ברויט מיט פּוטער" פון אונזער לעבן.

אונזער גאַנצע ייִדישע געשיכטע איז אַ פּראָצעסיע פון פּאָגראָמען; אונזער גאַנץ לעבן דרייט זיך אַרום פּאָגראָמען: אָדער עס איז אַ פּאָגראָם, אָדער עס איז געווען אַ פּאָגראָם, אָדער מען ריכט זיך אויף אַ פּאָגראָם.

אונזער פּאָליטיק אין גלות — זענען פּראָטעסטן קעגן פּאָגראָמען.

אַלע פעלקער זענען ביי אונז, ייִדן, איינגעטיילט נישט אויף גרויסע פעלקער און קליינע פעלקער, נישט אויף וויכטיקע און נישט וויכטיקע, נאָר אויף אַזעלכע, וואָס מאַכן יאָ אויף אונז פּאָגראָמען און אויף אַזעלכע, וואָס מאַכן נישט.

צו די ערשטע, וואָס מאַכן יאָ פּאַגראָמען, האָבן מיר אַ באַציאונג און צו די אַנדערע גאָרנישט... פעלקער, וואָס מאַכן אויף אונז נישט קיין פּאָגראָמען, זענען כמעט קיין פעלקער נישט, עקזיסטירן, מן־הסתם, נישט...

פרעגט אַ יידן וועגן אינדיע און כינע, גרויסע לענדער, דוכט זיך, וועט ער אייך אָנקוקן ווי אַ משוגענעם, וועט שאָקלען מיטן קאָפּ, אַז ער האָט פון זיי גאָרנישט געהערט... אָבער דערפאַר ווייס יעדער ייד זייער גוט פון אוקראַאינע און רומעניע...

די לעצטע צייט הערן מיר פון פּאָגראָמען אין גאָר נייע פעלעצער, אין אַרגענטינע, טשילי, פּערו. נאָר דאָס זענען אויך כּיר פּאָגראָמען! וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי קענגן אַ קאַצאַפּישן פּאָגראָמל? — אַזוי טראַכט אַ ייד, ווען ער לייענט דאָס איבער.

און באמת: אַרגענטינע, טשילי, פּערו, דאָס זענען פּאָגראָם־דילעטאַנטן אויף דער וועלט־בינע, דאָס מאַכן זיי ערשט פּראָבע... זיי האָבן נאָך בינע־פיבער, אַזוי צו זאָגן. ווי קומען ז י י צו די אַלטע „סטאַרס" פון פּאָגראָמען? צו די, וואָס שפּילן זייערע ראָלן אַזוי פלינק און גלאַט? און אַ ייד לייענט די נייעסן וועגן די נייע פּאָגראָמשטשיקעס און פאַרטראַכט זיך נישט וועגן זיך, אויף זיך האָט ער שוין אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט. נאָר טאַקע וועגן די נייע פּאָגראָמשטשיקעס. ער טראַכט: וואָס וועט פון זיי אַרויסקומען, גוטע פּאָגראָמשטשיקעס, אָדער קאַליקעס?

אָט אַזוי האָט זיך ביי אונז, יידן, אויסגעאַרבעט אַ באַזונדערע פּאָגראָם־פּסיכאָלאָגיע. אַ באַזונדערער חוש צו דערשמעקן אַ פּאָגראָמשטשיק. מיר קאָנען זאָגן מיט אַ געוויסער גאוה, אַז מיר זענען עקספּערטן אויף פּאָגראָמען און פּאָגראָמשטשיקעס; אַז מיר זענען מבינים אויף דעם „פאַך", ווי קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט.

פּאַגראַמען אויף זיך אַליין

איך לאָז אַרונטער די גאַרדינען פון מיין פענסטער, און ביי מיין בלוי־אַבאַזשורטן עלעקטרי־לאָמפּ, שרייב איך פאָלגנדיקע שורות:

נישט נאָר מאַכט די גאַנצע וועלט אויף אונז פּאָגראָמען, נאָר מיר אַליין מאַכן אויף זיך אַליין אויך פּאָגראָמען.

יעדן טאָג — אַ פּאָגראָם, יעדע מינוט — אַ פּאָגראָמל.

אונזער פּרעסע — אַ פּאָגראָם־פּרעסע.

איר געבוי, איר אינהאַלט, איר פאַרקויף איז געבויט אויף פּאָגראָמען.

אונזער לייענער — איז פּאָגראָם־לייענער. אויב ער וויל נישט לייענען וועגן טייכן בלוט, געשענדעטע שוועסטער, געפּייניקטע זקנים — לייענט ער די גויאישע פּרעסע.

אָפּט, ווען איך לייען אונזער פּובליציסטיק, און מיינע פּע־ליעטאָנען אַריינגערעכנט, הויב איך אָן צו גלויבן, אַז מיר אַליין זענען די געפּערלעכסטע ליבהאָבער פון פּאָגראָמען, אַז מיר אַליין זענען זייער דורשטיק נאָך אונזער פאַרגאָסן בלוט.

אין דער מעדיצין איז דאָ אַ נאָמען דערפאַר: די מחלה זעלבסט־פּייניקונג.

זעלבסט־פּייניקונג — ביז אכזריות.

און די זעלבסט־געפּייניקטע ביז אכזריות זענען מיר: אַלע יידישע שרייבער און יידישע לייענער.

מיר האָבן ביז בלוט ליב די אכזריות צו זיך אַליין...

און איך זע דעם פּאָגראָם־גרונד אין אַלץ, וואָס מיר טוען און שאַפן. און איך זע די אכזריות צו זיך אַליין אין אַלץ, וואָס האָט אפילו אַ קנאַפּע שייכות צו פּאָגראָמען.

אכזריות — דאָס איז דער אופן און דער וועג און די מעטאָדע, ווי אַזוי מען שרייבט ביי אונז אונזער פּובליציסטיק.

אכזריות און בלוט־דורשט — דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון אונזער קריטיק און רעצענזיע.

קנאַקנדיקע ביינער פון אַ קעגנער, צערייבן אים אויף אַש, מאַכן אַ תל, פּאַרניכטן און פּאַרטיליקן, — דאָס איז אונזער באַליבטסטער אויסדרוק...

און ווילט איר אַוועקנעמען אָט דיזאָזיקע פּאָגראָם־אייגנשאַפטן פון אונזער פּובליציסטיק, בלייבט ביי אונז — אַ טויטקייט. אַ בלאַסקייט פון בר־מננס. איז ביי אונז גאָר נישטאָ וואָס צו לייענען...

ווען אונזערע יידישע פּובליציסטן באַפאַלן די יאַהודים — איז דאָס נישט פון געוואַלטיקע פּאָליטישע דיסהאַרמאָניעס, — ח״ו!...

ווען אונזערע פּובליציסטן באַפאַלן נ י ש ט די יאַהודים — איז אין אונזער פּרעסע שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם...

אָז אַ פּאָגראָמל אויף דעם אָדער יענעם יאַהודי פון צייט צו צייט, וואָלט מען גאָרנישט געוווסט, אַז מיר פירן זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיק...

און לייען איך אונזער גאָר יונגע פּאָעזיע, דוכט זיך מיר אויס, אַז זי איז אויך נישט מער, ווי אַ פּאָגראָם־פּאָעזיע. אָפט אפילו אַ פּאָגראָם אויף דער פּאָעזיע גופא.

אמת, זיי זינגען נישט דירעקט וועגן פּאָגראָמען, אָבער אומדירעקט איז יעדע שורה אַ פּאָגראָם...

די נישט־געגראַמטע שורות, וואָס די יונגע דיכטער געברויכן מיט אַזויפיל ליבע, קוקן מיר אויס ווי אויסגעדרייטע ריפּן, ווי צעפּאַליעטשעטע הענט און פיס...

די פרעמדע ווערטער, וואָס זיי נוצן מיט אַזויפיל „אַזאַרט",
קוקן מיר אויס ווי געשענדעטע מיידלעך...

און וואָס דאַרפט איר מער. אַפילו אַנאָנסן שרייבט מען ביי
אונז ווי פּאַגראָמשטשיקעס.

אַט אַנאָנסירט אונזערס אַ צייטונג אַ געוויס בוך, איז פּונקט.
ווי די אַרבעט וואָלט געטאָן געוואָרן פון דעניקינס קאָזאַקן.

ווען איך לייען עס, רייסט עס מיר אויס אַ שטיק האַרץ. איך
צעוויין זיך שיעור נישט.

די היפּשע „קעפּ" קוקן אויס אַזוי:

„ער שלעפּט די קישקעס מיט די אייגענע הענט".

„ער עסט אויף אַן אייגענעם פּוס אויף פרישטיק".

„ער שפּילט זיך מיט די אייגענע געדערעם". א. א. וו. א. א. וו.

און איך דריי איין נאָך טיפער דאָס אָבּאַזשורטע פּייער פון
מיין שרייב־טיש־לאָמפּ. און איך שרייב:

אין אונזער פּרעסע, ווי אין אונזער שאַפן בכלל, פעלט אי־
בערהויפּט די שטילקייט, דער שאַ, דער פּיאַניסימאָ, דער בלחש־
כּאָן.

ביי אונז גרילצט אַלץ, שרייט, היסטעריעוועט, אַפּעלירט, פּראָ־
טעסטירט און מאַכט געוואַלטן. און אַפילו אַזאַ זאַך, ווי הילף פּאַר
אונזערע פּאָגראָמירטע ברידער פון יענער זייט ים, קאָנען מיר אויך
נישט זאַמלען אָן אַ גרילצנדיקער פידל און פויק פון אַ שרייענ־
דיקן קאָנצערט און באַל...

און ווען אַ מאַן, ווי ש. ניגער, אַ שטילער בוך־מענטש בטבע,
זאָגט אַרויס אַ פּאָר געדאַנקען אין „צוקונפט" וועגן שטילקייט,
פּראָטעסטירט קעגן אים אונזער מאַרק־שרייערײ, קעגן אונזערע
גאַסן־פּאַראַדן און גרילצנדיקע לייט־אַרטיקלען, דערשרעקט זיך
אברהם ליעסין, דער רעדאַקטאָר: אַ מענטש גייט אויף זיין פּרנסה!
ווייל ביי אים אוועקנעמען דאָס רעכט פון מאַכן אַ געוואַלט אין
אַ פּאַגראָם־לייט־אַרטיקל, און ער מאַכט אַ היפּשע באַמערקונג צו
ניגערס אַרטיקל און ער ראַטעוועט אַמעריקע...

און מיינט נישט, אַז איך קלאָג דאָ עמעצן אָן. איך רעד זיך
בלויז אויס דאָס האַרץ און נישט מער.

װעמען זאָל איך אָנקלאָגן און װי אַזױ? װען איך אַלײן בין אײנער פֿון די שעפֿער און אױך לײענער פֿון דערדאָזיקער פּאָגראָם־ליטעראַטור?

איך בין זיך מודה, אַז איך אַלײן, װאָס דורשט אַזױ נאָך רו און שטילקײט, לײען דאָך מיט גרױס אינטערעס און פֿאַרגעניגן אונזער פּאָגראָם־פּרעסע.

די נערװן פֿון אַ ייִדישן מענטשן זענען װי טעלעפֿאָן־דראָטן אין צײט פֿון אַ געװיטער...

מיר זענען אַלע — אַלס לײענער — הײדאַמאַקעס. מיר גאַרן נאָך בלוט, נאָך פּײניקונג און װײטאָג...

מיר טאָרן נישט מאַרשירן!

די תורה, זאָגן פרומע מענטשן, האָט אַלץ באַוואָרנט... מעג־לעך, אָבער ווי איך זע, האָט זי איין זאַך יאָ פאַרגעסן. און דאָס איז: צו פאַרבאָטן יידן, אין גלות, צו מאַר־שירן...

„מאַרשירט נישט!" — דאָס האָט געדאַרפט זיין איינגע־קריצט אין די עשרת הדברות, כמעט אַזוי גוט ווי די אַנדערע פאַר־באָטן.

ווייל דאָס איז זייער און זייער וויכטיק.

איך האָב אין מיין לעבן בייגעוווינט, אָדער בעסער געזאָגט, ביי געשטאַנען, אַ סך מאַרשן און פאַראַדן אויף אונזער איסט־סייד און איך פלעג שטענדיק אַוועק אַהיים אַן אַנטוישטער און צעערגערטער... נאָר קיינער פון יענע פאַראַדן און מאַרשן האָט מיר נישט אַזוי קלאָר און בולט באַשטעטיקט מיין ווידערווילן קעגן מאַרשירן — ווי דער גאולה־פאַראַד.

איך בין געשטאַנען און צוגעקוקט זיך צום גאולה־פאַראַד און איך האָב מיר געזאָגט מיט ווייטאָג:

ניין, יידן טאָרן נישט מאַרשירן, איבער פרעמדע גאַסן מאַר־שירן, פאַר אַ פרעמדן עולם מאַרשירן, אין גלות מאַרשירן!...

ווייל, מאַרשירן אויף אַזאַ אופן, מיינט: ווייזן אונזער שוואַכ־קייט, אונזערע אויסגעקרימטע פיס, איינגעבויגענע פּלייצעס, מלמדישן הילוך און נעבעכדיקן אויסזען.

און צו וואָס זאָלן מיר עס טאָן? קומט אונז דען דערפון צו פּאָליטישע שטאַרקייט? מאַכן מיר דען דערמיט פּראָפּאַגאַנדע?

עס איז, כ׳לעבן, אַ מאָדנע זאַך: קומט צו מאַרשירן, איז שטעלן זיך אויס אין די פּאַראַד־שורות דווקא נישט די געזונטערע, געוויקסיקערע, גלייך־גייענדיקערע (אַזעלכע האָבן מיר אויך), נאָר גראָד די שוואַכערע: אַלטע, רעאומאַטיזירטע ייִדן, און ייִדענעס מיט קינדער אויף די הענט, און מלמדים...

און דאָס מיינט שוין נישט קיין פּאַראַד, נאָר אַן אויסשטעלונג פון אָרעמקייט און נעבעכדיקייט.

אויך אין דעם גאולה־מאַרש איז געווען דאָסזעלבע: די ייִנגערע, די געזונטערע, די גלייך־גייענדיקערע, זענען געבליבן זיצן אינדערהיים, אָדער שטייען אויף די טראָטואַרן אַלס צושויער—און מאַרשירט האָבן, צום גרעסטן טייל, אַלטע ייִדן, ווייבער מיט קינדער אויף די הענט און מלמדים...

און וואָס איר וועט נישט זאָגן, קיין שטאַרקע רעקלאַמע פאַר אַ פאָלק, וואָס קלייבט זיך אויפצולעבן, איז דאָס נישט...

ווייל וואָס איז אַ מאַרש, אויב נישט קיין רעקלאַמע? קוקט, גוים, ווי שטאַרק מיר זענען! זעט, פעלקער, ווי שיין ס׳איז אונזער מחנה!

אָבער אויף אונזערע מאַרשן און פּאַראַדן קוקן די גוים און שמייכלען: אַט דאָס איז אַ פאָלק? כי כי כי! אַט מיט דעם שטאָף גייט איר עס בויען אַ לאַנד? כע כע כע!

אַ פּאַראַד ווערט געמאַכט דערהויפּט פאַרן אויג — און דאָס אויג קאָן פון אונזערע פּאַראַדן נישט שטאַרק הנאה האָבן.

אַ פּאַראַד ווערט אויך געמאַכט, כדי איבערצוצייגן פאַר זיך אַליין אונזערע קרעפטן, כדי צוצוגעבן מוט זיך אַליין, און אונזערע פּאַראַדן קאָנען אפילו אונז אַליין קיין מוט נישט צוגעבן.

ניין, מיר טאָרן נישט מאַרשירן!

אויב, זאָג איך, מיר קאָנען נישט אָרגאַניזירן אַ 50 טויזנט געזונטע ייִדן, יונגען מיט גלייכע פּלייצעס, פעסטן טראָט און בליצנדיקע אויגן, ייִדן, וואָס זאָלן דערוועקן רעספּעקט ביי גוים און צוגעבן מוט אונז אַליין — דאַרפן מיר בעסער בלייבן זיצן אינדערהיים און אויסדריקן אונזער פרייד דורך אַנדערע וועגן...

קאָנקורענץ

אמאָל טרעפט, אז עס פאַרווילט זיך אײך מיר אַליין א גראַבל טאָן די אײגענע ווונדן. א שפּיל טאָן זיך מיט אונזערע פעלערן.

און איך גיב זיך נאָך.

אָט האָב איך ערשט איבערגעלייענט, ווי א יידישער בית־דין רופט צו א דין־תורה א צווייטן בית־דין און מיר איז געוואָרן אַזוי מאָדנע איבלדיק און פאַראיבלדיק.

און דאָ איז צו מיר צוריקגעקומען דער קטיגור אויפן יידישן פאָלק.

געוואַלט, וואָס פאַר א פאָלק זענען מיר, וואָס אָן קאָנקורעניץ, מחלוקת און צעשפּליטערונג קאָנען מיר נישט אויסקומען א טאָג?

צוויי שניידער־יוניאָנס.

צוויי קצבים־יוניאָנס.

און צוויי יידישע בית־דינס שוין אויך!

און מיר ווילט זיך אויסרופן: פע, ר׳ ישראל, שעם זיך!

נאָר אין א ווײַלע כאַפּ איך זיך, אז איך באַגיי א נאַרישקייט. נישט אַזוי דאַרף מען צוגיין צו א פאָלק און זיינע פעלערן.

א פאָלק ווערט געבוירן מיט פעלערן, ווי מיט מעלות. א פאָלק לעבט מיט אייגענע חסרונות.

און אפשר איז דאָס טאַקע זיין מעלה.

א פאָלק מוז האָבן חסרונות; דאָס איז זיין קולטור, זיין קאָ־ליר, זיין חותם.

און דער חותם פון א יידן איז: קאָנקורענץ.
דאָס איז דער עיקר.
פרנסה — מהיכא תיתא. וועט עס זיין, איז אודאי גוט.
אָבער דאָס איז נישט די הויפּט־זאַך. די הויפּט־זאַך איז: קאָנקורענץ.
א ייד עפנט א געשעפט נישט אזוי צו פארריכטן זיין אייגענעם שלימזל — נאָר בעיקר, כדי קאָליע צו מאַכן יענעם.
דער הויפּט־מאָטיוו איז מחלוקת און פּוסטער שטאָלץ, וואָס גייט נאָך נאָך מחלוקת.
— אָט וועט איר זען, — מאַכט זיך א ייד, — ווער ס'וועט קאָנען לענגער אויסהאַלטן! איך, צי ער!
— אָט וועלן מיר זען, ווער ס'וועט פריער אנטלויפן, איך צי יאָסל!
און צוליב דעמדאָזיקן וויכטיקן טעם, זוכט א ייד אוים זייער ווינציק נייע קוועלן פאַר פרנסה — נאָר עפנט כמעט תמיד א קראָם פונקט אנטקעגן יענעם, און מיט דערזעלבער סחורה, דווקא מיט דערזעלבער.
— אז ע ר מאַכט א לעבן, וועל א י ך אויך מאַכן!
— און וואָס הייסט, איך זאָל אים צולאָזן אָנצושטאָפּן זיך מיט גאָלד!
און אָפּט דאַכט זיך מיר, אז א ייד איז גאָר קיינמאָל נישט אויסן דאָס לעבן־מאַכעריי.
דאָס איז צו־קליין פאַר אים.
צו־נישטיק. פרנסה, עט, בע!
א ייד זוכט צום אלעם ערשטן אן אידעאַל.
אומעטום אן אידעאַל, אפילו אין קראָם.
און אפילו מחלוקת איז ביי אים אן אידעאַל.
דאָס איז ביי אים, קאָן מען זאָגן: אלץ לשמה.
און אז יידן זענען בריות אויף מחלוקת, קאָנקורענץ, און שפּאַלטונגען, דאָס איז דאָך וועלט־באַוווּסט.
און ווען איר וועט זיך צוקוקן, ווי יידן שפּאַלטן זיך, וועט איר זען, אז זיי טוען עס מיט דער גרעסטער שמחה.

עס איז ביי זיי א יום־טוב צו צעשפאלטן א פארטיי, א יוניאן, א חברה. און ביי אונז שפאלט מען אפילו קעפ מיט — אידעען.

און נאך א זאך:

א ייד האט ליב צו טאן זיין אידעאלע ארבעט נאר צווישן זיינע ברידער.

אין דעם איז ער זייער באוווסטזיניק־פאטריאטיש.

א ייד שטופט זיך דוקא אויף א צווייטן יידן.

שטעלט זיך נאר אויף אן אנדער יידנס הינער־אויג.

א ייד גייט אוים ממש פון ליבע, אנצוטרעטן א צוו׳יטן יידן.

און ווען איך טראכט אמאל וועגן די גרויסע שטורעמווינטן, וואס באפאלן שטעט און מאכן אן א חורבן, פאלט מיר איין: אז ווען איין ייד הויבט אן האנדלען מיט טארנאדאס, און שיקט א טארנאדא פון צפון־זייט, וואלט א צווייטער ייד זיכער ארויס־געשיקט א טארנאדא פונקט אנטקעגן.

ער וואלט נישט פארגונען, אז בערל זאל אליין מאכן א חורבן.

פארוואס קומט עס בערלען?

— וואס איז דער יחוס מיט אים?

צי איך האב ערגעץ געלייענט דאס מעשהלע, אדער איך האב עס אליין אויסגעטראכט.

נאר א שיין מעשהלע איז עס:

עס דערציילט זיך אזוי:

א ייד האט אמאל געכאפט א פלוי.

עס האט אים אפגעגאלטן.

איז ער אויף מארגן אינדערפרי תיכף ארוים אין מארק.

און זיך גענומען בארימען:

— איך האב געכאפט א פלוי, און איר קענט נישט כאפן!

און גלייך האבן יידן פון אלע זייטן גענומען פרעגן:

— וואס טוט מען מיט דער פלוי?

— איז עס א געשעפט?

— מיט דער פלוי? אודאי איז עס א געשעפט! מען נעמט אראפ די פעל און מען מאכט פוטערלעך!

— אזוי? פוטערלעך!

— איז עס דאָך אַ געשעפט!

— און וואָס הייסט, מיר זאָלן איבערלאָזן מענדלען אַליין אַזאַ גליק!

— יידן, לאָמיר זיך נעמען כאַפּן פּליי!

און דער סוף איז געווען, אַז אַלע יידן האָבן איבערגעלאָזט זייערע געשעפטן און זיך גענומען כאַפּן פּליי.

געכאַפּט האָט אַפילו קיינער נישט, נאָר מען האָט נישט אויפגעגעבן.

ווייל אויך די אייגענע מעשה: קאָנקורענץ.

ווי לאָזט מען איבער אַ יידן אַליין מיט אַזאַ גרויס געשעפט?

— — — — — — — — — — — — — — —

אין מיין געגנט, וווּ איך וווין, האָט אַ ייד חרוב געמאַכט זיין הויז, אַ שיין הויז, נישט ווייט פון פּאַרק, צוליב קראָמען. ער האָט צעשטערט די וווינונג און געמאַכט פון דעם קראָמען.

די קראָמען פּוסטעווען — אָבער אים אַרט עס נישט.

ווייל דער עיקר איז ביי דעם יידן:

מען טאָר נישט לאָזן אַנדערע פאַרכאַפּן אַלע קרעמערישע גליקן.

און אַפילו אונזערע קאָאָפּעראַטיוון בין איך חושד, אַז זיי האָבן געעפנט אייגענע קראָמען, נישט אַזוי, כדי צוצוגעוווינען זייערע מיטגלידער צו קאָאָפּעראַציע, נאָר כדי צו ווייזן די קרעמער פון דער געגנט, אַז נאָר זיי אַליין קענען מאַכן געשעפטן.

עס איז די יידישע מדה פון קאָנקורענץ, וואָס באַוועגט אַלע אונזערע מעשים און באַוועגונגען!

און אַמאָל טראַכט איך, אַז אויך שמואל ווייצמאַן, דער, וואָס איז זיך אַזוי מתעסק מיט באַזעצן יידן אויף ערד אין סאָוויעטרוסלאַנד, טוט עס אויך נישט פון גרויס גלויבן, אַז די יידן וועלן דאָרטן געהאָלפן ווערן — נאָר פּשוט צוליב קאָנקורענץ מיט זיין ברודער חיים.

אָט, — זאָגט זיך שמואל, — וועל איך דיר, חיימקע, ווייזן, אַז נישט נאָר דו ביזט דער קנאַקער! איך קען אויך! דו באַזעצסט יידן — איך אויך!

איר ווייסט, ווי אזוי יידישע יונגעלייט רייסן זיך אריין אין דער יידישער ליטעראַטור?

איר מיינט מיט טאַלאַנט? איר מיינט, זיי הויבן אָן פון שרייבן גוטע זאַכן: פיינע לידער, גרויסע עסייען? חס ושלום! עס איז דאָ אַן אַנדער וועג, אַ לייכטערער! זיי הויבן אָן פון נישט פאַרגינען און פון קאָנקורענץ. עס קלייבן זיך צוזאַמען דריי אָדער פיר יונגע־לייט און הויבן אָן בחברותא קרימען די נעזער אויף די אַלטע יידי־שע פּאָעטן, אויף דער קריטיק — און זיי קרימען אָפּ אזוי עטלעכע וואָכן, ביז זיי ווערן אָנערקענט אַלס וויכטיקע יידישע שריפט־שטעלער.

הכלל: אָט אזוי זענען מיר און דאָס זענען מיר. און וואָס איז דאָ אַ סך צו טענהן? — עס וועט דען העלפן?

מיט דער נאָדל

„דער אגראָ־דזשאָינט מיט דער סאָוויעט־רעגירונג וועלן באַזעצן נייע 125 טויזנט יידן אויף ערד".

איין וויכטיקע נייעס.

די צווייטע: די געווערקשאַפטן מיטן אַרבעטער־רינג רופן אַ קאָנפערענץ, ווי אַזוי צו העלפן די רוסישע יידן מיט נייַ־מאַשינען.

איבערגעלייענט ביידע וויכטיקע נייעסן און ביי מיר האָבן זיך תיכף צוזאַמענגעפלאָנטערט: ערד, ניי־מאַשינען, קאָלאָניזאַציע, שער, נאָדל...

און איך האָב זיך געזאָגט: פאַרפאַלן, שיקזאַל! דאָס יידישע לעבן גייט זיך זיין וועג.

מען קאָן עס מיט געוואַלט נישט איבערמאַכן.

אפילו נישט סטאַלין.

און סוף־כל־סוף וועט נאָך די ניי־מאַשין זיגן איבערן אַקעראייזן, מיט סטאַלינען צוזאַמען...

ווייל ווען איך שטעל זיך אָפּ די פראַגע: וואָס איז יידיש לעבן?

הויבט זיך מיר אָן דוכטן, אַז יידיש לעבן מיינט אַן אַרויסרייסן זיך פון שניידעריי, און אַריין צוריק אין שניידעריי.

אַ ייד וואַרפט אַוועק פון צייט צו צייט די נאָדל צוליב דער אָדער יענער סיבה, ער ווערט אַן ערד־אַרבעטער, אַ קרעמער.

אָבער פון באַרוף איז ער אַ שניידער...

שניידעריי איז דער עיקר פון אונזער עקזיסטענץ און מחלוקתן...

די איבעריקע זאַכן זענען בייזאַכן. אַ צולייג צו שניידעריי... אַ מין „יתור" פון שניידער־טיש...

מיט דער ערד קאָן זיך אַ ייד שיידן.

אָבער מיט דער שניידעריי נישט.

ווייל שניידעריי איז פאַר אים מער צוגעפּאַסט, ווי אַלץ.

עס האָט געמוזט קומען אַזאַ גרויסע רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד, כדי מען זאָל צווינגען יידן צו גיין אויף ערד.

אָבער צו שניידעריי דאַרף מען יידן נישט צווינגען. זיי גייען צו דעם, זינגענדיק אַ חזניש ניגונדל.

אַ ייד קאָן ווערן אַן ערד־אַרבעטער; ער ווערט עס.

אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן גיט ער אַ וואָרף דעם אקער־אייזן און כאַפּט זיך צוריק צו שער און נאָדל.

אויף אַלע כלים שפּילן מיר.

מיר, די וווּנדער־קינדער פון דער וועלט.

אָבער אַמבעסטן אויף דער זינגער־מאַשין.

איך טראַכט אַמאָל פון דער ערד:

ערד, אַזאַ טייערע מאַמע, אַזאַ ליבע מאַמע. אָבער פאַר אונז איז זי נישט מער ווי אַ מליצה פון מאַפּוס „אהבת־ציון" אָדער פון איציק פעפערס אַ ליד...

אונזער אמתע מאַמע איז שניידעריי.

ווי זאָל מען עס פאַרשטיין?

איך פאַרשטיי עס אַזוי:

די ערד איז צופיל נישט־רירעוודיק פאַר אונזער טעמפּע־ראַמענט.

מיר זענען צו־דינאַמיש פאַר ערד־אַרבעט.

ערד איז אויך פשוט נישט באַקוועם: מען קאָן זי נישט נע־מען מיט זיך, ווען מען וואַנדערט אויס.

אָבער די נאָדל — זי איז רירעוודיק, ווי מיר. זי איז באַ־קוועם; מען קאָן זי שטענדיק נעמען מיט זיך.

א שטאָך אַריין אין לאַץ — און היידאַ אין עק וועלט אַריין!

אַ נאָדל — דאָס איז יידישע חריפות און שפּיציקייט. אונ־זער גורל: צו זיין די שניידערס פון דער וועלט.

ווערט ערגעץ אַ ריס — רופט מען אונז.

דאַרף מען ערגעץ לייגן אַ לאַטע — ווענדט מען זיך צו אונז: לאַטע־קינסטלער...

די נאָדל — דאָס איז דער שפּיץ פון אַלע אַנדערע טעטיקייטן.

מיר זענען אַ קאַפּיטשקע קורצזיכטיק, אָבער אויף אַריינצו־ציען אַ פאָדעם אין אַ לעכל פון אַ נאָדל — אויף דעם זענען מיר וייט־זעעוודיק.

טראַכט זיך אַריין אין דער נשמה פון שניידעריי און איר וועט זען, אַז דער עיקר איז פאַר אונזער שניידעריי — לאַטעס לייגן.

אַ ייד האָט ליב צו לאַטען.

דער זין פון אונזער גאַנצן לעבן איז דאָס לייגן אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

דאָ צערייסט זיך — אַ לאַטע.

דאָ געלייגט אַ לאַטע — און דאָרט צערייסט זיך.

קוקט זיך צו צו אונזער לעבן! — אַ וווּנדערלעך, מען קאָן זאָגן, געניאַל פאַרלאַטעט בגד!

אַלע פּאַרטיי־פירער אונזערע — לאַטוטניקעס.

אַזויפיל לאַטעס — און עס מאַכט דאָך דעם איינדרוק פון אַ גאַנצן מלבוש.

אַזאַ מלבוש — און קוקסט זיך צו, איז עס אַ לאַטע אויף אַ לאַטע!

אָט דאָ ליגט אונזער כח!...

איך גלויב, אַז יידן וועלן אין צען יאָר אַרום האָבן אַ פערטל מיליאָן אויף ערד אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אָבער איך גלויב נאָכמער: אַז אין צען יאָר אַרום וועלן מיר האָבן אַרום אַ מיליאָן שניידערס אין רוסלאַנד.

ווייל קרובים פון רוסלאַנד בעטן מאַשינען, מיינט עס — ניי־מאַשינען.

און די לאנדסלייט וועלן שיקן.
ווייל אין שניידעריי גלויבן זיי מער ווי אין ערד־ארבעט.
ווייל שניידערס זענען זיי אליין אָט ערשט געווען.
און אפשר נאָך איצט (אין דער נשמה אודאי). און איך חזר איבער:
פארפאלן! מיר קאָנען פון דער נאָדל נישט אוועק! די נאָדל— דאָס איז אונזער שיקזאל...
און איך שליס:
מיט דער נאָדל אין דער האנט
גיי איך אום פון לאנד צו לאנד.
מיט דער נאָדל און דער שער
וואנדל איך אהין, אהער...
ערד־ארבעט, מילא... וואָס קאָן מען זיך העלפן? אָבער שניידעריי — אדרבה ואדרבה...
לאנדסלייט, שיקט ניי־מאשינען!

דער ייד, וואָס וויל אַ חשבון

ער איז דאָ!
זינט די וועלט איז אַ וועלט און זינט מענטשן קהלן זיך.
ער איז אַלע מאָל דאָ, דער ייד, וואָס וויל אַ חשבון.
איך קען אים נאָך פונדערהיים.
אין שטעטל איז שטיל, רואיק. נאָר פּלוצלינג הויבט זיך אויף
אַ ייד, גיט אַ קלאַפּ אין טיש:
— איך וויל אַ חשבון!
— וואָס האָט מען געטאָן מיטן געלט?
— גיט אַ רעכענונג!
— אַ גנבה איז געשען!
און אַלע מאָל מאַכט עס אַ רושם.
מענטשן שטעלן אָן נאָז און אויערן.
— טאַקע, טאַקע. וואָס איז מיטן געלט?
און אַ שרעק באַפאַלט אייניקע.
ווייל פאַר דעם וואָרט חשבון ציטערן מענטשן.
ווייל פאַר דעם וואָרט חשבון האָבן מענטשן גרויס דרך־ארץ.
אין קלייניקייט — חשבון!
און מיינט איר, אַז ס׳איז זייער אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט
צו וועלן אַ חשבון, צו שרייען: גנבה? — ניין.
עס איז זייער אַ לייכטע, באַקוועמע זאַך.
דער עיקר — מען דאַרף וועלן געבן אַ קלאַפּ אין טיש.
דאָס איבעריקע קומט שוין פון זיך אַליין.
מען קאָן זיין אַ קנאַפּער העלד בטבע; אָבער פון דעם קלאַפּ
אַליין ווערט מען שוין אַ העלד.

ס'איז נאָך אַלץ אַ סך לייכטער צו ווערן אַ העלד דורך וועלן אַ חשבון בײַ דער און דער צדקה־געזעלשאַפט, ווי צו ווערן אַ העלד דורך לופט־פּליערײַ.

בײַ לופט־פּליערײַ איז דאָ אַ סכנה: אַ מענטש שטעלט אײַן זײַן אייגן לעבן...

בײַ חשבון־פאָדערונג שטעלט אַ מענטש גאָרנישט אײַן... אדרבה, עס איז כולו געווינס. ריינער ריוח...

ווײַל דאָס פאָלק גלייבט אַלע מאָל דעם טיש־קלאַפּער און חשבון־מאָנער.

דאָס פאָלק האָט שטענדיק גרויס אמונה אין דעם געשרײַ: „כאַפּט אַ גנב!"

ווײַל דאָס פאָלק, כאָטש עס ווערט תמיד איבערראַשט פון דעם געשרײַ „גנבה", — ריכט זיך דאָך תמיד אויף דעם.

וואַרט אויף דעם... אָט־אָט און מען וועט עמעצן כאַפּן... אי־נעווייניק, אין דער נשמה פון פאָלק, הויערט שטענדיק דער חשד, אַז מען באַגנבעט אים, דער חשד ליגט און וואַרט אויף דער גוטער שעה, ביז עס וועט קומען דער מענטש און וועט עס באַשטעטיקן...

פאָדערן אַ חשבון, הייסן עפענען ביכער, איז בכלל אַ לייכטע אַרבעט, לייכט, ווײַל דעם, בײַ וועמען מען פאָדערט דעם חשבון, איז שווער.

שווער — ווײַל מען כאַפּט אים אַלע מאָל אינמיטנדערינען, פּלוצלינג, אומגעריכטערהייט.

אָט שטעלט זיך פאָר אַזאַ בילד:

ווען איינער קומט צו אײַך צו אינמיטנדערינען, גיט אײַך אַ שטעל אָפּ מיט אַ געשרײַ:

— מענטש! מיר ווילן פון דיר אַ חשבון!

— זאָג, וואָס האָסטו אויפגעטאָן און אָפּגעטאָן ביז איצט?

וועט איר בלײַבן אָן לשון.

וועט נישט וויסן, וואָס צו ענטפערן.

איר וועט נעמען שטאַמלען.

פאַרוואָס? — ווײַל יעדער מענטש, ער מעג זיך זײַן דער

פינקטלעכסטער, איז קיינמאָל נישט גרייט אָפּצוגעבן אַ חשבון, צו עפּענען די ביכער פון זיין לעבן...

ווייל לעבן מיינט: מאַכן חובות.

פאַרשרייבן און מעקן.

חשבון — מיינט אַ סך־הכל... און דאָס ליגט יעדער אָפּ אויף שפּעטער... ס'איז נאָך דאָ צייט...

באמת, ווייל קיינער נישט געבן קיין חשבון. קען נישט געבן קיין חשבון, ווייל אפשר פעלט טאָקע צום חשבון, אפשר איז טאָקע דאָ אַ גנבהלע?...

ווייל וואָס איז לעבן אָן אַ גנבהלע?

און דאָסזעלבע, וואָס מיט איין מענטשן, איז מיט אַ גאַנצער געזעלשאַפט, אַ חברה. מיט אַ „דזשאָינט" אפילו.

חשבון — צו וואָס?

אודאי, אַז מען צאַפּט פון אַ פאַס, רינט זיך עפּעס אויס...

ערגעץ־ווו מוז ווערן אַ שפּאַלט.

אודאי מוז ערגעץ פעלן.

עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך...

און בפרט מוז פעלן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן געלט.

פּאַפּיר־געלט איז זייער אַ גלאַט־גליטשיקע זאַך, און אָפּט נישט־ווילנדיק גליטשט זיך עס אַרונטער...

גאָלד־געלט האָט אַ כּישוף־קלאַנג. עס פאַרכּישופט, פאַרטויבט און אַמאָל פאַרטויבט עס דאָס אייגענע געוויסן.

און מיט געלט עוסקן זיך הענט.

און הענט האָבן פינגער און פינגער האָבן אין זיך אָפּט נערוועזיטעט... אַזאַ מין עלעקטריציטעט.

און פון נערוועזיטעט טוט אַמאָל אַ מענטש, וואָס ער וויל נישט, ער פאַרציילט זיך...

אַ האַנט האָט אַ נייגונג צו פאַרדריקן זיך. און אַמאָל כאַפּט זיך אַ מענטש פּלוצלינג, אַז ער האָט פאַרדריקט אין דער האַנט פרעמד געלט, קהליש געלט...

איך האָב ליב די חשבון־זוכער, אָבער איך האַלט נישט צופיל פון זיי.

דערהויפּט האַלט איך נישט פון די, וואָס פאָדערן חשבונות ביי רעטונגס־געזעלשאַפטן.

ס'איז ביי מיר פּונקט ווי פאָדערן אַ חשבון ביי אַ פייער־לעשער.

כאַפּט אַ פייער־לעשער און בעט ביי אים חשבון, וועט ער נישט קענען געבן.

געוויס האָט דער פייער־לעשער, קלעטערנדיק, עפּעס פאַר־טשעפּעט, צעבראָכן, איבערגעפירט, פאַרנעצט...

אודאי עפּעס נישט דערזען אין רויך...

זיכער נישט געראַטעוועט לויט אַלע דינים פון רעטונגס־שולחן־ערוך.

און אודאי און אודאי איבערגעגאָסן וואַסער, ווי מען האָט נישט געדאַרפט...

אָבער מיינט נישט, אַז איך בין קעגן די חשבון־מאַנער. —

אדרבה, זאָלן זיי!

עס איז גוט פון צייט צו צייט אַ מאָן צו טאָן.

אפילו ווען עס מיינט בלויז צו דערמאָנען, איז עס שוין אויך גוט. און אויב ס'איז נישט גוט פאַר די, ביי וועמען מען מאָנט, איז עס אָבער זיכער גוט פאַר די געבער.

„גיט אַ חשבון!" — איז דאָס לעקעכל פאַר דעם געבער...

אַ מענטש גיט, גיט נדבות, האַלט אויף די און די חברה, און ווייס נישט באמת, וואָס מען טוט מיט זיין געלט... ווייס נישט.

ער פילט נישט קיין טעם פון דעם...

ערשט, ווען ער הערט, אַז מען האָט אין זיין חברה געגנבעט, דערפילט ער דעמאָלט, אַז מען האָט עפּעס געטאָן מיט זיין געלט...

ער דערפילט דעם טעם פון זיין פילאַנטראָפּיע. און ער ווערט שטאָלץ: ער האָט געגעבן און זיין געלט צעשלעפּט מען עס!... האָ! האָ! האָ!

און דערצו גנבעט זיך ביים געבער אויך אריין אַ געדאַנקעלע:

וויבאַלד אַז מען גנבעט, קאָן מען דאָך אויפהערן געבן...

דער ייד, וואָס וויל אַ חשבון!

אונזערע גבירים און זייערע

יעקב שיפס טויט האָט מיך ארויפגעבראַכט אויף פאַלגנדיקע געדאַנקען וועגן יידישע גבירים, טויטע און לעבעדיקע:

אויבנאויפיק דוכט זיך אויס, אַז מיר נויטיקן זיך זייער אין גבירים. זייער און זייער; אַז גבירשאַפט איז אונזער איינציקע שטיצע אין גלות; אַז נאָר בזכות פון אונזערע געלט־זעק לעבן מיר; אַז זיי גיבן אונז שוץ, כבוד און אַלץ מיטאַנאַנדער... אָבער דאָס איז אַלץ אויבנאויפיק... טיפער גענומען — זענען אונזערע גבירים פאַר אונז אַן איבל, אַן אומגליק און אָפט אויך אַ שאַנדע...

מיר קאָנען זיך נישט פאַרגלייכן צו אַנדערע פעלקער. מעג־לעך, אַז פאַר אַנדערע פעלקער זענען גבירים אַ גליק, ווייל ביי זיי איז אַ גביר בלויז אַ גביר. קיין פירער פון פאָלק ווערט ער נישט. ער באַרויבט דאָס פאָלק אויפן אייגענעם רעכענונג און באַגליקט דאָס פאָלק אויך אויפן אייגענעם רעכענונג... קיין פירערשאַפט בינדט זייערער אַ מיליאָנער אויפן פאָלק נישט אָן. ער איז דער האַר פון דער בירזשע, דער קעניג פון געשעפט, דער פרעזידענט פון בענק און טרעסטן — אָבער נישט מער... אַ קאַרנעגי, אַ ראָקע־פעלער, אַ מאָרגאַן, האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פרעטענזיעס אויף פירערשאַפט, און דעם פאָלק איז גאָר קיינמאָל נישט איינגע־פאַלן צו מאַכן זיי פאַר פרעזידענטן פון לאַנד. און טאָמער האָט הענרי פאָרד אויף זיין אייגענער רעכענונג געוואָלט איינמאָל זיך איינקויפן אין פירערשאַפט, איז ער דורכגעפאַלן...

אַנדערש איז אָבער ביי אונז, יידן. ביי אונז, וויבאַלד נאָר אַ גביר — איז תיכף אַ פירער, אָדער אויף אַ טייל פון פאָלק, אָדער פון גאַנצן פאָלק...

די גרויס פון דער פירערשאַפט ווענדט זיך תמיד אָן דער גרויס פון דער גבירשאַפט... גלייך ווי איינעם געלינגט צו קריגן ביי אונז אַ מיליאָן, לייגט ער זיך באַלד אָן מיט זיין געלט־משא אויפן פאָלקס קערפּער און באַפעלט: טראָג מיך און גיב מיר אָפּ כבוד! און דאָס ערגסטע איז, וואָס מיר, קבצנים, פאָלגן און טראָגן טאַקע. קרעכצן און טראָגן... און אַזוי ווערט יעדער פולער בייטל אונזער ראש און עלטסטער...

ווען יעקב שיף וואָלט בלויז געגעבן נדבות ווי ראָקעפעלער, אָדער קאַרנעגי, און זיך נישט געמישט אין אונזער לעבן, און נישט געזאָגט קיין דעות אויף אונזערע פירונגען, און נישט געלערנט אונז קיין דרך־ארץ, און נישט געזאָגט אונז קיין מוסר — וואָלט ער געווען בלויז אַ גביר... יעקב שיף האָט אָבער אַנדערש געטאָן: ער האָט געגעבן אַ נדבה אויף אַ תלמוד־תורה און געזאָגט דעות אויף אונזער גאַנצער קולטור. ער האָט געגעבן אַן אונטערשטיצונג אויף אַ שפּיטאָל און דערביי אונז פאַרשאַפט די גרעסטע גייסטיקע יסורים און ווונדן...

און נאָך אַ זאַך איז שלעכט מיט אונזערע גבירים: וואָס מיר קאָנען זיי נישט באַקעמפן.

אויף ראָקעפעלערן אָדער מאָרגאַנען קאָן דאָס פאָלק אויסגיסן זיין גאַנצן גרימצאָרן, ווען זיי האָבן חשק, ווייל זיי זענען בלויז גבירים. אונזערן אַ גביר מוזן מיר שווינגן און פאַרשווייגן זיינע חטאים, ווייל ער איז מער פון אַ גביר — ער איז אונזער פאַר־טרעטער פאַר דער וועלט — אַ נישט־געבעטענער, אָבער אַ פאַר־טרעטער — אונזער „קאָפּ" פאַרן לאַנד, און אָפּט פאַר דער גאַנ־צער וועלט — הייגט גיי באַקעמפּ אים! ער איז אונזער גאָלדן מויל, זילבערנע ליפּן, הייגט גיי עפן אַזאַ טייער מויל און רייס אים די קאַפּיטאַליסטישע ציינער!...

און דעריבער איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס אַפילו אונזער סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט באַדויערט דעם טויט פון יעקב שיף...

נאָר דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. אָבער עס איז דאָ אַ פּיל ערגערער איבל:

צוליב אונזערע, אויף די פינגער געציילטע, גבירים, טייטלען אונזערע שונאים אויף אונז אַלעמען מיט די פינגער און מען ציילט אונז קלעפּ און סטוסאַקעס, פיזישע און מאָראַלישע. מיר, מיליאָנען קבצנים, דאַרפן ליידן פאַר די זינד פון די עטלעכע מיליאָנערן אונזערע...

פריינט סטאַטיסטיקער, נעמט זיך און רעכנט אויס, וויפל צרות מיר האָבן זיך אָנגעליטן בלויז צוליב איין ראָטשילד!

מיר דוכט זיך, אַז ווען מען זאָל נעמען ראָטשילדס אַלע טובות פאַר אונזער פאָלק אויף איין שאָל, און די רעות, וואָס מיר האָבן געהאַט צוליב אים אויף דער צווייטער — וועט די צווייטע זיכער אַריבערוועגן...

לויט מיין בליק אויף אונזער קבצנות און עשירות, האָבן מיר געדאַרפט איינס פון די צוויי: אָדער באַשטיין פון כולו גבירים, בלויז פון מיליאָנען ראָטשילדס און שיפס — דאַן וואָלטן מיר אפשר טאַקע אויף אַן אמת באַהערשט די וועלט — און נישט נאָר אין אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן... אָדער, מיר האָבן געדאַרפט זיין אַ פאָלק פון בלויז קבצנים און האָלעדריגעס, און דאַן וואָלט די וועלט נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן אונז. דאַן וואָלטן מיר געהאַט אויך אונזערע אייגענע קבצנישע פּירער...

אָבער אַזוי ווי ס'האַלט איצט, זענען מיר אַ פאָלק פון 99 פּראָצענט קבצנים, וואַנדערער, וויזע־מאַכער, גלותניקעס, אימיגראַציע־באַקעמפער און עולם־הבאניקעס, מיט בלויז איין פּראָצענט מיליאָנערן, גבירים, עשירים און עולם־הזהניקעס — און דעריבער טויגן מיר בלויז אויף בלבולים און פּאָגראָמען...

וואָס איז אַ שונא?

דערציילט מען:

שטייט זיך אַזוי אַ ייד אין מאַרק, אַ ייד אַ שטילער, אַ פריד־לעכער און טראַכט געוויס וועגן פרנסה. פּלוצלינג לויפט צו אים צו אַ צווייטער ייד און דערלאַנגט אים צוויי פייערדיקע פּעטש, זאָגנדיק דערביי: „אָט דאָס האָסטו דיר, יאָסל, בלויז דערוויילּ, און אַדערויף!...״

כאַפּט דער ייד, וואָס האָט געכאַפּט די פּעטש, נעבעך, און צע־געוואַלטעוועט זיך: „גזלן! רוצח! ס׳טייטש, היתכן? פאַרוואָס פּאַטשט איר מיך? איך הייס דאָך גאָרנישט יאָסל!״

פאַרטראַכט זיך דער ייד, וואָס האָט געגעבן די פּעטש, אויף אַ ווייַלינקע און זאָגט מיט אַ גמרא־ניגון: „מאָדנער ייד, וואָס איר זענט! וויבאַלד איר הייסט נישט יאָסל, טאָ וואָס מאַכט איר דאָ פאַר אַ געוואַלטן?... איך האָב דאָך גאָר געפּאַטשט יאָסלען!...״

צו וואָס דערצייל איך אייך דאָס? — באמת וויים איך אַליין נישט קלאָר... אפשר בלויז אַרויסצורופן ביי אייך אַ געלעכטער. ווייל עס ווילט זיך אַזוי הערן אַ געלעכטער! מען האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געלאַכט אין אונזערע מקומות. אַלע, אַלע זענען מיר ערנסט געוואָרן, טרויעריק געוואָרן, מרה־שחורהדיק געוואָרן, און כאָטש מיר וואַרפן אַרויף די שולד אויף דער צייט, ווערט דאָך דער־פון נישט פרייַלעכער...

און טראַכט איך אַמאָל וועגן שלום־עליכמען, דוכט זיך מיר,

אז אויך ער וואָלט מן־הסתם נישט געקאָנט מאַכן לאַכן אין דער איצטיקער צייט, ווייל באמת האָט ער שוין די לעצטע יאָרן אויך נישט געלאַכט, זיין הומאָר איז געווען דער הומאָר פון א יידן, וואָס הענגט אויף א בוים און קוקט אוים, ווי ער וואָלט געשטאַנען שמונה־עשרה...

איז אפשר טאַקע זאָל דער אַנעקדאָט מיט די פּעטש בלייבן בלויז ארויסצורופן א לאַך? אָדער אפשר זאָל איך אים פאַרטיפן?... זענען מיר, יידן, גאַנץ אָפט נישט אין דער לאַגע פון יענעם יידן פון דעם אַנעקדאָט, וואָס הייסט גאָרנישט יאָסל און כאַפּט דאָך פּעטש, אָדער ער כאַפּט פּעטש, כאָטש ער הייסט נישט יאָסל?...

איז דען דאָס פאַרענטפערן זיך פון אונזערע שונאים פאַר די פּאָגראָמען אויף יידן אויך נישט פון דעמזעלבן „יאָסל־שטאָף״? זיי שלאָגן יידן און פאַרענטפערן זיך, אז זיי שלאָגן נאָר באָלשעוויקעס; אָבער די קלעפּ בלייבן ביי אונז. מיר, די נישט־יאָסלס, כאַפּן די פּעטש, כאָטש מען פּאַטשט גאָרנישט אונז, נאָר די יאָסלס...

און אז איך האָב זיך שוין פאַרטיפט, וועל איך שוין גיין נאָך טיפער: איר ווייסט, וואָס מיר דוכט? מיר דוכט, אז באמת האָבן מיר גאָרנישט קיין שונאים, ווי אַלע פעלקער...

מיר קענען קיינעם פון די פעלקער נישט אָנרופן אונזערע שונאים, ווייל — וואָס איז א שונא?

א שונא הייסט נאָר אַזעלכער, מיט וועמען מען קאָן זיך פאַר־מעסטן אין כחות, פאַרגלייכן אין קרעפטן, מיט וועמען מען קאָן זיך אָפּרעכענען!

אָבער וואָס טוען אונזערע שונאים?

אונזערע שונאים פאַרמעסטן זיך נישט מיט אונז; זיי מאָרדן אונז פשוט אוים און גאָר...

מיר האָבן מערדער, און נישט קיין שונאים!

וווּ איז אונזער שנאה צו די גוים, ווו?

איך האָב בייגעוווינט צענדליקער פּראָטעסטן אונזערע קעגן פּאָגראָמען, אומציילִיקע פאַראַדן אין די גאַסן, און איך האָב נישט

באמערקט קיין אמתע שנאה, קיין ריכטיקן האס אין די אויגן פון די פראָטעסטירנדיקע און פאראדירנדיקע.

וואס־זשע ליגט יאָ אין דעם יידישן אויג? — פ א ר א כ ־ ט ו נ ג !

מיר פאראכטן בלויז אונזערע „שונאים" — אָט וואָס! צו דער הויכער מדרגה פון פיינט־האָבן, האָבן מיר נאָכנישט דער־גרייכט...

און וואס איז פ א ר א כ ט ו נ ג — אויב נישט א סימן פון שוואכקייט, א צייכן פון הילפלאָזיקייט?

כדי פיינט צו האָבן, מוז מען קענען מאכן א קולאַק, אָנשטעלן א ביקס, ארייננשיסן יענעם א קויל—פארשפייען יענעם מיט בליי— אָבער כדי צו פאראכטן — איז גענוג אביסעלע ביטול היש, א קאַ־פעטשקע רעזיגנאציע, א סך הכנעה און א שפיי אין א ווינקעלע פון טרוקענעם מויל ארויס...

פיינט האָבן — מיינט האָבן די מעגלעכקייט פיינט צו האָבן; פאראכטן — מיינט קענען שלינגען די אייגענע טרערן, שטיקן זיך מיט די אייגענע ווונדן, — און דאָס דערלויבט מען אונז אומעטום.

פיינט האָבן איינע די אַנדערע — קאָנען בלויז געזונטע פעל־קער. ביי זיי הייסט עס א שנאה פון גלייכע צו גלייכע; שוואכע פעלקער קאָנען בלויז פאראכטן און שילטן.

און דערפאר, אפנים, זענען מיר דאָס שטארקסטע שילט־פאָלק אין דער וועלט; ווייל שילטן — איז דאָס געווער פון שוואכע.

א סימן האָט איר: גראָד די פרוי, דאָס שוואכע געשלעכט, איז די בעסטע שילטערקע...

נאָך פאַר קאָלאָמבוסן

„יידן האָבן אנטדעקט אמעריקע נאָך פאַר קאָלומבוסן".

„מען האָט געפונען סימנים פון א יידישער מלוכה מיט איי־בער 1000 יאָר צוריק".

„יידן האָבן אין אמעריקע געהאַט מלכים און געפירט מלחמה מיט די אינדיאַנער".

לייען איך דידאָזיקע געקעסטלטע נייעס אין די צייטונגען און איך זאָג זיך:

נאָך אלעמען, איז טאַקע מיט אונז, יידן, נישט באַקוועם צו לעבן אויף דער וועלט.

מיר לאָזן קיינעם נישט צו צום פסוק...

דאָס פידעלע — מיר האָבן עס פארכאַפּט! די וועלט־אנטדעקונגען, די ביבל, די פאַרטיי־מחלוקתן — אויך מיר!

און דעם כבוד פון זיין די ערשטע אומעטום — אודאי מיר!

עס איז נישט גוט צו זיין א גוי אויף דער וועלט — דעם יחוס האָבן מיר, און זיי, די גוים, האָבן נישט מיט וואָס צו שטאָלצירן!

נאָכקומער, פאַרוועניוס...

אמאָל האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט א יונגער שרייבער, אַן אָנפאַנגער:

— ס'איז נישט גוט צו זיין אַן אָנפאַנגער! די רעדאַקציעס האָבן די „אַלטע" פאַרכאַפּט, די טעמעס אויך — און וואָס זאָלן מיר, אָנפאַנגער, טאָן?

אויך די גוים קוקן מיר אויס, ווי אָנפאַנגער. די רעדאַקציע פון דער וועלט האָבן מיר פאַרכאַפּט, די בעסטע טעמעס אויך, און וואָס בלייבט זיי צו טאָן?

צו שפּיגלען זיך בלויז אין אונזער יחוס?

ס'איז נישט פריילעך מיט די גוים.

אַט האָבן די „יענקים" געמיינט, אַז זיי זענען געווען די ערשטע אין אַמעריקע, און זיי זענען די יחסנים — ערשט עס הויבט זיך נישט אָן.

די ערשטע זענען גאָר די יידן!

און ס'איז, כ'לעבן, אַ רחמנות אויף די בלוי־בלוטיקע אַמעריקאַנער!

*　*
*

עס קומט אויס אַזוי: קומט עמעצער פריער, קומט אַ י י ד נ אָ ך פ ר י ע ר.

אַ ייד איז זיך מקדים, פעדערט זיך און שטייט אויף אַ גלאַנץ אויף טאָג, כדי צו זיין דער ערשטער!

און ס'איז פּאַראַדאָקסאַל: די גוים, וועלכע לייגן זיך דאָך בטבע פרי שלאָפן — פאַרשלאָפן „די פעדערונג".

און מיר, יידן, וועלכע האָבן ליב צו פּראַווען „חצות" ביי מי־טינגען און ביי אַ קערטל, — קענען זיך אַזוי וויל מקדים זיין...

און די גוים קוקן מיר אויס ווי פאַרשפּעטיקטע.

און ס'איז אַ רחמנות אויף זיי.

אַט נעמט טאַקע די מעשה, וואָס יידן האָבן שוין געהאַט מלכים אין אַמעריקע. — איז דאָס אויך נישט קיין אָנגענעמער עסק: טאָמער פאַלט איין אַמעריקע צו ווערן אַזוי „פּראָגרעסיוו" און קרוינען אַמאָל אַ קעניג איבער זיך, וועלן קומען די יידן און זאָגן מיט גרויס ביטול:

— אויך מיר אַ נייעס! אַמעריקע האָט שוין געהאַט יידישע מלכים נאָך מיט 1000 יאָר צוריק!

*　*
*

איך זאָג: מיר זענען צו־אַלט, איז דאָס אויך פאַר אונז א קנאַפּ גליק, לאָזן מיר אָבער נאָך קיינעם נישט צו צום גליק.
גוים טאָרן נישט אַלט זיין!
מ י ר האָבן די פּריווילעגיע פון אַלט זיין, מ י ר!
אַלע פעלקער מוזן זיין „צוציקעם" קעגן אונז, יינגלעך, אָנ־פאַנגער!
און וואָס איז דאָס פאַר א גליק, כ'פרעג אייך?
אונזערע עלטער־עלטער־עלטער־זיידעס ליגן אין די זאַמדן פון אריזאָנא, און אַמעריקע געהערט צו די מאָרגאַנס און הוירסטס און ראָקעפעלערס!
אונזערע „מלכים" מיט טויזנטער יאָרן צוריק ליגן מיט די אַרבע־כּנפות ארויף, ווי ביאַליקס „מתי מדבר".
און קולידזש, א פּראָסטער גוי, פון קנאַפּן יחוס — קיניגט און מלכט איבער אַמעריקע.
מיר, יידן, זענען, זאָגט מען, גוטע סוחרים, אָבער אינדער־אמתן איז עס נישט אזוי.
מיר האַנדלען מיט פאַרגאַנגענהייט, מיר מנחם־מענדל־עווען מיטן יחוס־עבר, און זיי, די גוים, האָבן דערווייל דעם ה י י נ ט, דעם איצט.
און וועמען איז בעסער?
מיר האָבן דעם אויבנאָן אין דער געשיכטע — און דאָס מיינט א י ן דער ערד.
און זיי דעם אויבנאָן אין לעבן א ו י ף דער ערד.
ווער מאַכט א בעסערן מסחר?
מיר דאַכט זיך אָפּט, אַז מ י ר זענען שטיקלעך „קרענקס":
כאָט אונזער וועלן זיין אומעטום די ערשטע!
מיר זענען ווי אַלטע פּאָעטן, ווי קינסטלער מיט געגראַמטער פאַרגאַנגענהייט. אייפערזיכטיק אויף יעדן ניי־אָנגעקומענעם.
מיר פאַרגינען נישט.
און מיר שטעלן אויס אומעטום אונזער יחוס־צעטל, און טוען מיר עס נישט אליין, געפינען זיך אַזש גוים, וואָס טוען עס פאַר אונז...

צדיקי אומות העולם!

און איך זאָג זיך: פאַרוואָס לאָזן מיר נישט אַמאָל דער וועלט צו טאָן עפּעס אַליין פאַר זיך אויך?

פאַרוואָס מוז שטעקן אונזער גראָבער פינגער אומעטום און דרייען אין דער לופט, אַז מיר האָבן עס שוין געהאַט פריער, אַמאָל, מיט אַ צייט צוריק?

פאַרוואָס זענען מיר גרייט צוצונעמען אַלץ ביי די אָרעמע גוים?

האָט איר אַמאָל געפּרוּווט רעדן מיט אַ יידן אַ משכיל פון אַלטן דור?

אָט דערדאָזיקער ייד וועט אייך ווייזן פון דער גמרא און פון גלאַט ספרים, אַז יידן האָבן געוווּסט פון אַלע זיבעציק חכמות פון דער וועלט שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק... עלעקטרי און טע־לעגראַף און ראַס און ראַדיאָ און די בלינדע קישקע...

אויף אַלץ איז דאָ אַ רמז אין דער גמרא...

און איז דאָס נישט קאָמיש?...

* *

*

מיר, יידן, אין דער ראָלע פון „ערשטע".

איך מאָל זיך אויס אַזאַ בילד: פריער פאַר אדם הראשון איז געווען ייד הראשון...

און קומט אדם הראשון אַרונטער אויף דער ערד, מיט דעם באַוווּסטזיין און שטאָלץ, אַז ער איז דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט.

אַזוי האָט אים גאָט איינגעשריבן אין געבורט־שיין.

אָבער ער כאַפּט אַ קוק, — אוי וויי, — עפּעס אַ סוביעקט דרייט זיך אַרום מיט אַ שטעקעלע איבערן גן־עדן, זינגט עפּעס אונטער דער נאָז און ווינקט מיט נצחון.

גיט אים אדם אַ פרעג:

— ווער זענט איר, מיסטער?

— אַ ייד!

— ווען זענט איר אָנגעקומען אַהער?

— מיט 999 יאָר פריער פאַר אייך!

און דאַן, שטעל איך זיך פאָר, האָט עס אדם געחלשט, גע־געבן אַ פאַל אויף דער ערד, ווי אַ שטיק האָלץ, אין זיין גאַנצער מענטשישער גרויסקייט.

אַ קלייניקייט, אַזאַ איבער־רר־אַשונג!

און דאַן — ספּעקוליר איך, — האָט עס אים דער מאַכער פון אַלע מאַכערס, געמאַכט יענע באַקאַנטע אָפּעראַציע אין דער זייט, פון וועלכער ס'איז אַרויסגעקומען דאָס פיל־באַרימטע ווייב, עד היום הזה...

און אויך דאָס איז זייער קאָמיש...

נישטאָ וועמען צו לעבן

איר ווייסט, וואָס איך האָב זיך ארומגעזען?
אַז ביי אונז, יידן, איז פּשוט נישטאָ וועמען צו לעבן!
איר גלויבט מיר נישט? — אָט האָט איר אייך אַ חשבון:
אַ ייד איז ביז 20 יאָר אַ גאָרנישט: קיינער רעכנט זיך נאָכ־נישט מיט אים. אַ יינגל...
פון 20 ביז 25, הויבט מען זיך ערשט אָן ארומקוקן אויף אים — איז ווערט ער שוין אַן אַלטער בחור...
און מען הויבט אים שוין אָן באַוויינען און באַדויערן.
קוזינעס פון פאַרשידענע פּעטקייטן הויבן אים אָן דערגיין די יאָרן.
מומעס פון פאַרשידענע אויסקוקעכצן נעמען אים נודיען.
די משפּחה אַלס גאַנצע פאַרביטערט אים דאָס לעבן און אַ יידישער יונגערמאַן פון 25 יאָר גייט אום אויף דער וועלט אַ באַגראָבענער.
און וואָס באַשטייט זייערע יאָרן־דערגייעריי? — אין חתונה האָבן!
— ס'טייטש, אַזאַ אַלטער באָק און ער זיצט נאָך!
— בערל! ס'וועט דאָך אויף דיר אָנוואַקסן מאָך!
— זע נאָר די קנייטשן זיינע!
— אוי, דו ווערסט דאָך שוין גראָ!
— טאַטעלעך! די אַלטע בחורים האָבן דאָך גאָר קיין פּנים נישט!
— איך אין דיינע יאָרן האָב שוין געהאַט פיר קינדער!
— וואָס איז דער תּכלית צו זיצן אַן אַלטער בחור?
און אַזוי כסדר...
און דער 25־יעריקער יונגערמאַן, וואָס האָט נאָך גאָרנישט געלעבט, הויבט אַליין אָן גלויבן, אַז ער איז שוין אַלט.

און ווען ער האָט כח און מוט און האַלט אויס זיין בחור־שאַפט ביז 30 יאָר — איז ער אַליין ביי זיך שוין פאַררעכנט פאַר א זקן... פאַר אַן אויסגעשפּילטער פידל, פאַר אַן אויסגערויכער־טער ליולקע...

און ווען דער אָפּגעקלאָגטער מענטש האָט חתונה — האָט דאָך על פי שכל שוין געדאַרפט ווערן גוט?

האָט מען אים דאָך געדאַרפט לאָזן לעבן?

איז אָבער נישט ביי יידן.

תיכף ווי ער האָט חתונה — ווערט ער שוין אַן אַלטער מאַן. אַראָפּ פון מאַרק!

ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ער וויל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, דערמאָנט מען אים, אַז ער איז שוין אַן אויסגעפידלטער...

יידן האָבן זייער ליב צוצולייגן יאָרן.

דאָס איז זייער גרעסטער פאַרגעניגן.

איז ווען אייער פריינט ווייס אפילו אויף זיכער, אַז איר זענט נישט מער אַלט, למשל, ווי דרייסיק, וועט ער אייך פאָרט צולייגן א 5—6 יאָר.

און ער טוט עס נישט פון שלעכטקייט און רשעות — נאָר דוקא פון פריינטשאַפט. ער טוט עס מיט א שמייכעלע.

— וויפל זענט איר אַלט? — גיט ער אייך א טאַפּ.

איר זאָגט: 30. דעם אמת.

ווייל וואָס דאַרפט איר באַהאַלטן?

אָבער אייער פריינט מאַכט מיט א ליב שמייכעלע:

— גיי שוין גיי! דו ביזט דאָך אַלט 36!

— דו האָסט דאָך מיר אַליין פאַראיאָרן געזאָגט, אַז דו ביזט אַלט 35!

אויב עס האַנדלט זיך אין דער מצוה פון צושטעלן יאָרן, מעג אייער בעסטער פריינט אייך מאַכן פאַר א ליגנער און זיך אַליין אויך.

הכלל, אין בעסטן פאַל, פון 30 ביז 40 יאָר גייט איר אַרום ערב זקנה.

און ווען איר ווערט אַלט 40 יאָר, דאַן איז שוין אויס. כאַטש נעם און באַשטעל שוין אַ לויה!

אַלט איז קיין וואָרט נישט, — אַ זקן ממש!

און מען גיט עס אייך ביי יעדער געלעגנהייט צו וויסן און צו פילן.

— איר זענט שוין נאָך 40, נו, שוין!...

— נאָך אַלעמען, ברודערל!

און בעסערע מענטשן נעמען זיך אויך אריין אין קאַראַהאָד.

— מיר, די נאָך די 40־ער, זענען דאָך שוין אַלטע יידן! דאָס איז נישט פאַר אונז!

און סך־הכל, איר לעבט נישט פון 40 ביז 50 — נאָר איר שלעפּט אייערע יאָרן.

איר שלעפּט זיי ווי אַ יאָך, ווי אַ האָרב.

ווי אַן איבעריקע זאַך, ווי אַ שוויגער.

ווי אַ זאַק מיט חובות.

קורץ: ווי אַ מושב־זקנים אויף דער פּלייצע.

און אַמאָל טרעפט, אַז איר דערשלעפּט זיי ביז 60... איז עס ממש אַ נס...

אָבער ביי גוים איז עס אַנדערש.

ביי זיי רעכנט מען זיך שוין מיט אַ 20־יעריקן מענטשן, מען טרויט אים אַן מיניסטער־שטעלע.

און אַ 30־יעריקער איז ביי זיי אַ יונגערמאַנטשיק.

און צו 40 גייט מען ערשט נאָך אַמאָל חתונה האָבן און מען איז ערשט ווידער דער אמתער יונגערמאַנטשיק.

צו 40 הויבט מען ערשט אָן לעבן און נעניסן.

און ביז 50 גט מען זיך און מען האָט ווידער חתונה און מען איז טאַקע ווידער אַ יונגערמאַנטשיק.

און צו 60 ראָמאַנסירט מען און מען שפּילט גאָלף.

און צו 70 איז מען — —

אַך, וואָס איז דאָ צו רעדן, אַ טייער פאָלק, דאָס גויאישע פאָלק! זיי לאָזן לעבן!

אונזער זאַטע באַוועגונגס־גאַס

אונזער באַוועגונגס־גאַס איז אַ זאַטע.

הונגעריק איז ביי אונז קיינער נישט. נישט נאָך ברויט פון דער ערד און נישט נאָך ברויט פון הימל. נישט נאָך פלייש און נישט נאָך אידעאַלן.

עס גייען ביי אונז אַרום (מיט די הענט אויף די הינטנס) פאַרשידענע זאַטע מענטשן, אַלערליי זאַטע יידן: פאַרטיי־פירער, באַוועגער — פון אַלערליי באַוועגונגען, טעאָרעטיקער פון כלער־ליי ריכטונגען, לעקטאָרס פון אַלע סאָרטן תורות און לערעס, אי־דעאַליסטן פון אַלערליי קאָלירן און פאַרבן, און אַלע זאַטע, אָנגע־געסענע, אָנגעפרעסענע און איבערגעפרעסענע, און מען רעדט מיט זאַטע שטימען וועגן איבערמאַכן, איבערבויען, איבעראַנדערשן די וועלט...

און דאָס עסק קומט פאָר כמעט אזוי:

מען עסט אָפּ אַ שווערן פרישטיק, און מען גייט אַרויס לייכטער צו מאַכן דעם פאָלק דאָס לעבן.

מען עסט אָפּ אַ פעט מיטאָג, און מען זעצט זיך זוכן מאָ־געֶרע פלענער, ווי צו העלפן דעם פאָלק. מען פרעסט אָפּ אַ רייכע וועטשערע, און מען שטעלט זיך רעדן פאַרן פאָלק וועגן אָרעמקייט.

מען שטאָפּט זיך אָן מיט פאַרשידענע פּאַטראַוועס אויף באַנ־

קעטן, אזוי אז מען קאָן זיך קוים אויפהויבן און מען לאָזט זיך אוועק פויל שמועסן וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דאָס אָרגאַניזירן, אַגיטירן, טאָן און רעדן איז בלויז אַ קליי־נער, אומבאַדייטנדיקער אַנטראַקט צווישן איין מאָלצייט און צווייטן. די גאַנצע דערלייזונגס־אַרבעט קוקט מיר אויס בלויז ווי אַ מין גייסטיק סערוועטל אויף אָפּצווישן דאָס מויל...

און שטייען דידאָזיקע זאַטע מענטשן אויף אַ בינע, און רעדן צום האַרצן פון פאָלק, דוכט זיך אויס, אַז די ווערטער זייערע קומען נישט פון האַרצן און אַפילו נישט פון מויל — נאָר בלויז פון בויך. ווייל דער בויך, אַט ביי די אַלע זאַטע פירער, איז אַ נ ג ע ז ע ע נ ע ר פון אַלץ. דער בויך זייערער גייט פאָראויס אַלע זייערע אידעאַלן... ווי אַ פאָנען־טרעגער, פאָראויס דער מחנה...

און ווערט דער רעדנער מיד פון רעדן (ווייל ער האָט פריער צו־זאַט זיך אָנגעגעסן), פאַרטרינקט ער מיט וואַסער. וואַסער, ווי באַוווּסט, העלפט פאַרדייען די אכילה — און ער רעדט ווייטער...

און באַווייזט זיך ווען נישט ווען (אויך פון צופיל עסן) אַ שוויים אויפן שטערן פון דעם זאַטן רעדנער, רעדנדיק וועגן אָרעמקייט, נויט און פיין, ווישט ער אים תיכף אָפּ מיט אַ זיידן טיכל — און רעדט ווייטער...

און עס פּאַסירט, אַז אינמיטן רעדן וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, כאַפּט דער רעדנער אַרויס דאָס זייגערל: ער דער־מאָנט זיך, אַז ער דאַרף גיין. חברה „דערלייזער" וואַרטן אויף אים מיט אַ „פּויקערל" אָדער מיט אַ „פינאָקל", און ער כאַפּט אָפּ די סאָציאַלע רעוואָלוציע און לויפט צום „פּויקערל"...

אַ זאַטע איז אונזער באַוועגונגס־גאַס!

זאַטע געגנאָסן, זאַטע חברים און זאַטע פירער. מען רעדט און מען שרייבט, אָן גלויבן, אָן פייער, אָן הונגער נאָך דערלייזונג. ווייל — מען איז זאַט, אָנגעגעסן און איבערגעפרעסן...

און זאַטע געגנאָסן און חברים טוען אַ גאַנצן טאָג וואָכעדיקע געשעפטן, חשבונען די פאַרדינסטן און פאַרדינסטלעך, רעדן וועגן הייזער און פּראָצענטער און אויך אַ היפּש ביסל ניבול־פה —

און אין אָוונט גייען זיי צו אַ מיטינג פון זייער פּאַרטיי און קלייזל און רעדן וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועגן רעכטס און לינקס, וועלכע קריכן זיי אַפילו נישט אין דער לינקער פּאה...

און ווען דער זאַטער רעדנער בעט געלט, מיט אַ זאַטער שטימע, פאַר אַ הייליקן צוועק, פאַר דער באַוועגונג — גיבן די זאַטע געגעסן און חברים.

גיבן מיט אומצופרידענע מינעס.

גיבן, ווייל זיי קאָנען זיך נישט אַרויסדרייען און נישט געבן.

גיבן צוליב כבוד.

גיבן אַלס באַצאָלט פאַר זייערע יוגנט־זינד.

גיבן אַלס שטראָף פאַר זייערע אַמאָליקע נאַרישקייטן.

און — גיבן זייער ווייניק...

און ווען איך טראַכט וועגן אַלע אַנדערע באַוועגונגען, וועלכע האָבן אַזוי קיין ממשות נישט, און זוך דעם „פּאַרוואָס", —

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — ווערט ביי מיר באַשטימט, אַז אין אַלץ איז שולדיק אונזער ז אַ ט ק י י ט.

אונזער באַוועגונגס־גאַס איז אַ זאַטע... אַ צו־זאַטע און מיט זאַטע מענטשן, זאַטע פּירער, קאָן מען ווייט נישט דערגיין.

איך בין זיכער, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע (אויב מען וועט זי ברענגען) וועלן ברענגען נאָר הונגעריקע מענטשן, און נישט די זאַטע מענטשן פון אונזער גאַס...

איבער איין קלאָרקע

מעג איך עס זאָגן הויך?

איך האָב מורא פאַר יידישן שלום, און נאָך דערצו דער שלום פון יידישע פאַרטייען און פאַרטיי־פירער.

ווען יידן מאַכן שלום צווישן זיך, איז עס פאַר מיר א סימן,— אז זיי ווילן און ועלן גאָרנישט טאָן...

אַזא שלום האָבן מיר געהאַט אין דער „קאָנגרעס״־באַוועגונג.

אַזא שלום אויך ביי דער באַוועגונג פון „א קולטור־ליגע״.

עכ איז געווען שלום און פרידן צווישן אַלע פאַרטייען — און עס האָט תיכף גענומען שמעקן מיט בית־עולם.

יידן מוזן זיך קריגן, טיילן זיך מיט כיבודים, רייסן זיך פאַר כיבודים. נישט גיין צוזאַמען — דאַן וועט ביי אונז עפּעס געטאָן, דאַן וועט אביסעלע לעבעדיק...

ווען יידן האָבן זיך געקריגט פאַר עליות אין די שולן, — איז מען דאַן געגאַנגען אין די שולן.

איז דאַן געווען א לעבעדיק שול־יידנטום.

אָבער איצט, ווען מען קריגט זיך נישט מער פאַר עליות, — איז די שול א פּוסטע...

אין צייט פון מחלוקת — פלעגט אין די יידישע שטעטלעך וואַקסן דאָס רבנות: אָנשטאָט איין רב, צוויי און דריי.

אין צייט פון קריג און קנאות — וועט דער ייד אויך א שטיקל געבער.

ער וויל נישט געבן — אָבער ער גיט.

געוויינלעך, זענען יידן נישט קיין גרויסע נותנים, נאָר אויב עפּעס באַוועגט זיי צו געבן, איז עס דאָס צולהכעיס־געפיל.

יענער וויל, אַז איך זאָל נישט געבן אויף דאָס און יענץ, — נו, גיב איך דווקא אויף צולהכעיס!

מיר דאַכט, אַז אפילו אונזער ראָזענוואַלד האָט אויך געגעבן מער פון צולהכעיס, ווי פון הארצן...

אָבער ווען עס הערשט ביי אונז פרידן, און ס'איז נישטאָ וועמען צו טאָן אויף צולהכעיס, — גיט מען נישט!

משה רבנו איז געווען אַ חכם, וואָס ער האָט איינגעטיילט די יידן אויף שבטים, און געגעבן יעדן שבט אַ באַזונדער פאָן.

נאָר באַזונדער און אונטער באַזונדערע פענער קאָנען יידן ווי עס איז גיין.

ווען משה טוט עס נישט, — וואָלטן יידן זיכער געבליבן אין דער מדבר נאָך ביז איצט...

איך האָב אויך נישט ליב אונזערע רודף־שלומניקעס.

זיי זענען דיזעלבע לויה־מאַכער און זיי פירן צו קבורה יעדן לעבעדיקן ענין...

אהרן הכהן, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געווען אַ מין יוסף באַראָנדעס, באַרימט אַלס רודף־שלומניק, און דער רעזול־טאַט פון זיין שלום־מאַכעריי און קאָמפּראָמיסלעכקייט איז געווען דאָס „עגל"...

איך קוק זיך שוין לאַנג צו צו אונזער לעבן. און איך זע נישט איין, פאַרוואָס מען מוז דווקא ביי אונז גיין אַלע צוזאַמען, אַפילו ביי בוי־אַרבעט, ביי קאָלאָניזאַציע?

קאָן מען נישט גיין באַזונדער? און יעדער זאָל טאָן דאָס בעסטע פ א ר זיך?

ארץ־ישראל דאַרף אַ „קרן־היסוד", זאָלן די אַלע, וואָס גלויבן אין ארץ־ישראל, — געבן דורכן „קרן־היסוד".

יידישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד דאַרף אַן „איקאָר", — זאָלן די, וואָס גלויבן אין רוסלאַנד, געבן דורך דעם „איקאָר".

מען דאַרף נישט אַלע צוזאַמען איינשטימען אי אויף ארץ־ישראל, אי אויף ביראָ־בידזשאַן...

דער עיקר איז דאָך דאָס געבן, און אַמעריקאַנער יידן קאָנען געבן אויף אַלץ.

אָבער די מעשה איז, וואָס די לעצטע צייט איז אַרויס ביי אונז אַ לאָזונג: פ ר י ד ן. און יידן שעמען זיך צו קריגן, כאָטש מען חלשט...

מיר נעפעלט נישט אונזער „גיין צוזאַמען".

דאָס דערמאָנט מיך אָן די קליינשטעטלדיקע „קלאָדקעס".

אינדערהיים, אָסיען, די בלאָטע איז אַ גרויסע, די בלאָטע פּיפּט, בלאָטע אומעטום. האָט אימיצער אַוועקגעלייגט אַ „קלאָד־קע", אַ שמאָל ברעטל, פאַר איין מענטשן בלויז אַריבערצוגיין...

גייען אַלע אויף דער קלאָדקע. וואָלט עס נאָך קיין אומגליק נישט געווען. ווילן אָבער אַלע גיין מ י ט א י י נ מ אָ ל אויף דער שמאָלער קלאָדקע.

און וואָס איז דער רעזולטאַט? — ע ס ג י י ט ז י ך נ י ש ט. אַלע שטייען... מען שילט זיך און מען רירט זיך נישט פון אָרט.

און קיינעם פאַלט נישט איין אַוועקצולייגן נאָך אַ קלאָדקע. אָדער נאָך צוויי און דריי.

אונזער הילף פאַרן פאָלק ישראל (קאָנסטרוקטיווע און נישט קאָנסטרוקטיווע) איז אַזאַ מין קליינשטעטלדיקע קלאָדקע, איבער אַ גרויסער בלאָטע.

אַלע מוזן גיין אויף דער איין־און־איינציקער קלאָדקע. אַלע צוזאַמען...

פאַרוואָס? ווייס קיינער נישט! פאַרוואָס זאָל מען נישט מאָרן לייגן קלאָדקעס, כדי דער איבערגאַנג זאָל זיין שנעלער און גרינגער?

קאָן נישט זיין אַ באַזונדערע קלאָדקע פאַר ארץ־ישראל און אַ באַזונדערע קלאָדקע פאַר רוסלאַנד?

די בלאָטע איז גענוג גרויס און צו וואָס דאָס שטופּן זיך אַלע איבער איין ברעטל?

לופט און יסוד

עס איז אַלט־באַקאַנט:

יידן האָבן אַ פאַרליבע צו צוויי זאַכן: צו לופט און צו צרות.

אַ ייד קאָן אָן לופט נישט אויסקומען, פונקט ווי ער קאָן אָן צרות נישט אויסקומען.

לופט און צרות גייען ביי אונז צוזאַמען. און מעגלעך, אַז אַ ייד איז טאַקע דערפאַר שטענדיק אויף צרות, ווייל ער איז אַזוי פאַרקאַכט אין לופט...

יידן זענען מער „לופט־מענטשן", ווי מענטשן.

און דערפאַר זענען דער גרעסטער טייל פון אונזערע פרנסות — לופט־פרנסות.

מען כאַפּט אַ הויפן לופט — און מען לעבט.

מען דרייט מיטן גראָבן פינגער אין דער לופטן — און מען מיינט, אַז מען טוט עפּעס ממשותדיקס.

יידן האָבן ליב צו פליען פון איין לאַנד צום צווייטן, פון איין געשעפט צום צווייטן.

יידן חלשן צו הענגען צווישן הימל און ערד; שטיין אויף דער ערד אַליין האָבן זיי נישט שטאַרק ליב.

הענגען צווישן הימל און ערד — מיינט ביי אונז זיין גייסטיק פאַרבונדן מיט אַלע פּלאַנעטן...

אַ ייד איז זיך ממש מחיה, אַז ווען ער פאָרט אין איין לאַנד, זאָל ער בלייבן שטעקן צווישן אַנדערע צוויי.

דערוויי̈ל זעט ער אַ וועלט, און מען שמעקט פון אַ סך לופטן...

כ'גלויב, אַז יידן האָבן אַזאַ געוואַלטיקע ליבשאַפט צום גלות נאָר דערפאַר, ווייל גלות איז דער טייטש: הענגען אין דער לופטן.

יידישע קינדער האָבן ליב, אַז מען רעדט צו זיי פון לופט; אַז מען פריידיקט פאַר זיי לופט. — דאָס איז דאָך אַזוי דין! עס שמעקט מיט גייסט און רוחניות!

און פאַר רוחניות וועט אַ ייד אַוועקגעבן אַלץ אין דער וועלט.

בנין, פונדאַמענט, באָדן, ערד — קלינגען אַ יידן ווייט און פרעמד.

צו וואָס?

זעט איר, לופט־שלעסער, לופט־פּלענער, טעריטאָריעס אויף דער לבנה, טעאָריעס פון שטערן מאַרס, חלומות פון עק וועלט — דערין זענען מיר שרעקלעך פאַרליבט.

און אַזוי ווי דאָס פאָלק, אַזוי זענען אויך זיינע פילאַנטראָפּן און מנדבים.

אַ ייד האָט ליב צו געבן אויף לופט־זאַכן.

ביי אַ יידן אַ גביר איז שווער אַרויסצוציען אַ סענט אויף אַ פונדאַמענטאַלן ענין, אויף אַ זאַך, וואָס האָט אַ יסוד אונטער זיך, — ער גיט נישט!

אַ ייד האָט ליב צו געבן אויף זאַכן, צו וועלכע מען דאַרף פאַררייסן דעם קאָפּ. אויף זאַכן, וואָס זענען איבער אים, אויף ענינים, וואָס הענגען אין דער לופטן... אויף זיי גיט ער מיט חשק.

אַ יידישער פילאַנטראָפּ גיט גערן געלט אויף אויסצובעסערן די זיטן פון די זולוסעס און האָטענטאָטן, ער נדבנט מיט גרויס ברייטקייט אויף אַ קלויסטער אין די הרי־חושך, — אָבער ער איז קאַרג, און האַלט פאַרדריקט די הענט אין קעשענע, ווען איר רעדט צו אים פון „נאַציאָנאַל־פאָנד", „קרן־היסוד", „אָרט" און אַנדערע.

שוין דאָס וואָרט „פאָנד" אַליין טויג נישט... און דערצו איז עס נאָך „נאַציאָנאַל", וואָס דאָס שמעקט מיט פונדאַמענטאַל...

אַט ווען דער פאָנד הייסט „לופט־פאָנד״, וואָלט א ייד גע־ווען א שנעלערער געבער.

און אויך „ארט״ טויג נישט... שוין דער נאָמען אליין... „ארט״ מיינט דאָך, אז עס האָט אן „ארט״, א באשטימטע זאך, הייסט עס... א זאך, וואס וויל מאכן אָרדענונג, סדר, און צו וואָס?

אַט ווען „ארט״ הייסט בעסער „כאָאָס״, „תהו ובהו״ — דאן וואָלט עס געהאט א יידישן טעם...

און פון „קרן־היסוד״ איז דאָך אודאי אָפּגערעדט, אז עס טויג נישט...

„קרן״ איז נאָך נישקשה. ווייל „קרן״ קאָן א ייד האָבן פון לופט אויך... אָבער „יסוד״, דאָס איז דאָך גרונט, „גרונטאָוונע״ און ווער דאַרף א „יסוד״?

אַט, ווען די ציוניסטן האָבן שכל, און גיבן א נאָמען דעם „קרן־היסוד״ „קרן־הצבי״ — וואָלט עס געווען א גרעסערער דערפאָלג...

ווייל אויף א „קרן־הצבי״ קאָן מען שוין איינשטעלן, שפּע־קולירן, און א ייד האָט ליב איינצושטעלן...

בלויז א פּאָר מנדבים האָבן ביי אונז געהאט דעם געזונטן גויאישן חוש, און געגעבן בלויז אויף ערד, אויף גרונט: באראָן ראָטשילד און באראָן הירש.

מאָדנע מענטשן, כמעט קיין יידן נישט...

אָבער ווייטער האָבן מיר געהאט פילאַנטראָפּן פאַר אלץ אין דער וועלט, נאָר נישט פאר גרונטאָוונע זאכן...

אַט נעמט אזא מיליאָנער, ווי גוגענהיים, א ייד, וואס עוסקט זיך דווקא מיט ערד, נעמט פון איר קופער און מאכט גאָלד... און דאָך, אויף וואָס האָט ער נעגעבן א נדבה פון א האלבן מיליאָן? — אויף א שולע פאר לופט־פליען!...

קאָמיש! אזא ייד האָט שוין, דאכט זיך, געדאַרפט פארשטיין די וויכטיקייט פון ערד? איז ניין! — ער וויל פליען!

א קינד פון זיין פאָלק!... א דערוויטערט קינד, אָבער דאָך

א קינד!... ווי א ייד, זעט ער נאָר א גרויסע צוקונפט אין דער לופט דוקא...

יאָ, מיינע הערן, מיר זענען „פליער״: אונזער געדאַנק פליט, אונזערע געשעפטן פליען, אונזערע צוקונפט־פּלענער זענען פליענדיקע און דערפאַר פליען ביי אונז פעדערן פון קישנס.

אַט נעמט אפילו אונזער „ארבעטער־קלאַס״, איז עס אויך א לופטיקע בריאה, כאָטש עס ליגט אין פארשטיקטע פאַבריקן...

עס איז אין תוך א שניידער־פאָלק... און פאַרוואָס דוקא שניידערס? — ווייל שניידעריי שמעקט מיט לופט...

מען מאַכט מיט דער נאָדל הין און צוריק — באַוועגט זיך די לופט.

מען שניידט מיט דער שער — שניידט מען אַפּט לופט...

און ווען מען פּירט אפילו מיטן פּרעס־אייזן — מיינט עס אויך פּרעסן די לופט...

מיר זענען א מאָדנע פאָלק: לופט שמעקט אונז בעסער ווי אלע „יסודות״ פון נאַטור...

אַ פּאָלק, וואָס עסט אויף זיינע פּירער

ווען מען וואָלט מיך געפרעגט: מיט וואָס צייכענען מיר זיך אויס צווישן פעלקער? — וואָלט איך געזאָגט: מיר זענען אַ פּאָלק, וואָס ע ס ט אויף זיינע פירער.

בכלל, זענען מיר גראָד נישט קיין פרעסער־פּאָלק, אַ פאָלק, וואָס נעמט זיך צייט, איידער עס גייט צום טיש, ווייקט און זאַלצט זיין פליייש.

אָבער בנוגע צו אונזערע פירער זענען מיר אַן אמתער פרעסער.

עס דערציילט זיך:

ערגעץ אויף אַ ווילד־ווילדן אינזל, איז דאָ אַ ווילדער שבט, וואָס ווען ער קריגט אריין אַ „ווייסן", האָדעוועט ער אים, קאָר־מעט אים זייער גוט — און נאָכדעם, ווי דער „קרבן" קריגט אויף זיך ליב, ווערט פעט, בראָט ער אים אָפּ און עסט אים אויף מיט גרויס אַפּעטיט...

מיט אונזערע פירער פירן מיר זיך נישט ווינציקער ווילד:

תיכף, ווי מיר קריגן אַ נייעם פירער, איז הידד — ביז צום הייזעריק ווערן; טראָגן מיר אים אויף די קעפּ און פּלייצעס, קאָרמענען מיר אים מיט כבוד — ביז איבל; שטאָפּן מיר אים מיט אָוואַציעס, ביז צום פעט ווערן — אָבער פונקט ווי ביי יע־נעם ווילדן שבט, איז עס אויך ביי אונז נאָר מיט דער כונה, כדי אים שפּעטער געשמאַקער א ו י פ צ ו ע ס ן.

די יידישע געשיכטע איז, חוץ די געשיכטע, ווי די קריסט־לעכע וועלט ע ס ט אונז, אויך די געשיכטע פון א פאָלק, וואָס ע ס ט אויף זיינע פירער.

צוערשט האָבן מיר אויפגעגעסן אונזער ערשטן פירער: משהן.

צוליב אונז האָט ער געמוזט שטאַרבן אויף דער גרענעץ.

און די סדרה „דברים" איז פאַר מיר א וויי־געשריי פון אן אויפגעגעסענעם פירער.

און אביסעלע שפּעטער האָבן מיר אויפגעגעסן ד"ר הערצל.

און מיר האַלטן שוין ביי חיים וויצמאַן.

מען וועט אים אויפעסן, אויב נישט אויפן 13־טן קאָנגרעס, איז אויפן 17־טן.

און נאָכדעם וועלן מיר זוכן נייע קרבנות.

אזוי זענען מיר א פאָלק פון רחמנים בני רחמנים, אָבער בנוגע אונזערע פירער זענען מיר די גרעסטע אכזרים.

מיר זענען א פאָלק, וואָס עסט אויף זיינע פירער און עס באַ־לעקט זיך נאָך און האָט הנאה פון דעם מאכל.

און וואָס גרעסער און וואָס „פעטער" א פירער ווערט ביי אונז, אַלץ געשמאַקער עסט מען אים, אַלץ זיסער באַלעקט מען זיך מיט זיינע צעגריזשעטע ביינער.

און מערקווירדיק: די הויפּט־„סאַרווערס" ביי דידאַזיקע עס־סעודות זענען דווקא דעם פירערס נאָנטסטע פריינט.

זיי וואַרפן דאָס האַלץ אין פייער אריין, זיי מאַכן פאַרטיק די טעפּ, גרייטן אָן דאָס וואַסער...

ביי אַנדערע פעלקער איז, וואָס לענגער א פירער שטייט אויף זיין פּאָסטן, אַלץ חשובער ווערט ער. ביי זיי: וואָס עלטער דער פירער — גרעסער דער פירער.

ביי אונז אָבער איז פאַרקערט: וואָס לענגער א פירער שטייט מיט אונז, אַלץ וואָכעדיקער ווערט ער, אַלץ ווינציקער פי־רער ווערט ער...

ביי אַנדערע פעלקער זעצט מען אָפּט אראָפּ א פירער. מען מאַכט רעוואָלוציעס קעגן פירער.

ביי אונז לאָזט מען אַ פירער זיצן אויפן בענקל, אָבער מען עסט אים אויף אַ לעבעדיקן, אַברימוויז, גלידערווייז, שטיקלעכ־ווייז נעמען מיר אים פאַנאַנדער, און מיט גרויס אַפעטיט — ביז וואַנען ס'בלייבט פון פירער בלויז אַ „טאָנ־בוך"...

ציוניסטישע קאָנגרעסן!

אין מיינע אויגן איז אַ ציוניסטישער קאָנגרעס בלויז אַ סעודה. איינע פון די פּרעסערישע סעודות, וואָס דאָס פאָלק מאַכט, צו שטילן זיין אַפּעטיט נאָך פירער־פלייש.

און די דעלעגאַטן, זיי זענען פאַר מיר בלויז פירער־פרעסער. זיי קומען נישט אַרבעטן און געבן אַ פירער כבוד פאַר דער אָפּ־געטאָענער אַרבעט, — נאָר מען קומט אים עסן און פרעסן!

אַנדערע קומען נאָך ווי ציוויליזירטע, מיט גאָפּל און מעסער, ברענגען אַפילו מיט מויל־טישטעכלעך און ציין־העלצלעך.

אָבער אַנדערע קומען צו דער סעודה פּשוט ווי מענטשנ־פרעסער: זיי ברענגען בלויז אָנגעשאַרפטע ציין, אָפּגעשפּיצטע נעגל, צעעפנטע מיילער און גרויסע אַפּעטיטן צו פּראַווען די סעודה...

מיין ליב פאָלק! איך וואָלט נישט געוואָלט זיין ביי דיר קיין פירער.

איך וואָלט נישט געוואָלט אויפגעגעסן ווערן פון דיר לעבעדיקערהייט.

יידישע מחלוקות

איר וועט זיך וואונדערן. איך, א שטילער מענטש בטבע, האלט אמאָל פון מחלוקת.

מחלוקת איז פאַר מיר אמאָל א באַוויַיז, אז ווי מענטשן רירט עפּעס שטאַרק אָן, קריגן זיי זיך, צעטיילן זיי זיך. שוויַיגן זיי נישט איינע די צווייטע.

מחלוקת מאַכט לעבעדיק אפילו די טויטסטע אָרגאַניזאַציע.

מחלוקת — ברענגט אַרויס די טעותן, וואָס מען האָט גע־מאַכט.

מחלוקת — איז אָפט די עפענונג פון א וואונד.

און ס'איז תמיד בעסער, אז א וואונד עפנט זיך, איידער זי ליגט באַהאַלטן אונטער דער פּאַכווע.

ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר מחלוקת.

מחלוקת אין אַלגעמיין איז אפשר אן עכט־יידישע זאַך.

אזוי קריגן זיך ווי מיר — קען קיינער נישט.

מיר זענען טשעמפּיאָנען־מחלוקת־מאַכער אין דער וועלט.

ווי קומט עס צו אונז? — איך דערקלער עס מיט נאַטיר־לעכע סיבות.

ווייל מיר האָבן נישט קיין קריגס־אַפּאַראַט, קיין אייגענע אַרמיי.

און ווייל מיר זענען נישט קיין יעגער. א גוי פּולווערט אויס זיין ביסל שלעכט בלוט אין קריג, אויף יאַגד.

א ייד קען עס נישט.

אָבער די נאַטור פון מענטשן, וואָס מוז זיך קריגן, בלייבט דאָך נאַטור — ווערט זי באַפרידיקט אין מחלוקת.

אין מחלוקת קאָנען מיר געבן לעקציעס די גוים.

און ווען מיר עפענען א מחלוקת־אוניווערזיטעט, וואָלט ביי אונז נישט געווען קיין מאַנגל אין פּראָפעסאָרן.

כמעט יעדער יידישער מענטש, וואָס באַלאַנגט צו א פּאַרטיי, קאָן ווערן א פּראָפעסאָר אין אזא אוניווערזיטעט.

איך האָב אַמאָל שוין געזאָגט (אויף דף 19986 פון מיינע ספרים), אַז אויך אונזערע לינקע און רעכטע זענען עכטע קינדער פון פאָלק ישראל.

זיי קריגן זיך נישט ווי פּראָלעטאַריער — נאָר ווי יידן.

זיי שפּאַלטן זיך נישט ווי תלמידים פון קאַרל מאַרקס, נאָר ווי תלמידים פון תנאים און אמוראים, וואָס האָבן געקענט שפּאַלטן א האָר.

יידן האָבן זיך אַלע מאָל געקריגט און געריסן. אין שול ווי אין מרחץ.

און אין דער יוניאָן זענען זיי געקומען שוין גרייטע, אויס־געלערנטע קריגער פון דער שול.

פון מעכב בקריאה זיין — איז געוואָרן „א פּאָינט אָוו אָר־דער", אָבער בטבע איז עס דערזעלבער מעכב בקריאה זיין...

ציוניסטן ווי שניידער, יאהודים ווי פּראָסטע פעלץ־מאַכער, זענען איין הייליקע מחנה אין דעם גרויסן מחלוקת־לאַגער אונזערן, וואָס ציט זיך נאָך פון די מדבר־ביידלעך.

שילדן, וואָס ווילן נישט שטאַרבן

קאָן שטאַרבן אַ געשטאָרבענער? — יאָ, ביי אונז איז דאָס מעגלעך.

אפשר איז דאָס אַזוי ביי זיי, ביי די אומות־העולם, ווּ אַלץ שטאַרבט נאַטירלעך, און ווערט באַגראָבן נאַטירלעך, אָבער ביי אונז איז דאָס אַנדערש...

ביי אונז, אַז איר ווילט, לעבט מען דאָך נישט ביים לעבן און מען שטאַרבט אפילו נישט, ווען מען איז געשטאָרבן...

ביי אונז לעבט מען אויף „קעפּלעך" און אויף שילדן. קיין אמת לעבן איז נישטאָ. שילדן, שילדן, שילדן!

הענגט די שילד פון אַ צייטונג, פון אַן אינסטיטוציע — לעבט עס!... דוכט זיך, אַז עס לעבט, נעמט מען עס אָן פאַר לעבן. און נעמט מען אַרונטער די שילד — איז אויס — שטאַרבט מען נאָך אַמאָל...

יאָרנלאַנג איז געהאָנגען אַ שילד פון אַן אונטערגעגאַנגענער צייטונג. די צייטונג איז שוין געווען לאַנג טויט, איר אויפהענגער איז שוין געהאַט לאַנג פאַרשוווּנדן פון אונזער גאַס, אָבער די שילד האָט נישט געוואָלט שטאַרבן. געקעמפט פאַר איר הענג־עקזיסטענץ. איז זי געהאָנגען, און דווקא אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ, און ווען איך פלעג פאָרן אַהיים און פלעג זען די שילד הענגען און לעבן, פלעגט עס מיר דערמאָנען אָן איר בעל־הבית... פלעגט עס מיך אַרויפברענגען אויף מאָדנע געדאַנקען און אויס־

פירן: אַט אַזוי לעבט מען בײַ אונז און אַט אַזוי שטאַרבט מען...
דאָס יידישע לעבן איז בלויז אַ פראַגע פון שילדן.

שילדן לעבן — כאָטש אין דער אמתן איז שוין הינטער די שילדן — ט ו י ט.

שילדן ווילן נישט שטאַרבן — כאָטש הינטער זיי איז שוין לאַנג אַלץ באַגראָבן און פאַרשאָטן.

און אַמאָל הענגט אַ שילד אַזוי לאַנג אויף אַן איסט־סיידער וואַנט, ביז זי דערלעבט זיך און שטייט אויף תחית־המתים... און מען פאַרבט זי אַפילו איבער... עס הויבט זיך אָן עפּעס באַוועגן הינטער דער שילד... און מען מיינט, אַז עס לעבט...

אַ מאָדנע וועלטל, דאָס יידישע וועלטל אונזערס!

אַט לעבט, צום בײַשפּיל, די און די צײַטונג, און וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן, אויב נישט מער ווי אַ שילד, וואָס הענגט? איר „גאַנג", איר שיטה, איז שוין לאַנג טויט. דער גרעסטער טייל פון אירע לעזער, אָדער זיי זענען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן, אָדער זיי לייענען אַן אַנדערע צײַטונג. אָבער דאָך וויל זי זיך נישט אונטערגעבן — זי לעבט אויף דער שילד!...

אַט קלײַבט מען זיך בײַ אונז אויפצולעבן צוריק אַ זשורנאַל און וואָס איז דאָס, אויב נישט מער ווי דאָס אויפלעבן פון אַ שילד?

אַט מוטשעט זיך בײַ אונז אַ זשורנאַל, און צוליב וואָס? ווײַל ער וויל בשום־אופן נישט אויפגעבן זײַן שילד.

דער תוכן, דאָס קאַמפּס־וואָרט, איז שוין לאַנג געשטאָרבן,— אָבער די שילד קעמפט פאַר איר עקזיסטענץ — ווײַל נישט שטאַרבן...

אונזער יידיש לעבן איז אַ לעבן פ ו ן ש י ל ד ן, א ו י ף ש י ל ד ן, דאָס אמתע לעבן פעלט בײַ אונז...

אונזער יידיש לעבן קעמפט און מוטשעט זיך בלויז אויף שילדן.

און נעמט אַוועק די שילדן בײַ אונז — און עס וועט זײַן אַ סוף צום יידישן לעבן!

און נישט נאָר צייטונגען און אינסטיטוציעס אַליין לעבן ביי אונז בלויז אויף שילדן, נאָר אויך פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן.

פאַראַן ביי אונז אַ נישקשהדיק ביסל פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן — וואָס אַליין זענען זיי שוין טויט ווי אַלע טויטע — נאָר די שילד זייערע לעבט... די פירמע גלאַנצט מיט אָפּגעריבענע בוכשטאַבן און דאָס פאָלק זעט די שילד, לייענט די אָפּגעריבענע בוכשטאַבן און מיינט, אַז די און די פּערזענלעכקייט לעבט...

און גלייכגילטיק איז דאָס פאָלק, שטאַרק פאַרהאַוועט, שרעקלעך פאַרנומען, און עס וויל זיך גאָרנישט געבן די מי אויסצוגעפינען, וואָס הינטער די שילדן טוט זיך... אַ דאגה אים אַפילו! מער קיין זאָרגן האָט עס שוין נישט?

און די שילדן לעבן, מוטשען זיך, הענגען און פאַרבן זיך אָפּט איבער, און קיינער ווייסט נישט די טראַגעדיע פון זייער הענגען...

עס דאַרף זיך נאָך געפינען ביי אונז אַ גרויסער שילדערער, וואָס זאָל שילדערן דאָס לעבן פון אונזערע שילדן.

ווייל שילדן, דאָס איז דער תּוך פון אונזער לעבן!

יידן, אַ געזונט אין אייך!

בײַ די גוים שפּילן אַ ראָליע מעשים, בײַ אונז — ווערטער.

בײַ זיי — שטאַרקע לײַדנשאַפטן; בײַ אונז — שטרויענע פֿראַזן.

נעמט אַוועק די ווערטער בײַ אונז, — און מיר בלײַבן נאַקעט.

אָט נעמט, למשל, דאָס וואָרט „מע". יעדער איינער טראָגט זיך בײַ אונז אַרום מיט אַ פּלאַן, אַז מ ע האָט געדאַרפֿט גרינדן דאָס און דאָס.

מאַכן מיר אַ טעות — גייען אַרויס די פֿאַרזאָרגער אונ־זערע, די צײַטונגען, און באַשולדיקן: מ ע האָט עס נישט גע־דאַרפֿט טאָן...

טרעפֿט בײַ אונז עפּעס אַן אומגליק, שרײַבט מען: „מ ע דאַרף זען רופֿן אַן אסיפֿה"... שטאַרבט בײַ אונז עמעצער פֿון הונגער (למשל, ייִ דער קאָמפּאָזיטאָר בענסאָן), שרײַבט מען און מ ע באַשולדיקט איינער דעם צווייטן, און מע ווײַנט מיט טינט: „מע האָט געדאַרפֿט זען, אַז אַזאַ זאַך זאָל מער נישט פּאַסירן, זיך נישט איבערחזרן"...

און קיינער ווייסט נישט, ווער דער מ ע איז... ווי ער זעט אויס... און קיינער וויל גאָרנישט טאָן. יעדער שיקט אָפּ צום „מ ע", „זאָל מע טאָן"...

און אָט אַזוי מ ע ק ע ט מען אָפּ דאָס גאַנצע לעבן. מ'איז

יוצא מיט דעם „מע״. מע טרייסט זיך מיט „מע״, און מע קלאָגט אָן דעם „מע״...

דער מ ע איז אונזער אומגליק.

אַלע יידן זיצן און מע פּלאַנעוועט. אַלע פּאַרטייען גרינדן זיך אויף דעם „מע וועט זאַמלען״. אַלע צייטונגען און זשורנאַלן דערשיינען ביי אונז מיט דעם „נישקשה, מע וועט קריגן א יידן מיט געלט״...

קיין פונדאַמענט, קיין זיכערקייט.

מען גייט אַרוים מיט נייע צייטונגען און מען האָפט דער־ציען — ב י ז . . .

און נאָכדעם איז גאָט אַ פּאַטער...

מע גוססט און מע האָפט בלויז דערציען ביז...

אַמאָל איז עכ ביז פרילינג, און אַמאָל ביז אָסיען... און אַמאָל טאַקע נישט מער ווי אַ וואָך...

מיר וועלן דערציען ביז יענעם און יענעם טאָג — נאָרט מען זיך אַליין — און עס וועט זיין גוט...

ווען מיר וועלן לעבן און דערגרייכן ביז נומער 100, ביז אַ האַלב יאָר, ביז אַ יאָר, וועט זיין פיין. וועלן מיר שוין עק־זיסטירן.

און מען ב י ז׳ק ע ט אַזוי ביי אונז, ב י ז עס גייען אוים די כחות, (וועלכע זענען גאָר פריער אויך נישט געווען), ב י ז אין איין שיינעם פרימאָרגן פאַרשווינדט מען — ב י ז עס קומט אָן אַנדערער און נעמט זיך ווידער צו די „מע״ און „ביז״־אַרבעט...

די צרה מיט אונז איז, וואָס פריער טוען מיר זייער וויניק, גרייטן מיר זיך נישט צו, נאָר מיר גייען אַרוים מיט דעם געדאַנק, אַז ביז וואָס־ווען, וועלן מיר זיך קאָנען האַלטן, וועלן מיר אפשר קריגן שטיצע. און אַזוי גייט עס ביי אונז אוועק אַ סדרה ב י ז און ב י ז . . .

מיר לעבן נאָר פון האַנט צום מויל, אָדער בעסער געזאָגט, פון פושקע צו פושקע.

בײ אונז זענען נישטאָ קײן לעבעדיקע, פונדאַמענטאַלע אינ־סטיטוציעס — נאָר בלעכענע פּושקעס.

די פּושקע איז די אײנציקע, װאָס טוט בײ אונז איר אַרבעט פולשטענדיק, פּלײסיק און אױפריכטיק, מיטן אמתן קלאַנג און ריטם...

די פּושקע קלאַפּט בײ אונז פאַר טויטע און פאַר לעבעדיקע. פאַר לינקע און פאַר רעכטע...

צדקה תציל ממות — דאָס איז אַלץ, װאָס מיר פאַרמאָגן אין מזומן; סײ די אַלט־מאָדישע ייִדן, סײ די יונגע. סײ די קאָנסערװאַטיװע, סײ די רעװאָלוציאָנערע.

און אַלע מאָל, װען איך לײען װעגן דעם, װי מען רײסט זיך בײ אונז אַרום, און װי מען רופט בײ אונז צו שלום, װי מען שרײַבט בײ אונז װעגן אַ „פאַראײניקטן פראָנט", זאָג איך זיך: ייִדן, װעמען נאַרט איר? װאָס מײנט עס פאַראײניקן זיך בײ אײַך? איר האָט דען עפּעס? װער, װאָס, װען? װאָס זאָגט איר נישט קלאָר, אַז שלום מײנט זאַמלען צדקה צוזאַמען? װאָס דער־קלערט איר נישט, אַז נישט אַ „פאַראײניקטן פראָנט" דאַרף מען בײ אונז — נאָר אַ „פאַראײניקטע פּושקע"!

איך בין זיכער, אַז צװישן אונזערע זיבן און זיבעציק פאַר־טײען איז נישטאָ קײן גרױסע חלוקי־דעות — די פראַגע איז נאָר װעגן דער פּושקע.

פאַרװאָס זאָלן מיר זיך נישט מודה זײַן, אַז עס איז נישטאָ בײ אונז קײן לעבן — אױסער פּושקע־זאַמלונגען?

נישטאָ בײ אונז גאָרנישט, אױסער צדקה.

און ס'פאַרדריסט, פאַרװאָס מען רעדט נישט קײן קלאָרע דבורים, פאַרװאָס מען פאַראַדירט בײ אונז אונטער פאַלשע מאַסקעס.

ייִדן, אַ געזונט אין אײַך!

חנוכה אין וואָלל־סטריט

— איר ווייסט? פון חנוכה קאָן מען א סך לערנען, נישט נאָר נאַציאָנאַל, ווי א פאָלק, נאָר אַפילו פּערזענלעך, פּשוט־מענטשלעך.

אָט, צום ביישפּיל, נעמט די אַכט ליכטלעך.

איז קוקט זיך צו, וויפל שכל און חשבון עס ליגט אַפילו אין דעם אָנצינדן פון די ליכטלעך...

אונזערע זיידעס זענען פאָרט געווען קלוגע מענטשן!

זיי האָבן געוווּסט, אַז אָנהויבן דאַרף מען אַלע מאָל קליין — און נאָכדעם וואַקסן...

צינד אָן דעם ערשטן טאָג איין ליכטל!

אייל זיך נישט! וויל נישט אַריינכאַפּן צופיל!

מאָרגן איז אויך א טאָג — וועסטו אָנצינדן צוויי!

און איבערמאָרגן איז אויך א טאָג — און דאַן וועסטו אָנ־צינדן דריי.

צופיל ליכט טאָר נישט קומען מיט איינמאָל: עס בלענדט צופיל דאָס אויג!

מען דאַרף אַלץ טאָן מיט א רעכענונג, איבערלייגט.

א היינטיקער ייד, א געכאַפּטער, אַן אַמעריקאַנער, ווען ער זאָל דאַרפן מאַכן דעם נס חנוכה, מיט די ליכטלעך, איז מן־הסתם וואָלט ער אין איין טאָג אויסגעברענט דעם גאַנצן בוימל.

און עס וואָלט אים נישט געקלעקט אויף די איבעריקע טעג...

ער וואָלט טאַקע, אמת, געמאַכט אַן אילומינאַציע, עס וואָלט ממש געשאָסן מיט ליכטיקייט, ווי אויף בראָדוויי — אָבער דער־פאַר וואָלט ער שוין מן־הסתם מאָרגן געזעסן אין דער פינסטער.

און איר מיינט, אַז אונזערע זיידעס האָבן עס געטאָן פון קאַרגשאַפט? ניין, זיי האָבן עס געטאָן פון קלוגשאַפט און לעבנס־חכמה!

דאָס לעבן האָט זיי געלערנט, אַז מען דאַרף אַלץ טאָן מיט אַ חשבון; צוביסלעך, צוקאַפּיטשקעס...

אַ ייד טאָר קיין שיכור נישט זיין...

אַפילו נישט קיין שיכור פון ליכט...

אונזערע זיידעס האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַפילו אַ יום־טוב טאָר נישט געיום־טובט ווערן צו־האַסטיק, צו־ווילד...

אַפילו ביי פייערונגען דאַרף מען נישט אויסנוצן דאָס גאַנ־צע פייער מיט איין מאָל...

איז, ווען היינטיקע יידן וואָלטן געוואָלט לערנען פון די אַמאָליקע, גיין אין זייערע וועגן, וואָלט פאַר זיי געווען בעסער.

אָט נעמט וואָל־סטריט, טאַקע וואָל־סטריט אַליין, — זאָג איך אייך, אַז ווען היינטיקע יידן וואָלטן געגאַנגען אין דעם וועג פון זייערע זיידעס און וואָלטן זיך איינגעקוקט גוט אין די חנוכה־ליכטלעך, וואָלטן זיי פון זיי געלערנט, אַז מען קאָן גאָרנישט אַריינכאַפּן און אַז מען טאָר גאָרנישט אַריינכאַפּן!...

און דער סך־הכל וואָלט געווען, אַז זיי וואָלטן אין זייערע געשעפטן געגאַנגען לאַנגזאַם, געוואַקסן לאַנגזאַם, פון טאָג צו טאָג, ווי די חנוכה־ליכטלעך...

דער עיקר, זיי וואָלטן נישט אָפּגעברענט געוואָרן מיט איין מאָל...

אָט נעמט טאַקע ווידער די אַכט ליכטלעך:

איז וווּ, מיינט איר, ליגט זייער גבורה? — אין דעם, וואָס זיי ווילן נישט איינער זיין גרעסער פון דעם צווייטן!

דאָס מאָרגנדיקע ליכטל קאָן נישט זאָגן, אַז עס איז תקיפער פאַר דעם נעכטיקן...

און וואָס, מיינט איר, איז דאָס אומגליק מיט די היינטיקע

ייִדן? — דאָס אומגליק איז, וואָס זיי ווילן איינער איבעריאָגן דעם צווייטן...

און דאָס צווייטע אומגליק איז, וואָס זיי מיינען, אַז זיי זע־נען היינט גרעסערע חכמים, ווי זייערע טאַטעס זענען געווען אַמאָל...

עס הייבט זיך אָבער נישט אָן!

וועלנדיק איבעריאָגן איינער דעם צווייטן, שפּרינגען היינ־טיקע ייִדן ממש פון דער אייגענער הויט, און דער סוף לאָזט זיך אויס, אַז מען מוז שפּרינגען פון פענסטער...

און וועלנדיק זיין קליגער פון זייערע טאַטעס — פאַלן זיי אַריין אין גרויסע נאַרישקייטן.

ווייל וואָס קאָן זיין נאַרישער, ווי שפּרינגען פון דער איי־גענער הויט, כדי רייך צו ווערן?!

און נישט נאָר שפּרינגט אַ היינטיקער ייִד אַליין פון דער אייגענער הויט, נאָר ער שלעפּט נאָך אַ צווייטן ייִדן...

וואָס, מיינט איר, איז דער גאַנצער ענין וואָל־סטריט, אויב נישט קיין שפּרינגען פון דער אייגענער הויט?

ווייל, אין דער אמתן, איך פרעג אייך, וואָס האָט אונזערע ייִדן אין אַמעריקע געפעלט?

פרנסה — געווען בּיד רחבה!

דירות — פון די שענסטע!

ווייבער און אויטאָמאָבילן — אויך!

און קיין רדיפות אויף ייִדן זענען דאָ נישטאָ.

טאָ זיצט־זשע רואיק, ייִדעלעך, זיצט ווי מענטשן, און דאַנקט דעם וואָס לעבט אייביק פאַר זיינע חסדים! — איז אָבער ניין!

האָט זיך יעדן ייִדן פאַרגלוסט נישט נאָר איבערצויאָגן זיין שכן, אַ ייִד ווי ער, נאָר אַפילו אויך צו ווערן אַ ראָקעפעלער, אַ מאָרגאַן, אַ פאָרד...

מיט וואַרבורגן האָט מען זיך שוין נישט גערעכנט...

און דער סוף? זענען זיי געוואָרן קבצנים! פאַרלוירן אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט פון שניידעריי און פעדלעריי...

איר פאַרשטייט? זיי האָבן געוואָלט פון קליינע יידישע חנוכה־ליכטלעך ווערן עלעקטרישע לאָמפּן אויף בראָדוויי!...

נו, האָט זיי דער ווינט אויסגעלאָשן...

איר פאַרשטייט? זאָל אַ חנוכה־לעמפּל זיך וועלן פאַרגלייכן מיט עדיסאָנס אַ הענג־לייכטער, אָדער אַ בליץ־לאָמפּ, וועט ער עס קענען? — ניין! ווייל אַ חנוכה־לעמפּל איז אַן ענין פאַר זיך און אַן עדיסאָן־לאָמפּ אַן ענין פאַר זיך...

די גאַנצע שיינקייט פון אַ חנוכה־לעמפּל איז אין זיין קאַרגן ליכט. אין זיין קליינקייט... אין זיין אויפריכטיקן ברענען, ווי ער קאָן...

אַ חנוכה־לעמפּל איז מיט דעם גוט, וואָס ער ווייסט זיין וואָרט! ער איז אַ חנוכה־לעמפּל... און ער דאַרף דערציילן וועגן אַן אַלטן נס און נישט האַלטן אַ לעקציע וועגן דעם ווונדער פון דער היינטיקער טעכניק...

אַ חנוכה־ליכטל איז אַן עדות פון פאַרצייטנס, פון אַ צייט, ווען מען האָט געברענט מיט בוימל.

די צרה מיט אונזערע יידן אין אַמעריקע איז, וואָס זיי זע־נען חנוכה־ליכטלעך, וואָס האָבן געוואָלט ברענען ווי בראָדווייער לאָמפּן...

איר באַנעמט: זיי האָט זיך געלעבט צו־גוט אין זייער שטיי־גער לעבן, און זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן שוין אַמעריקע מיט וואָלל־סטריט אין קעשענע...

איך זאָג זיך מיינס: אַ פאָלק פון קליינע הענדלער טאָר נישט וועלן ווערן וואַנאַמייקערס איבער נאַכט...

און אַ פאָלק פון מעקלער, סאָדע ־ וואַסער ־ קרעמער און שדכנים, טאָר נישט וועלן זיין אַ פאָלק פון מאָרגאַנס און ראָקע־פעלערס...

און דער עיקר, אונזערע יידן האָבן פאַרגעסן, אַז די מאָר־גאַנס און ראָקעפעלערס און פאָרדס זענען געציילטע, יחידים... און קיין פאָלק, אפילו דאָס אַמעריקאַנישע, באַשטייט נישט פון בלויז באַנקירן...

אונזער אייביקע טעאַטער־אונטערנעמונג

איך בין די לעצטע וואָך בייגעזעסן אַ מיטינג פאַר אַ וויכ־טיקער יידישער קולטור־אינסטיטוציע, וואָס צאַפּלט זיך אין גרוי־כער נויט, און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב פון דער קליינער פאַרזאַמלונג אַ סך געלערנט...

איך האָב, ערשטנס, ארויסגעטראָגן, אַז מען קומט צו אַזעל־כע מיטינגען אין גרוים איילעניש, ווי „פּאַזשאַרניקעס״, להבדיל...

וואָלט עס געווען גוט, וואָס מען קומט ווי צו לעשן אַ פייער. אָבער די צרה איז, וואָס איידער מען שטעלט נאָך צו די לייטערס און מען גרייט צו די קישקעס — איילט מען זיך אַוועקצולויפן צו אַ צווייט פייער...

אין רעזולטאַט: מען לעשט זייער ווייניק און דאָס פייער ברענט אומעטום...

צווייטנס: מאַכט עס אויף מיר דעם איינדרוק, אַז סיי די רופער, סיי די גערופענע זענען זייער מידע מענטשן.

שרעקלעך מידע מענטשן!

איבערגעאַרבעט פון קהלשער אַרבעט.

איי וואָלטן זיי זיך געוואָלט אָפּרוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אַראָפּוואַרפן פון זיך די שווערע משא פון „טוערישקייט״!

פאַרוואָס־זשע טוען זיי עס נישט? — פרעג איך זיך.

און איך ענטפער זיך אַליין:

טייל, מן־הסתם, צוליב דעם, וואָס עס פעלט זיי מוט.

אַנדערע, ווייל זיי פילן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט: ווי קאָן מען איבערלאָזן די קולטור אויף הפקר?

און ביי נאָך אַנדערע טוער איז עס אַ סך לייבלעכער:

— אַז איך זאָל אויפגעבן מיין שול־אַרבעט, וואָס וועל איך אַנדערש טאָן?

אַזוי צי אַזוי, האָב איך זיך געטראַכט: עס וואָלט געווען אַ פיינע זאַך, מען זאָל איינפירן וואַקאַציע פאַר מידע כלל־טוער.

דאָס וואָלט זיי אָפּגעפרישט.

באַנייט זייערע כחות.

און אפשר אויך אָפּגעפרישט און באַנייט די גאַנצע קולטור־אַרבעט. ווייל אַ מידקייט ליגט אויסגעשפּרייט אויף אונזער גאַנצער קהלשער אַרבעט.

אַ מידקייט, וואָס עסט אויס די אויגן, ווי אַ טומאַן, און ליימט די גלידער, ווי אַ פוילער האַרבסט־טאָג...

און איך בין געזעסן און ווייטער געטראַכט אומעטיקע, אָפּגעהאַקטע געדאַנקען:

ס'איז נישט גוט!

נישטאָ קיין פליגלען ביי אונז!

אונזערע טוער פעלט פאַנטאַזיע!

אַ טייל קומט צו אַ מיטינג מיד און פאַרשלאָפן.

אַ טייל קומט בלויז אָפּצוקומען.

און דער גרעסטער טייל איילט זיך אויף אַ צווייטן מיטינג.

און מיטינגען ביי אונז פעלן נישט.

און דאָס ערגסטע איז, וואָס מיר האָבן נישט קיין נייע פּלענער.

און מיר זוכן שוין נישט אויך.

אויפגעגעבן.

אַז איר קומט צו אַ מיטינג, ווו מען דאַרף שטעלן אַן אינסטיטוציע אויף די פיס.

איינמאָל פאַר אַלע מאָל געבן די ריכטיקע הילף — דאַרפט איר פריער וויסן, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן מיט אַ טעאַטער־אונטערנעמונג...

מיט א בילעטן־פארקויף.

די אייביקע טעאטער־אונטערנעמונג. זי נעמט אוועק די בעס־טע כחות — און זי גיט אזוי ווינציק!

ניין, זאג איך זיך, מען האט געדארפט מאכן א סוף צו דער אייביקער טעאטער־אונטערנעמונג אונזערער!

א סוף!

מיר מוזן האבן נייע אונטערנעמונגען.

נאר איך כאפ א קוק אויף די מידע פנימער פון אונזערע טוער און איך באשליס:

ס'איז נישטא מיט וועמען!

נישטא ביי אונז קיין אונטערנעמונגס־גייסט פאר ריכטיקע נייע אונטערנעמונגען.

אונזער ארבעט פאר קולטור־ארבעט קרעכצט און כריפעט ווי אן אלטער אויטאמאביל, וואן ער דארף ארויף בארג־ארויף אין א נאס וועטער...

אדער עס שלעפט זיך, ווי א בריוו־טרעגער אויף דער איסט־סייד, פארשטויבט, אפגעלעבט און מיט א האלבן אפענעם זאק, ווי איינער רעדט: אז איר וועט ארויסשלעפן ביי מיר א פאר בריוו, ארט מיך אויך נישט!...

און דער עיקר: עס איז א בריוו־טרעגער מיט פלאכע פיס.

יא, יא, אונזער גאנצע קולטורישקייט גייט אויף פלאכע פיס. און ס'איז אך און ווי צו אזא גאנג!

און די צרה פון אלע צרות איז, וואס ביי אונז קומען נישט צו קיין נייע טוער.

מיט א פרישן, יונגן גאנג.

צו אלע הילפס־רופן קומען נאר די אלטע טוער.

און ביי די אלטע טוער זענען אויך די הילפס־מיטלען אלטע.

דאס ערשטע און דאס לעצטע איז: די אייביקע טעאטער־אונטערנעמונג!

א טעאטער־אונטערנעמונג מיט איינשפאנען זיך צו פארקויפן בילעטן...

עס פאסירט אמאל, אז א יידישער טוער גיט א חלום פון

א העברער זאַך ווי טעאַטער־בילעטן, איז עס נאַר, ווי, למשל, צו גיין צו וואַרבורגן און אים זאָגן: אדוני וואַרבורג, לייז אונז אויס! עפן די „דזשאָינט״־קאַסע פאַר אונז! ווייל פאַרוואָס זענען מיר ערגער ווי די יידן פון יענער זייט ים?...

אָדער גאָר צו ראָקעפעלערן: מיסטער ראָקעפעלער! איר וואַרפט זיך דאָ אַזוי מיט געלט, וואַרפט אונז אויך עפּעס צו פאַר דער יידישער קולטור!

אונזער טוער חלומט אַזאַ ווייטן חלום, ווייל עס איז זייער ווייט, זייער נישט אויספירבאַר...

און ער שמייכלט אַליין דערביי דאָן־קישאָטיש.

אין רעזולטאַט: דער חלום צערינט גלייך און עס בלייבט די אַלטע, אייביקע טעאַטער־אונטערנעמונג!

פאַרקויפן בילעטן! און קריגן רעקלאַמע אין די צייטונגען דורך דעם יידישן שרייבער!...

אודאי, ווען עס ווערט נישט גוט, לויפט מען צום יידישן שרייבער, וועלכן מען האַלט פאַר אַ בטלן און אַ קנאַפּן אויפטוער און מען שרייט צו אים: „ראַטעווע, גיב נאָטיצן!״.

און דער יידישער שרייבער, אַ צעטומלטער, רייסט אָפּ אַ פּאָר מינוט פון זיינע 26 שעה שטיק־אַרבעט פאַר דער אייביקייט, און ער שרייבט אָן אַ נאָטיץ, פּובליסיטי, „רופט אָפּ אַן אַקטיאָר — ״ און יוצא!

און אַזוי גייט עס: צו די מערסטע אונטערנעמונגען דער־לייגט מען, אָבער אין בעסטן פאַל, גייט מען אַרויס גלייך אויף גלייך. אָבער וואָס קאָן מען אַנדערש טאָן?

אַמאָל טרעפט, אַז מען מאַכט אַ פּאָר דאָלאַר.

איז אפשר וועט מען עס איצט אויך מאַכן?...

און אָט אַזוי שטופּט מען זיך דורך פון אונטערנעמונג צו אונטערנעמונג...

און איך זאָג: עס איז שוין צייט אַרויסצושלאָגן זיך פון קאָפּ אונזער אייביקע טעאַטער־אונטערנעמונג!... שוין צייט!

גוים טייערע, האָט אונז נישט ליב!

א ייד מאָנט כסדר ליבע ביי דער וועלט. אָבער אין דער אמתן וויל ער, די וועלט זאָל אים פיינט האָבן.

און האָט מען אונז נישט פיינט א געוויסע צייט, זיצן מיר און ערגערן זיך: פאַרוואָס האָט מען אונז אויפגעהערט פיינט צו האָבן?

אנטיסעמיטיזם איז אונזער איינציקע גלות־פּאַטענטירטע דער־פינדונג. מיר האָבן זי פּאַטענטירט אין אַלע לענדער.

און די גוים האָבן אָפּט קיין חשק און קיין צייט נישט אונז פיינט צו האָבן, אָבער זיי מוזן, ווייל מיר לאָזן זיי נישט צורו.

ווי געזאָגט, מיר מאָנען.

און די מלאכה פון מאָנען קענען מיר.

האָט מען אונז פיינט אונטער פאַרשידענע קלימאַטן.

פאַר פאַרשידענע טאַטן און מיט פאַרשידענע אַראָמאַטן.

און מיט פאַרשידענע פּאָנען שפּאַצירט די שנאה צו אונז.

אין אַמעריקע אונטער דער פּאָן פון „פּאָן'' (שפּאַס).

דאָ איז נאָך נישטאָ קיין וויסנשאַפטלעכער אנטיסעמיטיזם, אפילו נישט קיין פּסיידאָ־טשעמבערלעניִשער. דאָ האָט מען אונז נישט ליב שפּילעוודיק.

אַמעריקע איז א לאַנד, וואָס שפּילט זיך.

שפּילט זיך אפילו מיט דער וויסנשאַפט, מאַכט „פּאָן'' מיט דערפינדונגען, פליט, ריזיקירט אפילו צוליב רעקאָרד־ברעכעריי, וואָס דאָס איז אויך נישט מער ווי אַן אָפּטיילונג פון „פּאָן''־דעפּאַרטמענט.

אָבער מיר זעען אין יעדן שפּיל מיט אונז אַ סימן פון אַנ־טיסעמיטיזם...

* *
*

איך האָב ליב אונזערע יידישע צייטונגען, ווען זיי קריגן אריין אַ שטיקעלע אַנטיסעמיטיזם.

דאַן לעבן זיי אויף. איר פילט ממש, ווי זיי קריגן צו חיות. איר זעט בחוש, ווי די פעדערס טאַנצן אין די הענט פון די נייעס־שרייבער.

אַנטיסעמיטישע נייעס איז קודם־כל אונזער אייגענע נייעס.

נייעס, מיט וועלכער מיר קאָנען האָבן אַן אויבערהאַנט איבער די ענגלישע.

אַנטיסעמיטיזם דערנענטערט אונז אויך צו אונזערע לעזער.

אַזוי דאַכט זיך אָפּט, אַז מיר רעדן צו טויבע אויערן. ווער הערט אונז?

הויבן מיר אָבער אָן צו רעדן פון אַנטיסעמיטיזם און אַנטי־סעמיטן, דערפילן מיר גלייך, אַז יידן הערן אונז מיט אַלע אויערן.

יידן זענען פאַרליבט אין דער שנאה צו זיך.

וועקט אויף אַ יידן אינמיטן דער נאַכט און זאָגט אים, אַז משיח איז געקומען, וועט ער זיך אַ קרים טאָן און זיך איבערקערן אויף דער צווייטער זייט.

וועקט אָבער אויף אַ יידן אינמיטן דער נאַכט און זאָגט אים, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן אַ נייער אַנטיסעמיט, און ער שפּרינגט גלייך אַרויס פון בעט.

ער ווערט תיכף וואַך, ער דאַרף גאָר די אויגן נישט רייבן.

אַ ייד וועט אַפילו איבערלאָזן דעם קאָרטן־טיש צוליב אַ שמועס וועגן אַנטיסעמיטיזם.

מיר זענען, זאָג איך, פאַרליבט אין דער שנאה צו אונז.

און מיר דאַרפן נישט קיין גרויסע שנאה צו אונז. מיר כאַפּן זיך אָן אָן יעדן אַנטיסעמיטישן זעמדעלע און מאַכן דערפון אַ באַרג.

און מיר קלעטערן נאָכדעם אויפן באַרג מיט טוריסטן־לוסט, קוועלן ממש אָן פון יעדן געוווּנענעם טראַט.

— אַי, מען האָט אונז נישט ליב!

מיר זענען אַנטיסעמיטן־קראַנק.

און טאָמער לאָזט מען אונז אויף אַ ווײַלע אָפּ, נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם אין אַ געוויסן לאַנד —

זיצן מיר און וואַרטן.

— אָט באַלד און מען וועט אונז אָנהויבן פײַנט האָבן.

ווי אמתע סוחרים, זענען מיר זיכער מיט אונזער סחורה.

און זענען די גוים פאַרטאָן מיט עפּעס אַנדערש, מיט קולאַק־געשלעגן און פּילקע־שפּיל, קריכן מיר צו זיי אויף די פעלדער און בעטן זיך:

גוים טײַערע, האָט אונז נישט ליב...

די וועלט איז אונז שולדיק אַ סך. און אָנשטאָט מאָנען בײַ איר, וואָס עס קומט אונז, באַגנוגענען מיר זיך מיט וועקסלען אויף אַנטיסעמיטיזם...

קאָמיש איז אונזער רייסן בײַ דער וועלט: צאָלט אונז מיט שנאה!

קאָמיש איז דער ציוניסטישער געשריי:

באַצאָלט אונז, וועלטעלע, אַנישט זענען מיר באַנקראָט!...

קאָמיש און אַפילו טראַגיש...

און טאָמער איז אין סאָוועט־רוסלאַנד נישטאָ קיין אָפיציעלער אַנטיסעמיטיזם, די רעגירונג לאָזט נישט, די רעגירונג וויל נישט — זיצן זיך יידן אין אויסלאַנד און ערגערן זיך:

— פאַרוואָס איז דאָרט נישטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם?

און זיי שרעקן זיך און אונז... און זיי פרעגן אַליין און ענטפערן אַליין...

מיר זענען אַ מאָדנע קראַנק פאָלק. און דערפאַר געפינען מיר אַנטיסעמיטיזם אַפילו אין די שפּיטאָלן.

און אַפילו בײַ גויאישע דאָקטוירים טאַפּן מיר אָן דידאָזיקע בלינדע קישקע...

האָבן מיר אַ דורכשניטלעכן יידן?

אין „טיימס" איז געווען געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דורכשניטלעכע, טאָג־טעגלעכע מענטשן פון אַלערליי פעלקער.

עס האָט געשריבן אַ פראַנצויז וועגן דעם דורכשניטלעכן פראַנצויז.

אַן ענגלענדער (סער פיליפּ גיבּס) וועגן דורכשניטלעכן ענגלענדער.

עמיל לודוויג וועגן דעם דורכשניטלעכן דייטש.

האָב איך אַ טראַכט געטאָן: און ווי האַלט עס מיט אונז?

ווי איז מיט אונזער דורכשניטלעכן יידן?

וואָס פאַר אַ פּנים האָט ער?

און איך האָב גענומען אויסקנעטן דאָס פּנים פון דורכשניטלעכן יידן.

האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז אַ שווערע אַרבעט. זייער אַ שווערע.

עס איז אַ פּנים, וואָס לאָזט זיך נישט קנעטן.

און באַלד האָב איך איינגעזען, אַז מיין מי איז אומזיסט.

ווייל אין דורכשניט האָבן מיר גאָרנישט קיין דורכשניטלעכע יידן.

אַ דורכשניטלעכער ייד — מיינט אַ געוויינלעכער ייד.

און ווו נעמט מען אים?

יעדער איז בטבע אַן עפּעס...

אויב ער איז נישט גלאַט קיין גדול בישראל, רייבט ער זיך אַרום אַ גדול...

יעדער ייד צייכנט זיך מיט עפּעס אויס.

אויב ער איז נישט קיין פרומער ייד — איז ער אַן אפּיקורס.

אויב נישט קיין ציוניסט — איז ער אַן אַנטי־ציוניסט.

און אויב ער איז נישט קיין סאָציאַליסט, איז ער אַ קאָמו־ניסט...

און אויב ער איז דאָס אַלץ נישט — איז ער כאָטש אַ ווע־געטאַריער...

אַ ייד וויל נישט זיין קיין מענטש מיט אַלעמען גלייך.

ער וויל אַלע מאָל זיין אַ יוצא מן הכלל.

אַ ייד, אויב ער האָט אַליין נישט קיין טאַלאַנט צו עפּעס, זעט ער שוין צו האָבן אַ זון אָדער אַ טאָכטער אַ טאַלאַנט...

און דאַן גייט עס אַזוי:

— איך בין דער פאָטער פון דעם און דעם טאַלאַנטפולן יינגעלע... וועגן וועמען די צייטונגען שרייבן...

— מיין טאָכטער איז עס די יונגע שוישפּילערין, די און די...

יידן האָבן נישט ליב צו זיין נישט באַמערקט.

עס לוינט זיך זיי פּשוט נישט...

וואָס זענען זיי, חמורים, גוים, צי וואָס?

וואָס? זיי ווייסן דען נישט די קונץ, ווי צו מאַכן עס?

אַ ייד לויפט שטענדיק... און נישט נאָר צוליב ביזנעס.

דאָס וויל ער איבעריאָגן זיין דורכשניט... אַריבערשפּרינגען! איבער זיך אַליין...

אין דעם זין — זענען אַלע קינדער פון יידישן פאָלק — אַקראָבאַטן.

נישטאָ קיין דורכשניטלעכער ייד!

עס איז דאָ אַ דורכשניטלעכער ענגלענדער (טאָמי הייסט ער), אַ דורכשניטלעכער רוס (איוואַן), אַ דורכשניטלעכער דייטש (מיכל), אַ דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער אַפילו („בעביט" זאָל לעבן), אָבער ווי רופט מען דעם יידישן דורכשניטלעכן מענטשן? „מוישע"? איז עס אַ טעאַטער־מענטש, אַ פּאַטריאָט... שוין

אַ שטיקל עפּעס... ער האָט שוין אַ טשין און ער איז שטאָלץ דערויף...

און דרך־ארץ!

ווען איר זאָלט זאָגן אַ ייִדן, אַז ער איז אַ דורכשניט־לעכער ייִד, אַ געוויינלעכער ייִד, הייסט עס, און אַז עס זענען דאָ אַ סך אַזעלכע ייִדן ווי ער...

וועט ער אויף אייך זיכער ברוגז ווערן און אפשר אָנזידלען אויך...

ווי האָט איר עס געוואָגט?

איר האָט אים באַליידיקט!

ער איז פּונקט אַזאַ חכם ווי איר!

אַזאַ רעדנער ווי איר.

אַזאַ שרייבער ווי איר.

ער איז אויך געגאַנגען אין חדר! (ווי אַלע גרויסע מענטשן אין זלמן רייזינס לעקסיקאָן).

וואָס דען? אַן עם־הארץ איז ער?

סך־הכל: נישטאָ ביי אונדז קיין דורכשניטלעכע ייִדן...

אַ ייִד, אויב ער איז נישט באַגאַבט פון דער נאַטור, פייפט ער אויף דער נאַטור — און ווערט אַליין באַגאַבט, מיט אייגענע כחות...

און אויב ער קאָן זיך נישט אויסצייכענען אַלס אָרעמאַן — ווערט ער אַ גביר...

און אויב ער גיט אַליין נישט — מאַכט ער אַנדערע צו געבן...

און ווען נישט, ווערט ער גאָר אַ כלל־טוער... גרינדעט אַ פאַראיין, אַ צווייג, אַ יוניאָן, אַ ליטעראַרישן זשורנאַל...

און אויב ער קאָן נישט גרינדן, ווערט ער אַ שול־טוער... אַ צדקה־זאַמלער, אַ מתים־פאַרזאָרגער, אַ זאַמלער פון מאַרקעס, פון פאָלקס־לידער, פון ביכער פאַרן ווילנער וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט...

און טויג ער שוין גאָר צו גאָרנישט, אָדער ער איז פויל,

האָט קיין ענערגיע נישט — ווערט ער אַ יידישער לייענער. פון די געציילטע, וועלכע לייענען, ווי מען רופט עס, אַלץ...

און דאָס איז שוין אויך אַ טיטל... אַ באַרוף... אויך מיט דעם קאָן מען זיך ביי אונז אויסצייכענען...

ווייל אַ מענטש, וואָס לייענט ביי אונז מיט אַ יידיש ביכל מער פון דורכשניט, איז שוין אַ יוצא מן הכלל. און ער גיט עצות שרייבער, און באַפעלן... און ער וויל דערפאַר כבוד... עס קומט אים! — און ער קריגט עס אויך...

איך האָב זיך שוין באַגעגנט מיט הונדערטער יידן (איך וויל נישט זאָגן טויזנטער...), אָבער קיין דורכשניטלעכן יידן האָב איך נישט באַגעגנט...

איז ער אַפילו גאָר אַ גאָרנישט — נו, האַלט ער מיט סאָוויעט־רוסלאַנד... איז ער שוין אויך אַ גרויסער מענטש. (ער האַלט — און אַלגין אויך)...

ווען נישט, שטאָלצירט ער, אַז ער איז געווען אין ארץ־ישראל...

און דאָס איז שוין אויך נישט קיין פשוטע זאַך...

און איך זאָג זיך:

וויל איז דעם פאָלק, וואָס האָט דורכשניטלעכע מענטשן!

אַזאַ פאָלק איז גוט.

אַזאַ פאָלק איז אַ געזונט פאָלק.

עס האָט אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן.

אָבער ביי אונז זענען אַלע קלוגע, און איבערקלוגע.

אַלע חכמים, טאַלאַנטן און דיפּלאָמאַטן...

אַלע ווייסן אין ציוניזם מער ווי ד״ר ווייצמאַן, זענען גרעסערע דיפּלאָמאַטן, ווי נחום סאָקאָלאָוו, און קענען דרשענען פּונקט אַזוי גוט ווי מאַסליאַנסקי...

וואָס דען, זיי קענען נישט?

און רייזע־באַשרייבונגען, ווי הירשביין, וועלן זיי דען נישט שרייבן? אַבי גיט זיי נאָר פּלאַץ! אויך מיר אַ קונץ!

זאָל מען זיי נאָר לאָזן פאָרן איבער דער וועלט! און זיי וועלן לייזן די יידן־פראַגע...

און פּיעסעס? — דאָס איז דאָך גאָר אַ קלייניקייט!
ווער קען עס נישט ביי יידן שרייבן פּיעסעס?
סך־הכל: מיר האָבן זיך נישט אויף וועמען צו שטיצן...
מיר שפּייזן זיך איינע פון די אַנדערע און מיר גייען ארום מיט לײדיקע מאָגנס... ווייל מיר שטעלן איינע די צווייטע ארויס אַ פּייג...
און דערפאַר איז אונז נישט גוט. דערפאַר מאַנגלט עס ביי אונז אין לייענער. ווייל טאַלאַנטן, כידוע, לייענען נישט איינע די אַנדערע.
און דערפאַר האָבן מיר נישט קיין צוהערער,
ווייל יעדער ייד איז אַליין דער רעדנער...
און איך וויל פאַרענדיקן מיט אַ פּאַראַדאָקס: ביי אונז האָט זיך אַמאָל אַ שרייבער אונטערגעשריבן: איינער פון פאָלק, „אחד־העם", — איז ער געווען אונזער גרעסטער דענקער...
אָט אַזאַ מאָדנע פאָלק זענען מיר... נישטאָ ביי אונז קיין דורכשניט!...
נישטאָ!

קדושה און טומאה

אויב ביי זיי, ביי די גוים, זענען אנאָנסן דער גוף פון זייערע צייטונגען, זענען זיי ביי אונז די נשמה.

אויב ביי זיי דיקטירן גאַנץ אָפט די אַנאָנסן־געבער די ריכ־טונגען פון די לייט־אַרטיקלען, זענען מיר אַוועק נאָך ווייטער: ביי אונז שרייבן די אַנאָנסן־געבער אַליין די לייט־אַרטיקלען.

אויב ביי זיי מישן זיך די רעקלאַמירער אין קונסט־ענינים, זעט מען עס נישט, עס ווערט געמאַכט אין דער שטיל, הינטער די קוליסן, ווערט עס אָבער ביי אונז געפירט גאַנץ אָפן: אונזערע רע־קלאַמירער רעדן אָפן וועגן קונסט, טעאַטער און מוזיק.

און איך זאָג זיך: אויב ביי אונז האָט דער לעזער פאַרלוירן דעם דרך־ארץ פאַר דעם געדרוקטן וואָרט, איז דאָס צוליב דעם, וואָס דער צעמישטער לעזער לייענט אונזערע צייטונגען און ווייס נישט, ווער איז ווער, וואָס איז וואָס און ווו איז ווו... ער קאָן זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן, ווער איז ביי אונז אַ טעאָרעטיקער: ד״ר זשיטלאָווסקי, צי דייטש בראָדערס? ער קאָן נישט דערגיין, וואָס איז לייט־אַרטיקל און וואָס איז רעקלאַמע, ווו ס׳איז קדושה און ווו ס׳איז טומאה, ווו אידעאַל און ווו ביזנעס...

און סתם דאַרף ביי אונז אַ לעזער נישט לייענען קיין נייעס אויף דער ערשטער זייט פון די צייטונגען, און אַרטיקלען אויף די אינעווייניקסטע זייטן, צו וואָס זאָל ער זיך אָנשטרענגען, אַז די־

זעלבע ידיעות און חכמות קריגט ער אויף אַ פּיל פּאָפּולערערן אופן אויף די אַנאָנסן־זייטן.

דאָרט דערוויסט ער זיך, אויסער וועלט־נייעס און וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן, אויך וועגן די מציאות אויף מעבל און קליידער, העמדער און ברוך־גאַרטלען.

איך וועל דאָס אייך אילוסטרירן מיט פאַקטן: ווען דאָס יידי־שע פאָלק האָט געקריגן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָבן אונזערע רעקלאַמירער דאָס תיכף אויסגענוצט פאַר ביזנעס. און איר האָט געקאָנט לייענען אַזעלכע אַנאָנסן:

דער גרעסטער היסטאָרישער אַקט אין אונזער געשיכטע! ענג־לאַנד גיט אונז ארץ־ישראל! טאָ קומט פייערן די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע ביי שמענדריק בראָס. אין קליידער־געשעפט דאָרט וועט איר קריגן די גרעסטע מציאות אין זומערדיקע רעקלעך...

אָדער עס נעמט און עס שטאַרבט ביי אונז דזשייקאָב שיף — איז גלייך אויף מאָרגן געפינט איר פאָלגנדיקע לייט־אַרטיקל־אַנאָנס וועגן שיפס טויט: שיף איז געווען דער גרעסטער פילאַנטראָפּ ביי יידן. שיף האָט געהאַט אַ גרויס הארץ, א. א. וו. און ס'ענדיקט זיך אויף דעם אופן: אַזוי ווי דאָס גאַנצע פאָלק באַוויינט איצט אונ־זער גרויסן יידן דזשייקאָב שיף, און אַזוי ווי וויינען וויינט מען דאָך מיט אויגן און אַזוי ווי פון צופיל וויינען הויבן די אויגן אָן וויי טאָן — לכן, דערום פאַרגעסט נישט צו באַזוכן די באַוווּסטע ברילן־ספּעציאַליסטן, בריל־בראָס., וועלכע זענען באַוווּסט איבער דער גאַנצער וועלט מיט זייערע גוטע ברילן!...

אָדער אַט קומט צו אונז באַראָן דזשיימס ראָטשילד אין די אינטערעסן פון קרן־היסוד, און גלייך געפינט איר עס אין די אַנאָנסן. דאָרטן דערציילט מען די ראָטשילד־לעגענדע, און דעם יחוס פון „נדיב הידוע" און מען לאָזט אויס: קומט אין מאָטלס פאָנאָגראַף־געשעפט. מיר שניידן איצט די פרייזן אויף אַ העלפט!...

און וואָס דאַרפט איר מער, אפילו פּאַגראָמען נוצן אויס אונ־זערע אַנאָנסן־געבער לטובת זייערע געשעפטן. און איר האָט פאַר די לעצטע יאָרן ביי אונז געקאָנט טרעפן אַזעלכע אַנאָנסן: מען שענדעט אונזערע טעכטער אין די צענדליקער טויזנטער — דער־

מאַר קויפט הערינג בײַ געצעלסאָן און קאַמפּ.! אָדער: יידיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער און דערום — קומט שנעלער כאַפּן אונזערע שיך, וועלכע מען פּאַסט אײַך צו אויף דעם בעסטן אופן, לויט דער אַנאַטאָמיע פון אייער פוס...

אָבער דער גרעסטער שרייבער אויף דער יידישער גאַס איז בײַ אונז אַ באַוווּסטע מעבל־פירמע. אַט דידאָזיקע פירמע מישט זיך אין די גרעסטע יידישע ענינים און רעדט מיט דער גרעסטער אויטאָריטעט. פאַרוואָס? ווײַל זי רעדט אויף גאַנצע זײַטן, און פאַר אַ שרייבער, וואָס שרײַבט אויף גאַנצע זײַטן, מוז מען האָבן דעם גרעסטן דרך־ארץ! קאָכט זיך בײַ אונז מיט אַ יידישן קאָנגרעס, למשל, קומט גלייך דידאָזיקע מעבל־פירמע מיט אַ באַגריסונג אין נאָמען פון דער פירמעס סטילאָוון שלאָף־צימער־גאַרניטור פאַר הונדערט און פערציק דאָלאַר מיט פּור־געלט.

דיזעלבע פירמע האָט זיך שוין גענומען אפילו צו טעאַטער־קונסט און העלפט פראַווען געבורטס־טאָג־פייערונגען.

אַנומלט קריג איך אַן אײַנלאַדונג צו אַ קונסט־אָוונט צוזאַמען מיט אַן ערן־אָוונט פון אונזער באַליבטן דירעקטאָר און קינסטלער מאָרים שוואַרץ. אין דער אײַנלאַדונג איז געשריבן, אַז עס ווען אויפגעפירט ווערן 4 אײַנאַקטערס: פּרצס, שלום־עליכמס, שניצלערס און בערקאָוויטשעס.

געפעלט עס מיר. האָב איך הנאה, וואָס די קונסט זיגט, און וואָס אונזערס אַן אַקטיאָר קלײַבט אויס סאַמע ליטעראַטור צו זײַנעם אַן ערן־אָוונט... אָבער גלייך גיב איך אַ קוק, אין וואָס די אײַנלאַדונג איז מיר צוגעשיקט געוואָרן (און מן־הסתם אויך צו אַנדערע...) און מיר ווערט נישט גוט: די אײַנלאַדונג איז געלעגן אין אַ קאָנווערט מיט דעם אדרעס פון דעם וואָיל־באַוווּסטן ד״ר לאַנדעס!

איז מילא... וואָלט דאָס נאָך אויך נישט געווען אַזאַ גרויס אומגליק. אַן אַדרעס בלויז... ווײַל מען, גייט מען, ווײַל מען, גייט מען נישט... קער איך אָבער איבער דעם קאָנווערט אויף דער צווייטער זײַט — ערשט דאָרט איז די ריכטיקע סחורה: לאַנדעס אַנאָנ־

סירט דאָרט זיינע „ספרים" מיט פיין־געדרוקטע יידישע בוכ־שטאַבן. עס קומט דער פולער צעטל פון ד"ר לאַנדעסעס ווערק:

„די ליידנשאַפט פון אַ פרוי".

„די אויסגעלאַסענע וועלט".

„די דריי ליידנשאַפטן".

„זינד קעגן נאַטור".

„דעמעדזשד גודס".

און איך האָב זיך געזאָגט: אינעווייניק רעדט זיך וועגן פּרצן און אויסערליך — פון ד"ר לאַנדעס. די איינלאַדונג שמועסט וועגן קונסט, און דער קאָנוווערט פון ביזנעס. און מיאוסע ביזנעס דערצו...

און דער עיקר. מיר דאַכט, אַז דער, וואָס האָט אַרויסגעשיקט די איינלאַדונג צו זיין ערן־אָוונט, האָט אפשר גאָרנישט געזען אין דעם קיין חילול הקודש...

סך־הכל: אין אונזער יידיש לעבן ווייסט מען קיינמאָל נישט, ווו עס הויבט זיך אָן די קדושה און ווו די טומאה...

די זעלבע יידן

שוין אַ צייט, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט אַ געדאַנק, וואָס לאָזט מיך נישט רוען.

דער געדאַנק איז, אַז די קללה פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן איז, וואָס אומעטום, און שטענדיק, זענען ביי אונז די־זעלבע יידן כלל־טוער ביי יעדער באַוועגונג און אונטערנעמונג...

עס איז אַ קללה...

אַ באַוועגונג פאַר אַ יידישן מוזיי, אַ קולטור־ליגע, אַ פאָלקס־טעאַטער, אַ וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, אַ יידישער קאָנגרעס, אַ רעליעף, אַ קאָלאָניזאַציע, אַ מעקסיקאָ, אַ יידישע אויסלייגעכץ, אַ יובילייַ פאַר אַ גדול, אַ טעאַטער־מוזיי, אַ קאָנסערוואַטאָריע — אומעטום, שטענדיק און אייביק דיזעלבע יידן כלל־טוער.

און דאָס איז אַ קללה.

ווייל צוליב דעם איז דאָס פאָלק פאַראורטיילט שטענדיק און אייביק און אומעטום, און ביי יעדער געלעגנהייט, צו הערן איינע און דיזעלבע רעדנער...

און נאָך ערגער: איינע און דיזעלבע רעדעס...

אָפט, ווען איך קום צו אונזערם אַ קאָנפערענץ, אַ מיטינג, אָדער אַן אַסיפה, כאַפּט מיך אַרום אַ קעלט, אַ שוידער!

— ווי אָרעם מיר זענען אין קרעפטן!

— ווי דלותדיק אין כחות!

און איך פרעג זיך שטענדיק: וווּ זענען די נייע יידן? די נייע כלל־טוער? זענען מיר טאַקע מחויב תמיד צו הערן דיזעלבע דרשות?

פאַרוואָס זאָל יעדע אונטערנעמונג ביי אונז נישט האָבן קיין באַזונדערע מענטשן?

פאַרוואָס זאָל מען זיך בײַ אונדז נישט אָפּטײלן אַ קאָפּעטשקע, נישט ספּעציאַליזירן?

פאַרוואָס מוזן אַלע אונדזערע כּלל־טוער זײַן ספּעצן אויף אַלץ: אויף רוסישער קאָלאָניזאַציע, יידנטום, טעאַטער, וויסנשאַפט, עמי־גראַציע, קרן־היסוד, רעליעף, האָנאָלולו, אויסלײגעכץ און קאָנסער־וואַטאָריעס?...

פאַרוואָס?

איר ווייסט, ווי ס'קוקט מיר אויס אונדזער כּלל־טוערשאַפט? — ווי די אַמאָליקע שלישי־חזקה אין די קלײנע שטעטלעך.

אויף שלישי האָט געהאַט אַ חזקה דער גביר פון שטעטל, שטענדיק דערזעלבער גביר...

זענען אַלע אונדזערע באַוועגונגען און אונטערנעמונגען „שלישי־חזקות''?

און ווען מען זאָל וועלן ריכטיק רעכענען, מיינט עס, אַז מען האַלט בײַ אונדז אָפּ איין אסיפה אין 10 יאָר, נאָר אונטער פאַרשי־דענע נעמען...

און איך בין איבערצייגט, אַז אויב בײַ אונדז רירט זיך גאָר־נישט פון אָרט, אַלץ „פּילאַדעלפיעט'', שלאָפט און חלשט, ווי אַן אָפּגעחלשטער פּוס... איז דאָס צוליב דעם, וואָס בײַ אונדז זיצן איין און דיזעלבע מענטשן צו־לאַנג אויף איין אָרט!

לויט מײַן מיינונג קאָן מען בײַ אונדז כּמעט נישט בויען קיין נײַע זאַכן, ווײַל די בוי־אַרבעט דאַרפן טאָן דיזעלבע אַלטע כּלל־טוער.

און פאַר נײַע זאַכן מוז מען האָבן נײַע מענטשן!

אַפילו די פּעאיקסטע מענטשן מוזן סוף־כּל־סוף דערעסן זיך אַליין און אַנדערע.

אַפילו די קליגסטע רעדעס מוזן איבלען, ווען מען חזרט זיי איבער.

אָט נעמט טאַקע די מעשה „קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד'':

בײַ דער „דזשאָינט''־קאָנפערענץ — אַ דעבאַטע וועגן קאָלאָ־ניזאַציע.

ביים י. ל. פּרץ־פאַראיין־מיטינג — דיזעלבע דעבאַטע.

און דאָסזעלבע וועט דעבאַטירט ווערן אויפן „יידישן קאָנגרעס".

און די דעבאַטאַנטן זענען דיזעלבע.

די פראַגן דיזעלבע.

די ענטפערס — דיזעלבע.

און ווי זאָל זיך עס נישט דערעסן?

איך האַלט דריי־פערטל פון אונזערע אסיפות פאַר אַן איבוד זמן און איבוד ממון!

עס איז ביי אונז ענג אין אונזער געזעלשאַפטלעכקייט! ווו דו קומסט — דיזעלבע יידן. צו אסיפות, קאָנפערענצן, באַנקעטן, „צו פרעמיעדעס" פון „קונסט־טעאַטער", ביים ים אויפן זאַמד, און מעטום!...

און די צרה נעמט זיך דערפון, וואָס די נייע גלויבן נישט אין זייערע כחות, רופן זיי ביי יעדער נייער אונטערנעמונג דיזעלבע אַלטע כלל־טוער און גיבן זיי אַליין איבער די ממשלה...

מען דאַרף ביי אונז אַרויסלאָזן אַ לאָזונג: כלל־טוער, ספּעציאַליזירט זיך!

זייט נישט אַלע פאַר אַלץ, וועט נישט זיין אַלץ פאַר גאָרנישט!

זאָלן די, וואָס גייען בויען אַ טעאַטער־מוזיי, נישט גיין צו קאָלאָניזאַציע־מיטינגען.

און די, וואָס אַרבעטן פאַרן קרן־היסוד, זאָלן נישט אַרבעטן פאַר מעקסיקאַ...

מיר דאַרפן ספּעצן ביי אונז.

אַלע טאָרן נישט זיין צונג־פּעאיק אויף יעדן צווייג...

זאָל וויסנשאַפט ציען וויסנשאַפטסלייט.

קאָלאָניזאַציע — קאָלאָניזאַטאָרן.

טעאַטער־מוזייען — טעאַטער־מענטשן.

ווייל ווען נישט, דאַכט זיך מיר, אַז אונזער אַמעריקאַנער יידנטום איז פאַראורטיילט צו שטאַרבן, הערנדיק איין און דיזעלבע דרשות פון דעם אָדער יענעם גדול...

אַן אַ חוש פֿאַר אמתער פּראָזע

איך האָב לאַנג געטראַכט: וואָס איז די סיבה, וואָס בײַ אונז טוט מען אַזוי ווייניק פּראַקטישע אַרבעט, וואָס מיר האָבן אַזוי ווייניק פּראַקטישע מענטשן, וואָס אַפֿילו אונזערע פּראַקטישע פֿון די פּראַקטיקער זענען אומפּראַקטיש? — און ענדלעך האָב איך זיך דערטראַכט, די סיבה איז אַ פּשוטע: מיר זענען אַלע, פֿון קליין ביז גרויס — פּאָעטן, שטימונגס־מענטשן און בעלי־חלומות, כאַפּן זיך אָן אַן יעדן שטרויעלע און לויפֿן נאָך יעדן ווינטעלע... מיר זענען אַלע פּאָעטן נישט נאָר אויפֿן פּאַפּיר, נאָר אויך אין דער ווירקלעכ־קייט. אונז פֿעלט פּראָזע, פּשוטע פּראָזאַאישע פּראָזע, אַזוי צו זאָגן. זי פֿעלט אונז, דידאַקטיקע פּראָזע, ווי אין דער ליטעראַטור, אַזוי אויך אין לעבן. אין דער ליטעראַטור האָבן מיר אַן איבערפֿלוס פֿון פּאָעטן — אין לעבן אויך...

און דאָסזעלבע אין אונזער פּאָליטישן לעבן: אונזערע גרעסטע פּאָליטישע פֿירער זענען פּאָעטישע מענטשן... מענטשן אָן אַ חוש פֿאַר אמתער פּראָזע...

בײַ אונז איז אַלץ פֿאַרוואָלקנט און פֿאַרמליצהוועט... אונז פֿעלן פּראַקטישע מוחות. מיר האָבן שטימונגס־מענטשן אין די הונדערטער, שלוש־סעודותניקעס, חצות־אָפּריכטער אַפֿילו אין דער פּאָליטיק, אָבער זייער ווייניק פּראַקטישע מענטשן...

באַווײַזן? — איך קאָן אײַך צושטעלן גאַנצע ביכער. איר באַ־מיט זיך נאָר און קריגט מיר אַן אַרויסגעבער. ווײַל אַפֿילו אונזערע

אַרויסגעבער וועלן גיכער אַרויסגעבן „פּאָעזיע", ווי פּראָזע... כאָטש זיי ווייסן, אַז פּאָעזיע גייט נישט...

איך וועל אייך אָנוואַרפן בלויז עטלעכע באַווייזן:

ד"ר חיים ווייצמאַן איז אונזער פּראַקטישסטער, פּראָזאַאיש־סטער פירער, אָבער ווען איר קוקט זיך צו צו זיין אַרבעט, זעט איר, אַז איר האָט פאַר זיך אַ פּאָעט... ער קאָן בעסער באַזינגען אין אַ רעדע די גרויסקייט פון דעם סאַן־רעמאָ־באַשלוס, ווי דורכ־פירן אים אין לעבן... און אָט איז מאַקס נאָרדוי, אַ מענטש, פּראָ־זאַאיש, ווי אַ דאָקטאָר מעדיצין, און דאָך אויך ער איז אין דער אמתן אַ שטימונגס־מענטש, אַ פּאָעט. ווער האָט געחלומט אַרוי־בערצובערענגען אַ האַלבן מיליאָן יידן קיין ארץ־ישראל אין משך פון אַ האַלב יאָר, צי אַ גאַנץ יאָר? — מאַקס נאָרדוי!...

די פּאָעזיע באַהערשט אונזער יידיש וועלטל!

יידן קלייבן זיך צו טאָן פּראַקטישע אַרבעט, פּאַרקאַטשען די אַרבל ווי אמתע פּראָזאַאיקער, אָבער תיכף פאַרגעסן זיי זיך און זיי מיינען, אַז זיי זיצן ביי אַ שלוש־סעודות־טיש, און זיי הויבן אָן אונטערבאָמקען זמירות.

אַרומוועבן זיך מיט שטימונגען און חלומען חלומות און עס הויבן זיך אָן הערן קרעכצעלעך, עכט־יידישע קרעכצעלעך. און די פּראַקטישע אַרבעט צערינט צווישן די קרעכצן...

אונז פעלט פּראָזע — דער סאַמע תוך פון לעבן, ווייל מיר האָבן נישט קיין פּראָזאַאיקער מיט אַ חוש פאַר דערווירקלעכקייט. מיר זענען שטימונגס־מענטשן, און זיצנדיק אויף אַ קאָנפערענץ וועגן פּאָגראָמען, פאַרטרוימען מיר זיך, פאַלן אַריין אין שטימונג און אין אַזאַ צושטאַנד קאָן מען אפילו פון אַן אויוון־אונטערהיי־צער מאַכן די איינפלוסרייכסטע פּערזענלעכקייט אין דער וועלט... און זיך צו אים ווענדן נאָך רעטונג...

יאָ, יאָ... דאָס יידישע לעבן איז אַ לעבן פון כולו פּאָעזיע, רוחניות און שטימונג, און אַלע אונזערע פירער און „געשעפטס־פאַרוואַלטער" זענען פּאָעטן.

מען וואַרט ביי אונז אויף לויות

איר וועט גלויבן, צי נישט? — ביי אונז איז דאָ אַ געוויסער מין מענטש, וואָס זיין הויפּט־עובדה איז צו וואַרטן אויף לויות...

עס איז דוקא אַ געזעלשאַפטלעכער מין מענטש. און אודאי אַן אינטעליגענטער מענטש, אָפט האַלט ער אויך אַ פּעדער אין האַנט און די לויות זענען אויך געזעלשאַפטלעכע...

אין די בתי־מדרשים אַמאָל זענען געזעסן די חכמי הלע־זשאַנקע, אָדער די עשרה בטלנים פון גלופּסק, און אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ יאָרצייטל, אַ בריתל און נאָך אַזעלכע שמחות... כדי צו קאָנען כאַפּן אַ שנעפּסל...

היינט — האָבן מיר נייע עשרה בטלנים, אָדער חכמי הלע־זשאַנקע.

זיי זיצן אין זייערע „בתי־מדרשים", אָפט זענען עס אַפילו יידישע רעדאַקציעס, און זיי וואַרטן אויף אַ געזעלשאַפטלעך לויה־לע, אָדער אַ קהלשן בר־מינן...

— דאָס און דאָס דאַרף שטאַרבן!

— דאָס קאָן נישט לעבן!

— דאָס גוססט!

— און אָט דאָס זשיפּעט קוים...

איך קען אַ יידן, וואָס וואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויפן טויט פון יידישן קונסט־טעאַטער!

ער וואָלט זיך ממש מחיה געווען, ווען עס גייט אונטער!

און נאָך אַ יידן קען איך, פון אונזער מחנה, וואָס ווען ער הערט, אַז דער יידישער ביכער־מאַרק איז טויט — איז ביי אים די גרעסטע שמחה...

און אַ היפּש ביסל יידן ווייס איך, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געוואַרט אויף דער לויה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע... און אַז זיי האָבן זיך נישט דערוואַרט — זענען זיי אין כעס...

און גאַנצע מחנות מענטשן גייען ביי אונז אַרום און וואַרטן אויף אונטערגאַנג.

איין צד וואַרט, דער „פאָרווערטס" זאָל אונטערגיין.

דער צווייטער צד וואַרט, די „פרייהייט" זאָל אונטערגיין...

און איך קען יידישע יונגעלייט, וואָס וואַרטן מיט גרויס נייגעריקייט אויפן לעצטן טאָג פון יידיש אין אַמעריקע...

און אָט איז ערשט ביי אונז געבוירן געוואָרן די „קולטור־געזעלשאַפט", זיצן שוין מענטשן ביי אונז און קוקן אויס די אויגן — זי זאָל שוין שטאַרבן!...

מען וואַרט ביי אונז אויף לויות!

מען האָט ביי אונז שרעקלעך ליב לויות.

איך דערינער זיך: ביי אונז איז געווען אַ כלל־טוער, אַ „ספּעץ" אויף לויות.

האָט ער עס געטאָן מיט אַזויפיל ענטוזיאַזם און שאַפונגס־פרייד, קאָן מען זאָגן...

ביי אים האָט אַ לויהלע ממש געלעבט אונטער די הענט. ער פלעגט פירן אַ לויה מיט אַזאַ שמחה, ווי אַ גענעראַל זיין אַרמיי צו נעמען אַ שונאס שטאָט...

מיר האָבן אַ איסט־סייד, מיר האָבן דאָ אַריינגעלייגט אַ סך נשמה און גייסט און צער...

אונזער יוגנט אין אַמעריקע איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער איסט־סייד.

איז האָב איך אַנומלט געלייענט אַן אַרטיקל אין אונזערער אַ צייטונג:

„די איסט־סייד גייט אונטער!" איז, מיינט איר, דער מענטש האָט באַדויערט? — ניין!

ער איז געווען פול מיט פרייד און טריאומף...

האָב איך זיך געפרעגט: וואָס פרייט זיך דאָ דער מענטש? וואָס איז דאָ די שמחה, אַז די איסט־סייד גייט אונטער? ווו זעט ער דאָ אַ סימן פון לעבן? ווו זענען די נייע צענטרען פון גייסט, וואָס וואַקסן אויף אָנשטאָט דער איסט־סייד?

און איך כאַפּ זיך: אַז דער מענטש, וואָס האָט עס געשריבן, איז אַליין יאָרנלאַנג געווען אַ קינד פון דער איסט־סייד.

דאָ זיך אויסגעגרינט. דאָ אָנגעשריבן זיינע ערשטע סקיצן. דאָ געפירט זיינע ליבעס.

איז ווו איז דאָ די פּיעטעט?

דער רעספּעקט צו דער פאַרגאַנגענהייט?

דער רעספּעקט צו זיך אַליין?

און איך האָב זיך געענטפערט: די מעשה איז: דער מענטש האָט ליב אַ לויהלע.

אַ לויה איבער אַלעם!

און אָט נעמט איך דעם יידישן קאָנגרעס.

עס איז דאָ אַ יידישער קאָנגרעס — איז וואָס אַרט עס מענטשן, אַז ער לעבט?

עפּעס טוט ער דאָך אויף!

אַ שטיקל אינסטיטוציע איז עס דאָך, מיט אַלע חסרונות!

איז האָט דער יידישער קאָנגרעס אַנומלטן אָפּגעהאַלטן אַ זי־צונג. לייען איך אַן אַרטיקל פון אַ באַקאַנטן יידישן שרייבער וועגן יידישן קאָנגרעס, הויבט עס זיך אָן אַזוי:

— „ניין, ער איז נאָך נישט געשטאָרבן. ער זשיפּעט נאָך. און איך נעם זיך נישט אונטער צו זאָגן, ווי לאַנג זיין גסיסה וועט אָנהאַלטן".

און ווייטער אַביסל: „איך בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז איך פאָר צו דער לויה פון יידישן קאָנגרעס"...

איז האָב איך עס געלייענט און זיך געפרעגט:

וואָס אַרט עס דעם יידן, אַז עס זשיפּעט אַ יידישע אינסטי־טוציע?

מיר זענען עס אַזעלכע נגידים, אַז מיר קאָנען זיך פאַרגינען

צו לאָזן אָפּשטאַרבן יעדע זאַך, וואָס קלאַפּט נישט זייער שטאַרק אין א געוויסן מאָמענט מיט לעבן און טעטיקייט?

און איך האָב זיך געענטפערט: קיין נגידים זענען מיר נישט, נאָר וואָס דען, שולדיק איז אין דעם אונזער ליבע צו לויות...

מיר נויטיקן זיך אין לויות, כדי נאָכדעם צו קאָנען ווייַנען און אָנווייַזן מיטן פינגער:

— אָט זעט, ווי מיר גייען אונטער!

אונזער סביבה אָטעמט מיט לויה־שטימונג.

ווייל ביי אונז אייגער עפּעס טאָן — גיט מען זיך א קרים:

— עט, עס וועט נישט האָבן קיין קיום!

און טוט דער איינער עפּעס יאָ — זיצט מען און מען וואַרט, אַז זייערע בייזע נביאות זאָלן מקוים ווערן:

— און א לויהלע זאָל זיין!

II

וואס מיר זעגען — זעגען מיר

אַ הגדה־פֿאָלק

מיט אַלע אונזערע שטריימלדיקע פֿעלערן, זענען מיר פֿאָרט אַ מעלותדיק פֿאָלק.

יידיש פֿאָלק, קום אַהער, מאַך זיך היימיש, און איך וועל דיר געבן אַ קניפּ אין בעקל!

אמת, אונזער חסרון איז, וואָס מיר קענען נישט אָנהויבן אונזער געשיכטע, אפילו די געשיכטע פֿון אונזער ליטעראַטור פֿון 1923, ווי ליטוואַקאָוו וויל, אָבער דערפֿאַר האָבן מיר איין גרויסע מעלה: מיר מאַכן בכלל קיין גרויס וועזן נישט פֿון געשיכטע.

מיר זענען אַן אַלט, קלוג פֿאָלק, וואָס ווייסט דעם ווערט פֿון געשיכטע.

נישט געפֿערלעך: געשיכטע מאַכן מענטשן. און אָפּט גאַנץ קליינינקע.

מיר קענען די מאַכער, מיר ווייסן דעם ווערט פֿון פֿאַרגאַנגענהייטן און העלדישקייטן.

און דערפֿאַר זענען מיר אַ הגדה־פֿאָלק. אַ פֿאָלק פֿון זאָגעכץ, נישט געפֿערלעך, הייסט עס, ברידער.

אַ הגדה־פֿאָלק. אַן עס און אַ זאָג. אַ מעשהלע, אַ שפּיל אין מכות, חד־גדיא. און אַ זופּ פֿון דער כוסה...

אָפּט קוקט אויס, אַז מיר קריגן זיך — אַ געוואַלט. אָבער אין סך־הכל: ה ג ד ה...

יידן זענען נישט קיין גזלנים, אפילו נישט די יעווסעקישע יידן, קיין מעסערס ציט מען נישט...

צו אונזער לויב און הויב: מיר האָבן פון אונזער געשיכטע נישט געמאַכט קיין בער (נישט קיין שוואַרצן, נישט קיין ווייסן, נישט קיין רויטן), קיין שרייענדיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר איין קלאַס, קיין בו־הו.

מיר ווילן קיינעם נישט שרעקן.

מיר האָבן אונזער דיקע געשיכטע איבערגעשריבן אין אַ הגדה, אין אַ מעשהלע, אין אַ שפּילעוודיק שפּיל.

אַנדערע פעלקער וואָלטן פון יציאת מצרים געמאַכט ווער וויס וואָס, און ביי אונז, איז די געשיכטע פון יציאת מצרים פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ היימיש סדר־שפּיל. מיט אַ מכות־קאָמעדיע און חד־גדיא־בורלעסק...

מיר פייערן נישט אונזערע באַפרייאונגס־יום־טובים מיט קאַ־נאָנען־שיסעריי, מיט פאָנען־פאָכעריי, מיט גאַסן־דעמאָנסטראַציעס.

נאָר מיר זיצן זיך געמיטלעך ביי טישן און זאָגן...

מיר זענען אַ טיש־פאָלק: אַן עס און אַ זאָג...

מיר זיצן ביים סדר־טיש פון דער געשיכטע נישט ווי עמי־הארצים, נאָר ווי זקנים, תלמידי־חכמים: מיט אַ סך ערנסט, אָבער אויך איראָניע.

מיר קענען, הייסט עס, דאָס שפּיל, מיר קענען יעדע שפּיל.

יציאת מצרים, אַ פיין שפּילעוודיק מעשהלע, שיין־נסימדיק, זינגענדיק און פראַקטיש.

אין אונזער ריטואַל איז נישטאָ קיין נקמה, פאַרביסנקייט און ציין־קריצעניש.

מיר זענען נישט מיליטאַריסטיש, מיר רייצן נישט צו בלוט־דורשט. „שפוך חמתך" — פאַרנעמט אין אונזער הגדה אַ קליי־נעם פּלאַץ.

דאָס האָט געווים אַ מין זשאַבאָטינסקי עס אַריינגעשטעלט, אָבער דאָס פאָלק האָט פון דעם שפוך חמתך געמאַכט אַ חוזק־וואָרט. אַ צונעמעניש... אויסגעלאַכט, הייסט עס, די קללה, די פאַר־ביסנקייט קעגן פעלקער...

אונזער גליק איז, וואָס מיר זענען אַ טעאַטראַליש פאָלק, אונ־זער געביט איז שפּיל און רעזשי.

פון מצרים ביז בראָדוויי.

פון מדבר סיני ביז מדבר צווייטע עוועניו, — כסדר שפּיל.

מיר זענען גרויסע בריות צו מישן טראַגעדיע מיט קאָמעדיע, געוויין מיט געלעכטער און הנאה האָבן דערפון.

און אַלס רעזשיסאָרן האָבן מיר אַ האַנט אומעטום. און צייכענען זיך אויס.

אמתע ריינהאַרדטס.

בכלל, געפעלט מיר מיין יידיש פאָלק. כאָטש טאָמאַשעווסקי האָט דאָס וואָרט פּאַרמיאַוסט. איך גיב עס צו.

ווייל טאַקע, צו וואָס נעמען אַזוי שווער געשיכטע?!

צו וואָס אָנהענגען שווערע שטיינער אויף איר און נאָכדעם אַליין זיך שלעפּן מיט דעם און קרעכצן?

קורץ, מיר זענען אַ הגדה־פאָלק, זאָגער. אמת־זאָגער, ווי וויצן־זאָגער.

פעלקער לויפן אום איבער די גאַסן ווי שיכורים און שרייען און ליאַרמען און מאַכן פון צייט צו צייט מלחמות...

ווייל אַנדערש פאַרשטייען זיי נישט דעם זין פון לעבן און עקזיסטענץ...

מיר זיצן מלכימדיק ביי סדר־טישן אומעטום און דערציילן.

דערצייל דיין זון — און גיי שלאָפן!

און דערציילן דערצייל אים לייכט. מיט אַביסל הומאָר...

די גוים לייגן זיך אָן אויף דער געשיכטע מיט זייער גאַנצער גופדיקייט — האַלט די געשיכטע אָפּט נישט אויס, פּלאַצט זי ארויס מיט אַ וועלט־מלחמה...

מיר לייגן אונזער געשיכטע אונטערן סדר־קישן, ווי דעם אפיקומן. קינדיש, גוטמוטיק, גרינג.

זוך און געפין!...

און די גאַנצע געשיכטע פון יציאת מצרים פאַרטרינקען מיר מיט וויין... אָבער מיט חשבון... פיר כוסות... צופיל טרינקען קאָן

פירן צו אַ סקאַנדאַל... און נאָכדעם חד־גדיא... און אין בעט און געשלאָפן, און געחלומט אליהו־הנביא־חלומות.

קשיות? אודאי איז דאָ צו פרעגן. מיר האָבן מער ווי אַנ־דערע צו פרעגן. געוויס זענען דאָ פראַגן, אָבער צו וואָס מאַכן פון יעדער פראַגע אַ בלוט־באָד?

מיר שפּילן זיך בלויז אין פראַגן.

אַ שפּיל פון פרעגן, אַ שפּיל פון ענטפערן.

— מה נשתנה, טאַטע?

— עבדים היינו, קינד מיינס...

מיין אַלטע טענה

דאָס איז דאָך מיין אַלטע טענה, אַז ביי אונז קאָנען נישט זיין קיין פּאַרטייען. קיין באַשטימטע אידעען־גאַנגען און אויסגע־האַלטענע ליניעס, ווי מען רופט עס.

מיר קאָנען עס נישט דערווייזן!

אַן אָרעם פאָלק, קאָן עס נישט דערווייזן...

אַזאַ לוקסוס איז נאָר פאַר רייכע, איינגעזעסענע פעלקער — נישט פאַר אונז.

איך האָב, למשל, געוווּסט, אַז אין ציוניזם זענען דאָ חלוקי־דעות, אַז מען קאָן זיך נישט אייניקן אויף איין פּראָגראַם. חוץ בּראַנדייסן, זענען דאָ ווייצמאַניסטן, רעוויזיאָניסטן, און מזרחיסטן און שלום־איסטן... און אַז אונזערע יידישע פאַרזאָרגער און ווי מען רופט, וואָרט־פירער, זענען אויך צעטיילט לויט קלאַסן און ליניעס... יעדערער לויט זיין וועלט־אַנשויאונג און לא הרי זה כהרי זה... און צעטיילט זענען ד״ר קאָראַלניק מיט שמואל ראָזענפעלדן, אפרים קאַפּלאַן מיט אַב. גאָלדבערגן... און אודאי זענען זיי אַלע מיט זשאַבאָטינסקין, ווי וואַסער מיט פייער...

אָבער אַנומלט שטיי איך אויף אינדערפרי, נעם אַ צייטונג, און נאָך אַ צייטונג, — און דערזע, אַז זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט. אַב. גאָלדבערג שטורעמט ווי אַן אמתער רעוואָלוציאָנער, ד״ר קאָ־ראַלניק בונטעוועט זיך קעגן ענגלאַנד, אַ סך ערגער ווי זשאַבאָטינ־סקי, און שמואל ראָזענפעלד איז כמעט „אַ לינקער״.

זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט.

עס איז געקומען אַ מאָמענט און ענגלאַנד האָט אונז אַ שטאָך געטאָן אין דער זיבעטער ריפּ — און אויס ליניעס ביי יידן... אויס רואיקייט, ישוב־הדעת, געטריישאַפט צום ענגלישן טראָן, בטחון אין ענגלישע אַרבעטער־פירער, און קאָנסערוואַטיווער בליק אויף פּאָ־ליטיק, ווי מען איז זיך נוהג צו רופן עס. אַלע זענען געוואָרן רע־וואָלוציאָנערן, רעדן ממש ווי בונטאַרן. און איך האָב זיך דער־מאָנט, אַז אַנדערש קאָן עס נישט זיין!...

דאָס גרויסע וואָרט, אַז אַלע יידן מוזן זיין רעוואָלוציאָנערן, ווייל די נויט צווינגט זיי — איז אַ גרויסער אמת!

און אַז אין יעדן באַהאַלטענעם יידישן רעאַקציאָנער און „טאָ־רי", רחמ"ל, שטעקט אַ טראָצקי — איז נאָך אַ גרעסערער אמת.

אודאי איז עס נישט קיין געזונטער צושטאַנד, ווייל אַ געזונט פאָלק דאַרף האָבן פּאַרטייען און חלוקי־דעות און געווים דאַרף עס אויך האָבן רעאַקציאָנערן, קאָנסערוואַטיוון, מענטשן, וואָס זע־נען שטאָל און אייזן פאַר דער אָרדענונג, ווי זי איז — אָבער וואָס קאָנען מיר זיך העלפן? אַז מיר זענען אין אַ קראַנקן צושטאַנד? אַז די וועלט מאַכט אונז קראַנק, ריפּעט איבער אונזערע נערוון, און יעדער ייד מוז, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק, זיך בונטעווען?!

גיי רעד קאָנסערוואַטיווע, רואיקע רייד, פאַרליר נישט דאָס געדולד, ווען אַן ענגלישע רעגירונג פאַרשפּאַרט אייך אונטער דער נאָז די טיר פון אייער „היים"?

און איך פאַרשטיי זייער גוט שמואל ראָזענפעלדן, עס איז אים זיכער נישט גוט, ווען ער דאַרף גאָר מיט אַמאָל ציטירן פון דער רעוויזיאָניסטישער צייטונג „אונזער וועג".

און ווען איך קוק אַביסעלע ווייטער, הויב איך אָן צו גלויבן, אַז עס קאָן קומען אַ טאָג און שמואל ראָזענפעלד און גדליה בופּ־ליק זאָלן נאָך צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן בונטעווען אינדיע קעגן ענגלאַנד. און אַב. גאָלדבערג און אפרים קאַפּלאַן זאָלן, אויס נקמה צום „פּאַלשן אַלביאָן", זיך לאָזן אויף אַן אַגיטאַציע־טור צוזאַמען

מיט זשאַבאָטינסקין קעגן ענגלאַנד אין ווייטן מזרח. קאָן עס דען נישט פּאַסירן?

ביי אַזאַ שוואַכן מעמד, ווי אונזערן, קאָן מען עס אַלץ דער־וואַרטן...

ווען איך באַטראַכט אונזער לאַגע נאָך טיפער, קום איך צו נאָך אַן אויספיר: אַז וועלט־פּאָליטיק פאַר יידן איז טאַקע נאָר פון שטאַנדפּונקט „גוט פאַר יידן"... אַן אַנדער שטאַנדפּונקט איז נישטאָ פאַר אונז!...

און דערפאַר טאַקע מוזן מיר די גרעסטע וועלט־רעוואָלוציע מבטל מאַכן, אויב זי איז נישט „גוט פאַר יידן".

און מיט רעכט!

ווייל נאָך אַלעמען, קומען מיר פריער, און אַ פאָלק, אויף וועמען קיינער קוקט זיך נישט אום (חוץ נאָר ווען מען דאַרף אים שלעכטס טאָן), מעג האָבן אַזאַ שטאַנדפּונקט...

דאָס איז אונזער איינציקע זעלבסט־שוץ, וואָס העלפט אונז צו זעלבסט־דערהאַלטונג.

ווייל מיר זענען נישט ווי אַנדערע פעלקער, און אונזער פּאָלי־טיק איז נישט קיין וועלט־פּאָליטיק.

און די טענה פון ענגלאַנדס „פאָרווערטס"־פּאַרטיידיקער, אַז ענגלאַנד האָט געמוזט מאַכן אויף אונז די לעצטע גזרות צוליב איר צושטאַנד אין אינדיע — גייט אונז גאַנץ ווייניק אָן!

מיר ווילן נישט ווערן דאָס כפרה־הינדל פאַר פרעמדע אַמבי־ציעס און פּאָליטישע אויפטואונגען!

און דאָס קאָנען נאָר די בעלי ה„פאָרווערטס" (און אויך זיי וועלן זיך סוף־כל־סוף אונטערגעבן), פאַרטיידיקן די ריכטונג פון דער אַרבעטער־רעגירונג, ווייל עס איז זייער רעגירונג.

זיי קאָנען עס — נאָר נישט אויף לאַנג. ווייל ווי לאַנג וועט זי בלייבן זייער רעגירונג?!

רעזומע: איך קוק אויף אונזער צעשפּליטערונג ווי אויף אַ נאָכאַמונג נאָך די גוים.

זיי זענען איינגעטיילט אויף קלאַסן — מיר אויך, אָבער באמת

ווי קאָנען מיר זיך איינטיילן, אַז מיר זענען אויסגעשלאָסן ביים וועלט־טיש?

און ווי קאָנען מיר גיין אויף אויסגעהאַלטענע ליניעס, אַז מיר מוזן שטענדיק לויפן ווי געיאָגטע שאָף?

ניין, מיר קאָנען עס נאָך נישט דערוויַיזן!

וואָס וויל מען פון אונז?

האָט איר זיך פאַרטראַכט אויף איין מאָדנער זאַך? ווי די וועלט וויל פון אונז רק מאַכן פאַרמער! ווי די גויאישע וועלט האָט זיך פאַרלייגט אויף אונז און וויל אונז נאָר באַזעצן אויף ערד!

אַלע ווילן אונז מאַכן פאַר פאַרמער!

יידן וואָגלען זיך אַרום איבער דער גאַנצער וועלט, געפינען נישט קיין אָרט — ווילן זיך צושאַרן ערגעץ — און דאָ זאָגט מען צו זיי: מיר וועלן אייך אַריינלאָזן נאָר מיט דעם באַדינג: איר זאָלט זיך נעמען אַרבעטן ביי ערד!

איי, דער ייד האָט נישט דעם נויטיקן געזונט און די נויטיקע פאַרהאַרטעוועטקייט, וואָס מען דאַרף צו אַרבעטן ביי ערד?— דאָס נעמען די פאַרשלאָגער נישט אין אַכט.

דער עיקר, מען וויל אונז מאַכן פאַר פאַרמער!... מען גיט אונז ערד!

יידן גייען אַרום און זוכן געשעפטן אויף גיך, אַ קרעמל, ווייל מען דאַרף מאַכן אַ לעבן, ווייל די פאַמיליע איז גרויס...

און דאָ הייסט מען אים האָבן געדולד, פאַרזייען און וואַרטן, ביז וואַנען עס וועט אויסוואַקסן...

פּאָלג מיך אַ גאַנג!

זאָג איך: מען באַגייט אַן עולה קעגן אונז.

וואָס וויל מען פון אונז מיט די ערד־פאַרשלאָגן? די גוים צעלויפן זיך פון די פאַרמס אין שטאָט אַריין, און אונז, שטאָט־מענטשן פון דור־דורות, — וויל מען שלעפן אויף פאַרמס?!

ס'איז אַן עולה!...

און אפשר איז גאָרנישט אין אונזער טבע צו אַרבעטן ביי ערד?

נאָך אַלעם, מוזן דאָך נישט אַלע פעלקער זיין בטבע גלייך!

ערד איז טאַקע אַ גרויסער, וויכטיקער פאַקטאָר, דער וויכ־טיקסטער אפשר, אָבער מסחר איז דאָך, נאָך אַלעמען, אויך אַ שטיקל ענין...

אָט זענען די ענגלענדער אַ נוצלעך פאָלק, כאָטש זיי זענען אויך הויפּטזעכלעך קרעמער און סוחרים, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון די ענגלענדער?

נאָך אַלע געשרייען און פּראָפּאַגאַנדעס, איז סתם נישט פיין אָנצובינדן אויף אימיצן זאַכן, וואָס יענער וויל נישט.

עס איז נישט אָנשטענדיק צו נעמען אַן אַלט פאָלק, און עס לערנען, וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיך צו פירן אין לעבן.

דרך־ארץ, יונגאַטשעס!

און וואָס איז דאָס פאַר אַ מידה אַזאַ? מיר'ן דיך אריינ־לאָזן — נאָר בתנאי, דו זאָלסט דוקא ביי אונז ווערן אַן ערד־אַרבעטער... פריער לאָזט אריין און נאָכדעם וועט איר פּראָפּאַגאַנ־דירן!...

און די הויפּט־זאַך: עס העלפט נישט. יידן פאָרן נישט נאָך פּראָגראַמען, נאָר דאָרט, ווו עס ציט זייער לעבנס־אינסטינקט.

יידן צעלויפן זיך בעסער אין דער וועלט אריין. וואַלגערן זיך אין די האַפנס, אָבער באַזעצן זיך נישט אויף ערד, און ווערן נישט קיין ערד־אַרבעטער...

און אויך קיין קאַנאַדע פאָרט מען נישט און קיין מעקסיקע וועט מען אויך נישט פאָרן, אַזוי ווי מען איז אַמאָל נישט געפאָרן קיין גאַלוועסטאָן. און אפילו קרים שמעקט זיי נישט.

און — געוויס ווייס אַ פאָלק, וואָס עס טוט. אַ גאַנץ פאָלק קאָן נישט מאַכן קיין טעות...

און יידן ווייסן, וואָס זיי טוען. זיי פילן מיטן אינסטינקט, וואָס עס איז בעסער פאַר זיי און געזינטער...

באַזעצן זיך אויף ערד איז נישט גענוג — מען דאַרף זיין זיכער מיטן באָדן אונטער די פיס. מען דאַרף האָבן צוטרויען צו די שכנים.

און מיט וואָס זענען יידן־פאַרמער זיכערער ווי יידן־קרעמער?

אַ קראָם קאָן מען כאָטש אַריבערטראָגן, אָבער ווי טראָגט מען איבער ערד?

און איך טראַכט: יידן קאָנען נישט ווערן קיין ערד־אַרבעטער, איידער די גוים וועלן נישט אויפגעבן זייער שנאה צו זיי.

יידן קאָנען זיך נישט באַזעצן אויף ערד, ווייל אין ערד מוז מען אַריינלייגן חוץ שוויים, אויך נשמה און ליבע, מיט ערד מוז מען צוזאַמען וואַקסן, און דאָס דאַרף דויערן לאַנג, זייער לאַנג.

און די גוים לאָזן אונז עס נישט.

מיר זענען געוואָרן אַן עם־הקרעמער נישט אומזיסט. אַ קראָם איז אַ דירת עראי, אַ דירה אויף דערווייל. אין אַ קראָם דאַרף מען נישט אַריינלייגן קיין נשמה און ליבע...

מען קאָן נישט באַאַרבעטן קיין ערד מיט שונאים הינטערן רוקן.

מען קאָן נישט זייען — ווען אַרום איז פאַרזייט שנאה און מיסאַכטונג...

איך באַגרייף, פאַרוואָס יידן ווילן נישט ווערן קיין פאַרמער.

מיר דענקען, אַז מיר האָבן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אַלס קרעמער־פאָלק אויך.

און דערצו, ווען חוץ אַלעם, פאַרקויפן מיר דער וועלט אַ טראָ־פּיטשקע גייסט אויך.

אויף אונזערע פּאָליצעס זענען נישט נאָר דאָ טשוועקעס און הערינג, נאָר אויך טאַלאַנט און גאונות...

פאַרפאַלן, מיר מוזן!

און נאָך אַלע גליקן, לינקייטן און ראַדיקאַלעכצקייטן, חבר לינקערמאַן, מוזן מיר פאָרט האָבן ימים־טובים.

און ווייל מיר זענען יידן, מוזן מיר האָבן יידישע ימים־טובים.

אָן ימים־טובים איז טונקל, איז גרוי, מ׳קאָן פּשוט נישט לעבן...

און אויב שוין נישט אפילו פאַר אונז, ווייל מיר קאָנען נאָך לעבן מיט דעם, וואָס מיר געדענקען, אָדער מיט דעם, וואָס מיר ווילן פאַרגעסן די ימים־טובים פון דער היים — איז אָבער פאַר אונזערע קינדער...

טאַקע דערהויפּט פאַר אונזערע קינדער, חבר לינקערמאַן! ימים־טובים זענען נישט נאָר געשאַפענע דערינערונגען פון אַלטע צייטן: געשיכטע — נאָר ימים־טובים שאַפן אויך דערינערונגען פאַר ווייטע דורות...

און אָן דערינערונגען קאָן מען נישט לעבן...

אַ מענטש מוז האָבן וואָס צו געדענקען. כדי ער זאָל קאָנען גיין פאָרווערטס און איבערגעבן זיין ערדישן אָנדענק צו די קינדער...

און אַ מעלה האָבן אונזערע ימים־טובים, וואָס פון זיי שמעקט, אַ חוץ מיט הימל, אויך מיט ערד. אַ חוץ מיט גאָט, אויך מיט גאָטס נאַטור.

פּסח — מיט פרילינג.

סוכות — מיט הארבסט.

איך האָב ליב דעם יום־טוב סוכות, חבר לינקערמאַן!

עס איז אַזאַ אומעטיקער, שטימונגספולער, קהלתדיקער יום־טוב!

עס אָטעמט פון אים מיט דעם ריח פון פעלד.

עס איז דער יום־טוב פון זאַמלען.

הארבסט — מען זאַמלט גאַרבן אין שייער. און געפילן אין הארצן.

סוכות איז דער יום־טוב פון ליבער מידקייט פונקט ווי דער הארבסט.

אַלץ איז מיד אין ליבן הארבסט.

די נאַטור איז מיד פון זומער.

די זון פון — שיינען.

דער מענטש פון זון און אַרבעט אויפן פעלד...

מען וויל רוען, טראַכטן, און מיט אַ פולן שייער קאָן מען טראַכטן...

חבר לינקערמאַן, עס איז דאָ אַ סך שיינקייט אין אונזערע ימים־טובים! און דערפאַר מוזן מיר זיי האָבן.

און אָן די ימים־טובים וואָס האָבן מיר? וואָס גיט איר אונז, אַנשטאָט די ימים־טובים? וווּ איז אייער „במקום", פרעג איך אייך?

די צרה מיט אונז, ראַדיקאַלן, דריי־פערטל אָוועקגעגאַנגענע, האַלב און אַ פערטל אָוועקגעגאַנגענע, וואָס מיר האָבן די ימים־טובים צעשטערט, און אַנשטאָט דעם גאָרנישט געגעבן.

און ווי קאָן מען לעבן אָן אַ „במקום"?

אפילו די דייטשן, אַן אייזערן פאָלק, האָבן אויך אין דער צייט פון דער מלחמה געמוזט זיך שאַפן „ערזאַץ".

מען מוז!

און נאָך אַ צרה איז מיט אונז, ראַדיקאַלן, דריי־פערטל און האַלב און פערטל אָוועקגעגאַנגענע פון אונזער פאָלק, וואָס מיר זענען אָוועק אויף פראַקטישער, וואָס אינגאַנצן אָוועקגיין קאָנען מיר נישט, האָבן מיר נישט וווהין!...

און ווייבאלד מיר שטייען מיטן יידישן פאָלק בלויז אויף פּראָצענטער, מוזן מיר פייערן זיינע ימים־טובים.

און ווייסטו נאָך, חבר לינקערמאַן, ווו עס ליגט דאָס אומגליק פון אונז, ראַדיקאַלן? — —

אין חתונה האָבן, און אין האָבן קינדער!

א ראַדיקאַלער ייד האָט געדאַרפט בלייבן אַליין. נאַקעט ווי א בוים אין האַרבסט, אָן בלעטער...

א ראַדיקאַלער ייד — טאָר נישט חתונה האָבן.

אַליין, — קאָן מען זיך פאַרגינען צו זיין אָן א צוקונפט, אָן ימים־טובים. אַליין קאָן מען אפילו אונטערגיין זיכערער...

אָבער מיט קינדער, קאָן מען עס נישט!

האָבן קינדער, מיינט ציען די קייט פון יידישע דורות ווייטער, מיינט פירן ערגעץ, מיינט פאַרוואַרפן א נעץ צו דער צוקונפט...

און מיט וואָס ציען? ווי אזוי פירן? און וווּהין פאַרוואַרפן?

די יידישע ימים־טובים, צי מיר ווילן צי מיר ווילן נישט, זענען די רינגען אין דער קייט פון דורות. טייל זענען פון לויטער גאָלד, אנדערע פון זילבער, אנדערע פון אייזן און בלעך — אָבער זיי זענען רינגען... זיי פאַרבינדן, באַהעפטן, פאַרשטאַרקן די גלידער, מען זאָל נישט קאָנען אָוועקגיין...

און אָן ימים־טובים אין הויז—איז דאָס הויז קיין הויז נישט, זענען די קינדער קיין קינדער נישט... אָן דעם שיין פון פאַרגאַנגענהייט — איז די צוקונפט — שטאָק חושך...

דו וועסט זאָגן, חבר: רעוואָלוציע... די רוסישע רעוואָלוציע... דאָס איז א יום־טוב, וואָס קינדער פון ראַדיקאַלע יידישע עלטערן דאַרפן פייערן!...

איז לייקן איך נישט. עס איז א יום־טוב — עס איז! אָבער א רוסישער יום־טוב!...

מיר, יידן, האָבן נישט קיין אייגענע רעוואָלוציעס, מיר זענען בלויז צושויער, אָפט געוואַלט־צושויער, מען צווינגט אונז... מיר זענען צוקוקער פון פרעמדע רעוואָלוציעס, און אָפט אזוי צוקוקנ־

דיק, פאַרט גאָר די רעוואָלוציע אַריבער איבער אונז און צעקנאַקט אונז אַ פּאָר ביינער...

מיר נאַרן זיך בלויז, חבר, אַז מיר זענען שותפים צו אַלע וועלט־רעוואָלוציעס... אין דער אמתן ווילן אונז די גוים נישט פאַר קיין שותפים... זיי ווילן דאָס געשעפט פאַר זיך אַליין...

און זיי זאָגן אין דער שטיל, צי אין דער הויך: גייט אייך אין אייער פּאַלעסטינע און מאַכט אייך דאָרט אייערע רעוואָלוציעס!...

און ערשט, חבר, ווען אַ ייד לעבט אין אַמעריקע און פייערט די רוסישע רעוואָלוציע, איז עס נישט נאָר קיין יום־טוב נישט — נאָר עס איז אַפילו קאָמיש...

און לאָמיך דיר שוין נאָכגעבן, אַז פאַר אונז איז עס יאָ אַ יום־טוב. אָבער וואָס איז עס פאַר אַ יום־טוב פאַר אונזערע קינדער?

פראַזן אהער, פראַזן אהין, פריער פון אַלץ מוז אַ מענטש גע־הערן צו זיך אַליין... שטיין אויף די אייגענע פיס; און אַ רעוואָ־לוציע קאָן נאָר דאַן זיין אַן אונזעריקע, ווען זי וועט געמאַכט ווערן פון אונז אַליין... מיט אונזערע אייגענע כחות, לויט אונזער גע־שמאַק און באַדערפעניש. און אַזאַ רעוואָלוציע קאָנען מיר נאָך דערוויילע נישט מאַכן...

און פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגעקומען, איז נאָך די אַלטע, משהס רעוואָלוציע אין מצרים, אַלץ מער אונזערע, ווי די רוסישע רעוואָלוציע...

אמת, זי איז געמאַכט געוואָרן אין אַן אַלטער פאָרם, אָן דעם קלאַסנקאַמף־מאָטיוו און אָן דעם קאָמוניסטישן אַפילו... אָבער זי האָט איין מעלה: זי איז אונזער רעוואָלוציע, קיינער קאָן זי ביי אונז נישט אַוועקנעמען...

מיר האָבן נאָך איצט אויך אויף זיך צייכנס פון יענער רע־וואָלוציע.

און פון דעם אויסגאַנגס־פּונקט איז דער יום־טוב סוכות אַלץ נאָך אַ גרעסערער ערד־אַרבעטער־יום־טוב פאַר אונז, ווי דער יום־טוב פון דעם, וואָס די רוסישע פּויערים זענען געוואָרן באַלעבאַ־טים אויף זייער ערד...

פאַרפאַלן, חבר, מיר מוזן האָבן יידישע ימים־טובים!

נאָך יום־כּפּור

נאָך יום־כּפּור.
איך דערמאָן זיך: מיין טאַטע האָט נאָך יום־כּפּור זיך בעסער געפילט.

מיין טאַטע האָט זיך געפילט ריין, געריייניקט. מיין טאַטע האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיינע פּלייצעס אַלע זינד און חטאים און האָט פריי אָפּגעאָטעמט. מיין טאַטע האָט נאָך יום־כּפּור אויפגע־הויבן שטאָלץ דעם קאָפּ: ער האָט ענדלעך געקריגן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט... און דאָס גליק פון דעם געקריגענעם האָט אַרויס־געשיינט פון זיינע אויגן. אַזוי שיינען קאָנען נאָר די אויגן פון אַ פאַרליבטן, וועמען די געליבטע האָט מיט „יאָ" באַוויליקט...

און איך, זיין זון? — איך שלעפּ זיך אַרום אַ טאָג נאָך יום־כּפּור, פּונקט ווי אַ טאָג פאַר יום־כּפּור. איך האַלט נישט פון זינד, אָבער עפּעס דריקט מיך פאָרט אויף די פּלייצעס און בעט: וואַרף אַרונטער! און איך ווייס נישט, ווי אַזוי און וווּ אַרונטער־צוּוואַרפן... פאַר דער וועלט לאַך איך פון מחילה־בעטן. אָבער אין דער טיף פון דער נשמה פיל איך, אַז עס וואָלט מיר גאָרנישט גע־שאַדט צו קריגן אַ שטיקעלע מחילה, צי פון אַ גאָט, צי פון אַ טייוול, אָבער קריגן! און איך רייס מיין קאָפּ צום הימל און ער ליגט אַן אויסגעליידיקטער פאַר מיר...
שלעכטע, בייזע מענטשן. ווער האָט עס מיר אויסגעליידיקט

דעם הימל מיינעם? און איך ווארף מיין בליק אויף מיין וועלט. און מיין וועלט איז פאר מיר ליידיק, און וואָס זאָל איך טאָן?

מיין טאַטנס אַלטע וועלט און מיינע, די נייע.

אַפּט, ווען איך בין צופרידן מיט זיך, זאָג איך: מיין וועלט איז בעסער, שענער און אינהאַלטסרייכער!

א קליניקייט, איך לייען אַזוי פיל ביכער און צייטונגען.

איך בין אַ מאָדערנער מענטש. איך לעב מיט דער צייט. איך הער זיך צו מיט אַלע מיינע עלעקטריזירטע נערוון צו דעם קליפּ־קלאַפּ פון דער וועלט...

אָבער מערסטנס בין איך אומצופרידן מיט זיך. און דאַן דאַכט זיך מיר, אַז מיין טאַטנס וועלט איז געווען בעסער, שענער און אינהאַלטסרייכער.

מיין טאַטע האָט נישט געלייענט — נאָר געלערנט. לייענען צו־ליב סתם פאַרגעניגן, איז נישט געווען אין דער טבע פון יענע יידן. אָבער דערפאַר האָט מיין טאַטע געגלויבט אין זיינע ספרים, און ממילא אין דער וועלט, וואָס ער האָט געפונען אין די ספרים און דורך די ספרים.

אָבער איך? איך גלויב זייער ווייניק אין מ י י נ ע ביכער. איך לייען זיי טיילווייז, ווייל אַ מאָדערנער מענטש דאַרף לייענען (אַזוי זאָגן אַלע אַנאָנסן פון ביכער־מציאות) און טיילווייז אויך, ווייל איך וויל זיך נאָכאַמאָל איבערצייגן, צי זיי ווייסן פּונקט ווי איך...

מיין טאַטע האָט מוצאי יום־כפור אריינגעשלאָגן אַ פלעקל אויף אַ סוכה. און מיין טאַטע האָט זיך געפילט שטאָלצער, ווי איבסענס „בוימייסטער". דוכט זיך, אַ קליינער בנין, אַ סוכה, אַ דערוויילִיקע דירה, אַ דירה אויף אכט טעג — אָבער מיין טאַטע האָט עס געבויט מיט כונה, מיט גלויבן אין דער פאַרגאַנגענהייט און צוטרוי צו דער צוקונפט.

א קליינער בנין — א סוכה — אָבער דער גלויבן פון מיין טאַטן האָט אים געמאַכט שטאַרק, פעסט און זיכער...

און איך בוי אליין גאָרנישט...

און איך גלויב נישט נאָר נישט אין א סוכה, נאָר אפילו אין פיל שטאַרקערע געביידעס...

און מיין באָדן שאָקלט זיך אונטער מיינע פיס, ווי די לאַגע אין אייראָפּע.

אָט זיצט מיין טאַטע אין דער סוכה און ער קוקט אויף דער שאַפונג פון זיינע הענט, און ער איז פול מיט פרייד. ער וואַרפט זיין בליק אויף דעם סכך פון דער סוכה, דורך וועלכן עס לייכטן זיך דורך שטיקלעך הימל — און ער איז גליקלעך: אזא פיינער סכך און אזוי גוט צעלייגט!

און ער איז צופרידן, מיין טאַטע, און ער לאַדט אפילו איין געסט: אושפיזין... שו־שו...

און דער סכך פון דער סוכה סודעט זיך מיטן ווינט — און די גייסטער פון אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, דוד און שלמה סודען זיך אויך ערגעץ אין די ווינקלען פון דער סוכה. און מיין טאַטע מיט דער גרויער באָרד קוקט מיר דאַן אליין אויך אוים ווי א שטיק גייסט פון א ווייטער, ווייטער וועלט.

און איך? איך ווייס נישט פון אזעלכע פריידן און גליקן. ארום מיר שושקעט זיך גאָרנישט... ארום מיר הערשט א רעאַלע, וואָכע־דיקע, ניכטערע וועלט.

דידאָזיקע וועלט האָט נישט קיין סודות. דידאָזיקע וועלט יאָגט און טומלט, שרייט און פילדערט מיט טויזנטער אויטאָמאָ־בילן און וועגענער און פון דעם גאַנצן טומל קאָן מען הערן בלויז איין מאַסאָוון געשריי: היט זיך, בחור! מען וועט דיך איבער־פאָרן!...

און דידאָזיקע וועלט איז קלאָר, אָפן און ניכטער. זי איז קלאָר אפילו אין אירע סכנות, וואָס זי שפרייט אוים פאַר אלעמען... קיין וואונדער, קיין מופתים, קיין גייסטער... דער טויט אפילו איז אזא

געוויינלעכער. ער שטייט שטענדיק פאַר די אויגן, לויערט פון יעדן ראָג גאַס.

א וואָכעדיקע, ניכטערע, טרוקענע, מיט גע‌זאָלין־שמעקנדיקע וועלט!

רעספעקט פאַר די יידן פון דער אַלטער וועלט!

איך בין אַנומלט געווען אין עליס־איילאַנד. דאָרט האָט מייַנער א פריינט אַראָפּגענומען זיינע עלטערן.

האָב איך געהאַט דאָס גליק צו זען אַן אַלטיטשקן טאַטן, אַן אַלטיטשקע מאַמע!

און, אָ, טאַטע־פאָטער! ווי שיין, ווי האַרציק די‌דאָזיקע אַלטיטשקע האָבן זיך עס געפרייט!

זיי האָבן זיך געפרייט מיט אַזאַ מענטשלעכער פרייד, וועלכע איך האָב שוין לאַנג נישט געזען.

זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום צווייטן מיט אַזויפיל ליבע און חן, ווי אַ יונג פּאָרפאָלק אין די האָניק־וואָכן.

און זיי האָבן געהאָליובעט די קינדער מיט אַזאַ וואַרעמקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט.

און דאָס גליק האָט אַרויסגעשיינט פון זייערע אַלע אָנגעווייטאָגטע גלידער.

און די פרייד האָט אַרויסגעשטראַלט פון יעדן קער זייערן.

און איך בין געשטאַנען מיט גרויסער ערפורכט, און זיך געזאָגט:

אָט אַזוי קאָנען זיך בלויז פרייען מענטשן, וואָס גלויבן, מענטשן פון די אַלטע דורות. מענטשן, וואָס האָבן שטענדיק אַ הימל איבער זיך... דער באָדן מעג זיך זיין ווי שאָקלדיק, ווי פּ"עמד, אָבער דער הימל איז שטענדיק זייערער...

און איך האָב זיך געטראַכט: און ווּ זאָלן מיר, נ י י ע, נעמען אַזאַ פרייד? ווּ?

שאלות ותשובות

די יידישע גאַס איז, דאַכט זיך, ניי און באַנייט — אָבער אין תוך איז זי דיזעלבע — אַלטע יידישע גאַס.

געבענטשט זאָל זי מיר זיין!

דער יידישער לעבנסשטייגער האָט זיך געענדערט, אָבער אין גרונט גייט ער אויפן זעלבן שטייגער.

דאָס יידישע פּנים האָט זיך געביטן — נאָר אויסערלעך. אָבער אין דער אמתן איז עס דאָס אַלטע יידישע פּנים. מיט אַלע זיינע קנייטשעלעך, חנדלעך און העוויות.

מיינער אַ פריינט האָט אַזאַ טעאָריע:

מען קאָן דאָס ניי־מאָדערנסטע, גרויס־שטאָטישע יידישע פּנים מאַכן אויסצוקוקן, ווי אַן אַלטמאָדיש יידיש פּנים פון געטאָ־לאַנד.

דער עיקר איז די באָרד און דאָס בערדל.

אָט איז אַ יידישער יונגערמאַן אָן באָרד און וואָנצעס, פאַר־שטייט זיך, ער האַנדלט מיט ריעל־עסטייט, רעדט ענגליש — אָבער קלעפּט אים צו אַ בערדל און ער ווערט דערזעלבער יידישער יונ־גערמאַנטשיק פון קליינעם שטעטל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פלאַקס און שוואָמען...

אָט איז אַ בחור, וואָס דבקעט זיך אין דער באַוועגונג, רעדט פון קאַרל מאַרקס און לענין — דאָס איז דערזעלבער ישיבה־בחור, וועלכער האָט גערעדט פון אביי און רבא...

איך האָב אַן אַנדער מאָס: שאלות ותשובות.

אַלץ ענדערט זיך ביי יידן. באַוועגונגען גייען, באַוועגונגען קומען, — אָבער די שאלות ותשובות בלייבן...

יידן זענען, ווי באַקאַנט, אַ פאָלק פון שאלות ותשובות.

די שאלה ליגט אין אונזער בלוט, שרייט אַרויס פון אונז אין בעט אין ענטפער...

אַ ייד האָט ליב צו פרעגן שאלות. ביי זיך און ביי יענעם.

אָפט, ווייל ער וויל טאַקע וויסן. און אָפט, ווייל ער האָט ליב צו ערגערן זיינע גדולים: לאָמיר נאָר זען, וואָס זיי וועלן קאָנען ענטפערן דערויף?... און נאָך אפשר: צוליבן פלפול אַליין...

אַ שאלה צוליב אַ שאלה...

מיר האָבן די ריזיקסטע רבנישע ליטעראַטור פון שאלות ותשובות.

אַ גוי פרעגט נישט, איידער ער זינדיקט און זוכט נישט קיין תשובה נאָכדעם, ווי ער האָט געזינדיקט. אַ גוי אָדער ער שיסט זיך אָדער — ער לעבט...

אַ ייד פרעגט טויזנט שאלות אויף איין קליין עברהלע, וועל־כעס ער האָט נאָך נישט געטאָן...

ווי איז דער דין? — דאָס איז די ליבסטע יידישע פראַגע.

כשר, צי טריף? — די צווייטע ליבסטע פראַגע.

און מיט דעם אָנקום פון ראַדיקאַליזם אויף יידן, האָבן זיך ביי אונז די שאלות ותשובות נישט געענדערט.

וואָס־זשע דען?

אָנשטאָט רבנישע שאלות, האָט מען געפרעגט ראַדיקאַלע שאלות.

אָנשטאָט אַ נאָדל אין אַ פּופּיק פון אַ הון, האָט מען געפרעגט וועגן ליבע צו אַ שיגעץ...

און די נייע ראַדיקאַלע רבנים האָבן זיך נישט געענדערט.

דאָס לשון פון די תשובות איז כמעט געבליבן דאָסזעלבע לשון. געענדערט האָט זיך בלויז דאָס, וואָס מען האָט געענטפערט אָן אַ היטל און אָן אַ יאַרמולקע.

פון דעמדאָזיקן ראַדיקאַלן דור שטאַמט דאָס „בינטל בריוו״ מיט זיינע „שאלות ותשובות״.

די „בינטל״־רבנים האָבן פאַרענטפערט אַלע טהרת המשפחה־פראַגן; געמאַכט שלום צווישן מאַן און ווייב, געפסקנט טרייף צי כשר...

און ווען איר קוקט זיך צו גוט צו דער נייער יידיש־קאָמוניסטישער באַוועגונג, אויף דער יידישער גאַס, זעט איר, אַז וואָס־וואָס, אין דער פראַגע פון שאלות ותשובות האָט זיך אויך דער יידישער קאָמוניזם נישט געביטן.

אָנשטאָט סאָציאַליסטישע, אַנאַרכיסטישע, אָדער סתם ראַדיקאַלע שאלות, פרעגט מען איצט קאָמוניסטישע שאלות.

און ווידער זענען די שאלות דיזעלבע יידישע שאלות, וואָס אַמאָל:

— ווי איז דער דין?

— כשר אָדער טרייף?

— מעג מען יאָ אָדער מעג מען נישט?

— מעג אַ קאָמוניסטקע חתונה האָבן מיט אַ העברעאישן לערער?

— טאָר אַ קאָמוניסט פאָרן אין אַ פעקארד?

— מעג אַ קאָמוניסט האָבן אַ שוואָגער אַ קרעמער?

— טאָר אַ קאָמוניסט עסן רעטעך מיט שמאַלץ (אַן עכט־יידיש מאכל)? און ער האָט אַזוי ליב רעטעך מיט שמאַלץ!

— מעג אַ פרומער קאָמוניסט אויפהענגען אויף די ווענט פון זיין דירה די פאָרטרעטן פון זיין זיידן און באָבען? מיינט עס נישט אַכטן די פאַרגאַנגענהייט?

— מעג אַ קאָמוניסט שפּילן אין קאַפּיטאַליסטישן פּאָקער, אָדער ער דאַרף וואַרטן, ביז עס וועלן אויפקומען אייגענע, קאָמוניסטישע קאָרטן?

— מעג אַ קאָמוניסט דערלויבן זיין קליין טעכטערל צו זיין די „קווין״ פון אַ מאַי־„פּאַרטי״? שמעקט עס נישט מיט באַפּעסטיקן דעם מאָנאַרכיזם?

— מעג אַ קאָמוניסט זיצן אין פּאַרק אויפֿן גראָז אונטערגע־
שפּרייט מיט אַ קאַפּיטאַליסטישער צייטונג?

און נאָך און נאָך שאלות, טשיקאַווע, וווּנדערלעכע, וואָס ווען
איר לייענט זיי, רייבט איר זיך די אויגן:

לעבן מיר אין ניו־יאָרק, צי אין כּתרילעווקע?

אַנומלט לייען איך אין קאָמוניסטישן „האַמער" אַזאַ שאלה.
פֿרעגט אַ קאָמוניסט:

צי מעג ער לייענען שלום־עליכמען? צי טאָר ער הנאה האָבן
פֿון זיין הומאָר?

צי איז עס נישט קעגן קאָמוניזם?

— סטייטש, טביה איז דאָך אַן אַלטמאָדישער ייד, רעדט מיט
פּסוקים?

— און מנחם מענדל, איז פֿאַרט נישט קיין אמתער פּראָלע־
טאַריער?

און וואָס זאָל ער טאָן? און ער האָט אַזוי ליב שלום־עליכמען!
און די קאָמוניסטישע „רויטע רבנים" קנייטשן דעם שטערן.
עס איז אַ שאלה... אַודאי... און פּסקנט מיט
אַ קרעכצל: מען מעג....

און נישט מיט אייגענער בקיאות פּסקענען זיי עס, נאָר זיי
שטיצן זיך אויף די פּסוקים פֿון סאָוויעט־רוסלאַנד: — וויבאַלד אין
סאָוויעט־רוסלאַנד ערט מען שלום־עליכמען און מען פֿייערט זיינע
יאָרצייטן, — איז אַ באַווייז, אַז שלום־עליכם איז כּשר...

אי „מנחם־מענדל" און „טביה" זענען נישט אינגאַנצן
אונזערע? — מאַכט נישט אויס, מיטן כּח פֿון יידישן פּלפּול
קאָנען מיר זיי מאַכן פֿאַר אונזערע...

און איך לייען עס און איך זאָג זיך:

גוט, גוט! פֿיין, פֿיין, פֿיין!

פֿרומע יידן. און סתם יידן, קעגנער פֿון קאָמוניסטן, שרעקט
זיך נישט פֿאַר אונזערע יידישע קאָמוניסטן. זיי זענען נאָך אַלע־
מען קינדער פֿון אונזער אַלטן יידישן פֿאָלק. פֿלייש פֿון אונזער
פֿלייש, גייסט פֿון אונזער גייסט.

שרעקט זיך נישט! כל־זמן זיי באַשעפטיקן זיך נאָך מיט „שאלות ותשובות", און מעגן זיי זיין קאָמוניסטישע שאלות ותשובות, — זענען זיי נאָכנישט פאַרלוירן פאַר אונז, בלייבן זיי יידן, צי זיי ווילן, צי זיי ווילן נישט...

אונזער יערלעכער יריד

נײַן, מיך ארט גאָרנישט אונזער יערלעכער יריד מיט יידיש־קייט!

ווייל איך בין די לעצטע צייט געקומען צום באַשלוס, אַז מען טאָר יידישע געשעפטן נישט טשעפּען... אַז מען דאַרף לאָזן יידן מאַכן ביזנעס, — יעדע ביזנעס, אַבי זיי זאָלן מאַכן אַ לעבן!...

ווייל ווען מען נעמט אַוועק ביי יידן מסחר, נעמט מען ביי זיי צו דאָס חיות... דעקלאַסירט מען זיי... און קיין אַנדער זאַך, אָנשטאָט מסחר, האָבן מיר זיי דערווייל נישט צו געבן... (חוץ ציוניסטישע אַרטיקלען).

און איך פאַרטראַכט זיך וועגן דעם ענין פון מסחר און צדקה, און איך זאָג זיך: זאָלן זיך יידן האַנדלען מיט וואָס זיי ווילן: מיט גאָט, מיט ריעל־עסטייט — אַבי נישט אָנקומען צו צדקה און הילפס־קאָנפערענצן...

ווייל ווי איך האָב נישט ליב מסחר, איז עס אַלץ בעסער, ווי צדקה... און אַפילו צדקה גדולה מיט אַן אַלוועלטלעכן שטעמפּל...

איר וועט זיך צעטענהן: אײַ־אײַ, מסחר מיט גאָט, מיט פרומ־קייט, מיטן הימל, — עס איז דאָך שרעקלעך! שרעקלעך!

נאָר לאָמיר אַ טראַכט טאָן: אפשר איז עס גאָר אַן איינגע־רעדטע זאַך, אפשר איז עס גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען איז געוווינט צו שרייען אויף אונזער ראַדיקאַלער גאַס?

באמת, פונוואַנען ווייסן מיר עס, אַז מיט גאָט טאָר מען נישט מאַכן קיין מסחר?

אָט קאָן איך אייך, פאַרקערט, ברענגען „באַווייזן”, אַז אונזער גאָט איז אויך אַ סוחר, אַ געשעפטס־מאַן.

ווען גאָט האָט דערזען — שרייבט די ביבל — אַז די מענטשן זענען אַזוי און אַזוי, און באַשטימט צו ברענגען אַ מבול אויף דער ערד, האָט ער אָבער דערביי נישט פאַרלוירן דעם קאָפּ, נאָר קאַלט און אויסגערעכנט, ווי אַ גוטער סוחר, געהייסן נחן בויען אַ קאַסטן און אַריינעמען אין קאַסטן מיט אַ חשבון צו צוויי פון יעדן מין...

און דאָס מיינט געשעפטסמעסיק, פּראַקטיש... איך שטעל זיך פאָר: ווען אַ גויאישער גאָט באַשטימט צו מאַכן אַ מבול, וואָלט ער זיך מן־הסתם פריער גוט אָנגעשיכורט און מיט אַ סקאַנדאַל איבערגעקערט די גאַנצע וועלט מיט האַק און פּאַק...

ווער חשבון, וואָס חשבון?

די יידישע רעליגיע האָט נישט אין זיך קיין פּאָעטישע משוגעתן, נאָר חשבון... אַ קוק אויף שפּעטער... תכלית... און דאָס איז איר מעלה.

דער יידישער מענטש פירט געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט גאָט. ער שרעקט זיך נישט פאַר אים ווי אַ גוי, קניט נישט פאַר אים, נאָר ער מאָנט אַ חוב... גאָט, האָסט באַשאַפן דעם יידן, געגעבן אים לעבן — גיב אים צום לעבן. דאָס קומט אים!...

און גיט נישט גאָט תיכף, ווערט אַ יידישער מענטש אויך נישט נתפּעל:

ער איז אַ סוחר און ווייסט, אַז אַמאָל האָט מען און מען וויל אויך נישט געבן. און ווי אַ סוחר, גלויבט ער, און גאָט איז אַ בטוח און ער וועט געבן!...

און איך גיי ווייטער און ברענג אייך נאָך ראיות:

אָט נעמט אברהם אבינו, איז אויך ער האָט שוין געמסחרט מיט גאָט. אין דער מעשה מיט דער סדום־איבערקערעניש...

נישט געוויינט, נישט איינגעלייגט קיין וועלטן, נאָר האַנדלס־מעסיק, ווי אַ ייד אַ סוחר, גערעדט מיט גאָט „תכלית”... זיך געדונגען: גאָט, לאָז אַרונטער 10 פּראָצענט!...

און גאָט האָט זיך געלאָזט רעדן...

און משה רבינו? — אויך ער האָט געפירט די יידן צו נעמען די תורה געשעפטסמעסיק: פרייער האָט ער פאַרנאַרט דעם קונה אויף דער כחורה צום באַרג און נאָכדעם ערשט איז ער געגאַנגען נעמען די תורה, און נישט פריער...

און פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגעשטאַנדפונקט, דאַרפן מיר נישט חוזקן פון דעם מסחר מיט יידישקייט אין אַמעריקע.

אַז איר ווילט, שטעקט גאָר אין דער פאָרם פון אונזער געשעפטס־יידישקייט אַ געוואַלטיקע דעמאָקראַטישקייט.

מיר, יידן, האָבן דעמאָקראַטיזירט דעם רבונו של עולם אַליין; געמאַכט פון אים אַ פאָלקס־זאַך און נישט אַן עסק נאָר פאַר גלחים...

דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז אין דער מדרגה פון אַן „אימפּרעסאַריאָ" פון גאָט... און צו יעדערן איז ער צוגענגלעך, פאָלקסטימלעך, פּראָלעטאַריש אפילו, אויב איר ווילט...

יידן ברענגען אַראָפּ גאָט אומעטום: אין וואָדעוויל־הייזער, אייז־קרעם־פּלעצער און טאַנץ־זאַלן. ווייל ביי יידן איז נישט וויכטיק דער פּלאַץ, נאָר די תפלה. נישט וויכטיק, וואָס דער פּלאַץ איז געווען — נאָר וואָס ער איז אין דעם מאָמענט, ווען מען דאַוונט...

אַ ייד איז אַ וואָיאַזשאָר פאַר זיין יידישקייט־סחורה און ער ברענגט זי אומעטום...

ראש־השנה!

און ווען איך פאַרטיף זיך, זע איך באמת נישט איין, וואָס אונזערע ראַדיקאַלן קוקן אַזוי מיט שפּאָט אויף דעם מסחר מיט יידישקייט.

איך פרעג: מאַכן דען אונזערע ראַדיקאַלן נישט קיין געשעפט מיט זייערע אידעען? קלייבן זיי דען נישט קיין נדבות אויף זייערע הייליקייטן? פאַרקויפן זיי דען נישט זייערע געטער און געטשקעס אויף בילעטן?... לעבט דען אונזער ראַדיקאַלעכץ בלויז אויף ריינעם גייסט? שאַ! קאָכט זיך נישט!

מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט

און ווי משה האָט אַראָפּגעלאָזט זיין
האַנט, אַזוי האָט גובר געווען עמלק.
(אַ שטיקל חומש)

ווען איך בין מאַסליאַנסקי אָדער ד"ר קאָראַלניק, וואָלט איך אַזוי געדרשנט:

עמלק, דאָס איז אונזער אייביקער שונא: די אַסימילאַ־ציע.

משה — אונזער נאַציאָנאַלער ווילן.

אין אַלע דורות האָט ישראל גובר געווען עמלקן, ווען ישראל האָט אויפגעהויבן זיין האַנט.

ווען מיר האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. און אייביק האָט אונז עמלק גובר געווען, ווען מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט.

ביי אונז איז איצט די צייט פון אַראָפּגעלאָזטע הענט.

אַלע זיצן מיר מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און וואַרטן אויפן אונטערגאַנג.

עמעצער, אַ שוואַרצע ראָב, האָט אַרויסגעקראַקעט, אַז מיר גייען דאָ אונטער! האָבן מיר אַלע אויפגעכאַפּט דאָס מיאוסע קראַ־קען און מיר זענען אַלע געוואָרן ווי ראָבן וואָס וואַרטן אויף אַ פּגר.

ביי אונז גייען אונטער זאַכן, נישט ווייל

זיי מוזן אונטערגיין נאָר ווייל מיר לאָזן זיי אונטערגיין.

אז מיר דארפן אינגאנצן נאָך לעבן 20—25 יאָר — איז צו וואָס די מי?

אי אונזערע בעלי־חשבון האָבן זיך שוין נישט איין מאָל אָפּ־געגנאַרט? דאָס שטערט אָבער נישט צו זיצן מיט אראָפּגעלאָזטע הענט.

פארנעם איך אַ וואָרט: אויך „דאָס יידישע קונסט־טעאטער'' גייט אונטער, און מאָרים שווארץ גייט אויך צו די גוים.

לויף איך אַרום און ערגער זיך:

אוממעגלעך!

מען וועט עס נישט דערלאָזן!

אָט ערשט האָט מען אונז איבערגעציילט און מיר זענען דאָ אַן עדה פון אַ מיליאָן מיט דריי־פערטל.

אז מיר זענען שוין אַזאַ גרויסע עדה, וועלן מיר דערלאָזן צו אַזאַ גרויסער נבלה?

אוממעגלעך!

הער איך דאָס פּאסקודנע שטימעלע: מען קאָן גאָרנישט העלפן!

מיר גייען דאָ אונטער! יידן ווילן נישט קיין קונסט! ווילן אפילו קיין יידיש טעאטער נישט, ווילן קיין יידיש נישט!

ענטפער איך: ערשטנס, ווילט איר נישט און איר שרייבט עס צו צו אַלעמען.

און ווען איר וואָלט געוואָלט, וואָלטן אַנדערע אויך געוואָלט!

און צווייטנס: זאָל זיין, אז יידן ווילן טאקע נישט, דארף מען זיך דען אָפּשרעקן? יידן ווילן אפשר קיינמאָל גאָרנישט!

און די תורה האָבן זיי געוואָלט?

און ציוניזם ווילן זיי?

און „דיוס'' צאָלן אין די יוניאָנס ווילן זיי?

און ווערן פּויערים אין סאָוויעט־רוסלאנד ווילן זיי?

און אז ד''ר ווייצמאַן וואָלט אהער נישט געקומען, וואָלט מען נאָך אים געשיקט?

יידן ווילן נישט. דער עיקר אָבער איז, וואָס וויל די אינטעלי־גענץ? קראַקען ווי אַ ראָב, אָדער עפּעס טאָן?

יידן, ווי געזאָגט, שיקן נישט נאָך ד"ר ווייצמאַן, נאָר ווייצ־מאַן קען זיינע יידן, און ער איז נישט פויל און קומט איין מאָל און צוויי מאָל און זעקס מאָל און ער מאָנט — און ער קריגט.

איך זאָג: די גאַנצע זאַך איז פּשוט: אונזערע שופר־בלאָזער, קולטור־טוער, באַוועגער און פירער ווילן אַליין נישט מער!

זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די הענט און זיצן צוזאַמען מיטן פאָלק און וואַרטן, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון אַמעריקע זאָל אַוועק אויף בראָדוויי...

דער גאַנצער י. ל. פּרץ־שרייבער־פאַריין זיצט איבער זיין פּאָפּ מיט פּעטן געהאַלט און וואַרט אויף צוויי זאַכן: אויף יובילייס פאַר זיך און אויפן מלאך־המות פאַרן פאָלק!

פּע!

בעיקר, מיר אַליין האָבן אויפגעהערט צו גלויבן, אַז מיר קאָ־נען עפּעס אויפטאָן מיט אונזער יידיש וואָרט, און ווי קאָן מען אַנ־דערע מאַכן צו גלויבן?

מען לאָזט ביי אונז אַלץ אָפּשטאַרבן, ווייל מיר פוילן זיך צו לעבן אַן אייגן לעבן!

און פויל זענען מיר געוואָרן, ווייל מיר זענען פעט געוואָרן.

די סיבה פון אונזער אַפּאַטיע דאָ איז נישט קיין טיפע, נאָר אַ פעטע.

דער יידישער טייל פון אַמעריקע האָט געקריגן אַ בויך, וואָס האָט איבערגעוואַקסן זיין גאַנצן קערפּער.

און דער בויך הענגט אים אַראָפּ.

און דער בויך שלעפּט אים אַראָפּ.

און דער בויך מאַכט אים שלעפעריק, צו אַלץ, וואָס האָט נישט קיין שייכות צו בויך.

און צוליבן בויך קאָן ער זיך נישט רירן און ער זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע פעטע הענט.

טעאָדאָר הײנע פון „סימפּליציסימוס"! נאָר דו וואָלסט גע־

קענט אויסמאָלן די ריכטיקע קאַריקאַטור פון דעם פּייכיקן אַמעריקאַנער יידישן פאָלק!

און ס'איז אַזוי:

קומט אימיצער פון דער אַלטער היים און גיט אַ קלאַפּ איבער אונזער בויך, — פּאָמפּעט ער נאָך אַרויס אַביסל שמאַלץ.

פאַר צדקה אָדער אידעע, אָבער דאָ אויפן אָרט, פעלן אונז די באַגייסטערטע מענטשן, וואָס זאָלן וועלן פּאָמפּען.

די הינגע פּאַרטייען האָבן נאָך ווי עס איז דעם מין פּאָמפּער.

און זיי קענען די מלאכה אויך.

אָבער די יידישע אינטעליגענץ, די קולטור-פאַרבענקטע, די יידיש-באַזינגערין, די קונסט-באַשפּרינגערין פעלט פּאָמפּער.

מען קאָן דאָ פּאָמפּען פאַר אַ קונסט-טעאַטער.

עס קאָן ווערן אַפילו אַ שטיקל כבוד צו האָבן אַ בענקל אין יידישן קונסט-טעאַטער.

מען קאָן דאָ פון אַן אַבאָנענטן-קאַרטל אַפילו מאַכן אַ יחוס-קוויטל — נאָר מען דאַרף האָבן די מענטשן דערפאַר.

מען קאָן אַריינשטעלן אַ שאַפע אָדער צוויי מיט יידישע ביכער אין יעדן יידישן הויז.

נאָר עס פעלן די מענטשן, די אַריינשטעלער.

די אַלטע, געציילטע פּאָמפּער האָבן זיך אויסגעפּאָמפּעט, האָבן זיך באַפּייכלט, פעט געוואָרן און קאָנען זיך נישט באַוועגן, אַראָפּגעלאָזט די הענט.

װעגן די, װאָס גייען אַװעק

יעדעס מאָל פּאַסירט עס אױפֿן זעלבן אופֿן: װערט אימיצן ענג בײַ אונדז אױף דער ייִדישער גאַס — גייט ער אַװעק צו די גוים.

אַנדערע טוען עס צוליב געשעפֿט. גוים גיבן גרעסערן געהאַלט. אַנדערע טוען עס מיט אַ כּוונה, כּדי נאָכדעם צוריקצוקומען און װערן זײער געערט בײַ ייִדן...

אַ סך „גאָט־געבענטשטע" בײַ אונדז סטראַשען בלױז: זײ גייען צו די גוים, — און בלײַבן בײַם סטראַשען...

אַ היפּש ביסל באַנוגנט זיך בלױז מיט אַ שפּאַציר איבער בראָדװײ... ייִדישע שרײַבער סטראַשען אױך אָפֿט מיט אַװעקגיין, נאָר די סטראַשונקעס בלײַבן ליגן טױטע אונטער די טישלעך פֿון קאַפֿע־הױז...

אַקטיאָרן סטראַשען אָפֿטער — און זײ גייען טאַקע אַװעק אױך. אַ סך פֿון זײ גייען אַװעק, מאַכן אַ שטיקל חורבן אין ענגליש לשון — און קומען צוריק...

אַנדערע שטײט נישט אָן דאָס צוריקקומען, בלײַבן זײ בײַ די גוים, מוטשען דאָס ענגלישע לשון און זיך אַלײן און קומען נישט צוריק. זײער טרײסט איז: מען װײסט נישט, װי זײ מוטשען זיך. זײ נאַרן בײדע װעלטן: אי די ייִדישע, אי די גױאישע... בײַ די ייִדן מײנט מען, אַז זײ װערן נתעשר בײַ די גוים און די גוים

מיינען, אַז זיי ווערן אָפּגעגאָלטן, ווען זיי כאַפּן זיך פון צייט צו צייט אריין צוריק צו די יידן...

איז די, וואָס סטראַשען, פאַרשטיי איך: עס איז מענטשלעך. אַ מענטש סטראַשעט אַמאָל אויך דאָס ווייב מיט אוועקגיין. און דאָס מיינט אָפּט בלויז גרינגער מאכן זיך אויפן הארצן... אַ דער־וועקונג פון איינפערזוכט. אַז זאָל דאָס ווייב זען, אַז עס זענען נאָך דאָ אויף אים בעלנים!...

אָבער די אוועקגייער האָב איך נישט ליב.

איך האַלט דידאַזיקע אוועקגייער פאַר שוואכע יידן מיט לויזע נשמות... פאַר אָפּשטייער...

דער, וואָס גייט אוועק פון אונז, איז אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס אויף זיין געוויסן...

איך האַלט דאָס אוועקגיין פאַר אַן אויסגעלאַסנקייט. מעג עס זיין אַפילו אונטער אַ קינסטלערישער שילד...

יעדן מענטשן כאַפּט אָן אַמאָל אַ חשק אוועקצוגיין פון דעם ווייב — אָבער דער קלוגער בלייבט. צוליב קינדער, צוליב דרך־ארץ פאַר זיך אַליין.

די קינסטלער־אוועקגייער זענען אָפּט מער אוועקגייער, ווי קינסטלער...

ווייל איך גלויב, אַז ווען אַ יידישער שוישפּילער וואָלט גע־שאַפן אויף דער יידישער גאַס וויכטיקע ראָלן — וואָלט ער נישט געקאָנט אוועקגיין.

גוטע ראָלן זענען ווי קינדער — זיי בינדן צו...

גייען אוועק די „בעזדעטניקעס". די, וועלכע עס בינדט גאָר־נישט צו אַ חוץ אַ שפּרונג און אַ זינג און אַ וויצל.

און אויב דאָרטן באַצאָלט מען דערפאַר מער, ווי דאָ, איז מאַקע פאַרוואָס נישט?

*

דאָס יידישע פאָלק פאַרלירט אָבער ווינציק וואָס פון די אוועקגייער. דאָס יידישע פאָלק גייט זיך זיין וועג, נישט קוקנדיק אויף די אַלע אוועקגייער.

דאָס יידישע פאָלק איז אַן אַלט פאָלק, מיט גרויס דערפאַרונג און עס ווייס: מען גייט, מען קומט צוריק, מען גייט ווייטער, אָבער דאָס יידישע פאָלק וועט בלייבן.

דאָס יידישע פאָלק ווייס, אַז וואָס־וואָס — אויף דער עלטער קומען אָט די אַלע כוואַטסקע אַוועקגייער אַלץ איינס צו אים צוריק.

אויף דער עלטער וויל מען זיין אין אייגענעם ווינקל, וויל מען אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אויף אַן אייגענעם, כדי צו פאַרטומלען דעם עלנט.

און נאָך אַלע גליקן איז דאָך די עלטער דער עיקר... ווייל דאָס איז דער ענד־וועג פון אַלע גייער און אַוועקגייער...

און די, וועלכע קומען אויף דער עלטער נישט צוריק, שטאַרבן טאַקע אין עלנט...

* *
*

ווען איך כאַפּ אַ קוק אויף אונזערע אַוועקגייער פון אַלע מינים און פאַכן, זאָג איך זיך:

עס לוינט זיך שוין באַלד נישט...

דאָס יידישע פאָלק האָט זיך שוין צוגעוווינט דערצו און עס מאַכט שוין אויף אים נישט קיין רושם.

קיין סענסאַציע איז שוין אַן אַוועקגאַנג אודאי נישט.

דאָס יידישע פאָלק קוקט צו און שמייכלט אין זיין גרויער באָרד אַריין און עס איילט זיך נישט צו שלעפּן קיינעם ביי די פּאָלעס צוריק.

ווילסט גיין, ברודערל, גיי זיך!

איך האָב שוין געזען אַזעלכע זאַכן!

וואָס־זשע בלייבט צו טאָן פאַר דעם אַוועקגייער, וועלכער וויל מאַכן אַ טומל און ציען די אויפמערקזאַמקייט, אַז ער גייט אַוועק?

די איינציקע זאַך, וואָס עס בלייבט איצט צו טאָן, איז נישט גיין, נאָר לויפן.

אַוועקלויפן צו די גוים, אַנשטאָט אַוועקצוגיין! אַוועקלויפן ווי

פון אַ פייער, אַפילו נישט מאַכן דערביי קיין דערקלערונגען. לויפן אויף אַלע פיר...

ווען דאָס פאָלק וועט זען אַ יידן לויפנדיק אויף אַ בראָדוויי ווי אַ משוגענער — וועט ער אפשר כאַפּן אַ קוק און אַ פרעג טאָן: וואָס לויפט דער מענטש?

דאָס יידישע פאָלק וועט מן הסתם אויך דעם אַוועקלויפער נישט שטעלן זיך אין וועג. לויף, ברודערל, לויף!

אָבער אַזוי ווי עס וועט זיין אַ שטיקל נייער אויפטו: דער און דער איז אַוועקגעלאָפן צו די גוים — וועט מען דערפון רעדן...

און איך טראַכט: גאָר שפּעטער וועט מען שוין נישט ציען קיין אויפמערקזאַמקייט אַפילו מיט לויפן אויך.

און דאַן וועט מען מוזן אַוועקשפּרינגען צו די גוים מיט אַ קוליע זיך איבער, מיט אַ שטעל זיך אויפן קאָפּ, מעשה אַקראָ־באַט און דאָס וועט אפשר העלפן...

און אָט די מענטשן, וועלכע גייען אַוועק צו די גוים, וועט אַקראָבאַטסטוואָ אויך זיין צו שווער...

ווייל יעדער אַוועקגייער האָט בטבע, דאַכט זיך מיר, אַן אַקראָבאַטישע נשמה... דאָס „קוליען זיך איבער" ליגט אַזאַ פאַר־שוין אין די ביינער...

יידישע ציין וואָס בייסן זיך אַליין

אַן אַלט־באַקאַנטע קראַנקהייט אונזערע:
יאָדען זיך אַליין.
בייסן זיך אַליין.
פרעסן זיך אַליין.

אויף וויפל מיר ווערן אויפגעפרעסן פון פרעמדער שנאה, אַזוי מער נאָך פרעסן מיר איינער דעם צווייטן...

יידישע ציין, וואָס בייסן זיך אַליין — זיי זענען די שרעקלעכסטע, די וועלפישסטע.

דאָס ערגסטע ביי אונז איז אונזער פאַראַכטונג צו זיך אַליין און צו אונזערע העלדישקייטן...

מיר טאָרן קיין העלדן נישט זיין! — דאָס איז אַ גאַנץ היפשער מאָטיוו ביי אַ סך פון אונזערע יידן.

אַפילו אויף שוואַרצבאַרדס העלדישקייט האָבן אַ סך יידן געהאַט תרעומות.

אַ ייד וויל אַ יידן נישט געבן קיין אָנערקענונג.

אַ ייד וועט געבן אָנערקענונג דעם קלענסטן גוי און נישט דעם גרעסטן ייד.

און דערהויפּט ווילן מיר נישט געבן קיין אָנערקענונג אַ יידן, וואָס מיר קענען.

אַ שכן, אַ לאַנדסמאַן.

תיכף, ווי אזא ייד ווייזט ארויס העלדישקייט, ווערט א געשריי:

— ער, א העלד? — כאַ! כאַ!

— ווי קומט ער דערצו?

— איך קען דאָך אים!

— וואָס קריכט ער?

און מען הויבט אָן חוזקן, פאַרלאַכן און אויסלאַכן... כמעט אַנטיסעמיטיש...

דערמאָנט זיך נאָר די מעשה־טראָצקי:

תיכף, ווי טראָצקי איז מיט אַמאָל עולה לגדולה געוואָרן, האָט מען ביי אונז גענומען חוזקן:

— כאַ! כאַ! — ער גאָר?

— ער א מיניסטער!

— ער א קריגס־פירער!

— מיר קענען דאָך אים פון דער שוויץ, פון די בראָנקס!

און עס האָט זיך א שאָט געטאָן: ליבוש, ליבל, ליבעלע, — און מיט אזא פאַראַכטונג...

די גוים האָבן טראָצקין אָנערקענט — מיר נישט...

ביי זיי איז ער געווען א ליעוו — ביי אונז א ליבעלע.

און ליבעלע טאָר נישט זיין קיין מיניסטער, ליבעלע קאָן נישט זיין קיין נאַפּאָלעאָן ווי א „דזשאָנק פּעדלער" טאָר נישט זיין קיין פליער...

און ווייסט איר, ווען מיר האָבן גענומען אָנערקענען טראָצקין? — ערשט ווען ער איז געוואָרן א יורד...

ווייבאַלד א יורד, ביזטו שוין אונזערער, א ייד!...

ירידה — דאָס באַלאַנגט צו אונז, דאָס איז אונזער אויסצייכענונג.

טראָצקי דער געפאַלענער העלד איז געוואָרן א „משלנו", און מיר האָבן אים גענומען אונטער אונזער שוץ...

איצט חזרט זיך דאָסזעלבע איבער, אויף אַן אַנדער אופן, מיט טשאַרלי לעווין.

אויך דעם ייד לעווין האָט זיך פארגלוסט פליען הויך. און ער איז געפלויגן.

די וועלט האָט אים אָנערקענט צוביסלעך — אָבער מיר גאָר־נישט.

און עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ חוזק און פאַראַכטונג:

— ער, לעווין, אַ פליער גאָר!

— אַ ייד פון ראַקאָווי!

— אַ דזשאָנק־פּעדלער!...

אַנומלט האָט אַן אָנגעזעענער פּובליציסט ביי אונז גרויזאַם אויסגעלאַכט זיך פון לעווינען. אים באַהאַנדלט כמעט מיט רציחה.

— ווער בעט אים פליען?

— וואָס זיצט ער און וואַרט אויף אַ שיין וועטער?

— פאַרוואָס פליט ער נישט צוריק קיין אַמעריקע און ברענגט נישט דעם קאָפּ?!

איך האָב שוין לאַנג אַזאַ פאַראַכטונג צו זיך נישט געליטן, ווי דאָס אַרטיקל פון יענעם פּובליציסט. עס האָט דאָרט בלויז גע־פעלט דאָס וואָרט „זשיד"...

איר פאַרשטייט? דייטשן, פראַנצויזן און ענגלענדער ווילן אַלע פליען איבערן ים און שהְעקן זיך.

אַ סך זענען געזעסן, ווי לעווין, און געוואַרט אויף אַ שיין וועטער... אַ סך פון זיי זענען קנאַפּע ספּאָרטסמענער און פליען פאַר געלט... אַן אָפּענע זאַך...

אָבער ער, לעווין, ער טאָר נישט... ער מוז גלייך פליען און ברעכן דעם קאָפּ... און ער מוז כסדר זיין אַ ספּאָרטסמאַן!...

יאָ, יאָ, מיר האָבן אַ געוואַלטיקע פאַרליבע צו פייניקן זיך אַליין...

ווי איז צו אַ ברודער, ווען ער פאַלט אַריין צו אונז אין די הענט...

די גרעסטע שונאים און פאַראַכטער זענען מיר פון זיך אַליין.

דערהויפּט האָט מען ביי אונז נישט ליב יידן, וואָס ווילן ווערן העלדן ווי די גוים.

און סתם יעדן יידן, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דער סטאַדע און הויבט אָן מעקען נישט ווי אַלע...

ביי אונז זענען דאָ אַ סך רייכע יידן. יידן קרעמער, יידן סוחרים, יידן גבירים, אָבער די וועלט וויים נישט פון זיי. די יידי־שע וועלט אפילו נישט... האָט זיך איין ייד, אַ גביר, ארויסגעריסן פון דורכשניט, און אהאָ — — מען חוזקט שוין פון אים ביי אונז!

און ווייסט איר, ווען מיר וועלן לעווינען יאָ אָנערקענען? ווען ער וועט אַמאָל ווערן אַ יורד...

(און יעדער ייד איז דאָך אַ קאַנדידאַט אויף אַ יורד...).

דאַן, ווען מיר וועלן דערשמעקן, אַז מען דאַרף אויף אים רחמנות האָבן, אַז ער איז שוין אוים העלד, דאַן וועלן מיר זיך נעמען צאַצקען מיט אים, גרויסן און אויסזוכן זכות־אבות...

דאַן וועלן מיר נעמען וועקן רחמנות צו אים, ווי צו טראַצקין...

און פונוואַנען נעמט זיך עס? — עס נעמט זיך דערפון:

יידן זענען אַן עקסטרעם פאָלק, אַ צוויי־עקיק פאָלק בלויז.

אָדער עס ווערט צעשפּרונגען, שיטנדיק מיט שבחים אָן אַן עק;

אָדער עס נעמט חוזקן ביז עקל...

עס נעמט זיך דערפון:

וואָס מיר גלויבן זיך אַליין נישט, האָבן קיין צוטרוי נישט צו זיך אַליין.

וואָס מיר זענען די אייביקע טרוסן פאַר דער שוועל פון דער גויאישער וועלט...

אויך דער לעווין־טאַדל שטאַמט פון אונזער פחדנות. גאַנץ מעגלעך, אַז לעווין האָט זיך אויף זיין „פלי" אַפּטמאָל אויפגע־פירט נישט איבעריק פיין און טאַקטיש.

אָבער דאָס האָט מיטן עיקר נישט צו טאָן.

לעווין איז געפלויגן ווי אַ פּריוואַט־מענטש, נישט ווי אַ ייד.

און דערפאַר אַליין דאַרפן מיר אים זיין דאַנקבאַר.

ווייל, שטעלט זיך פאַר, ווען לעווין נעמט און פליט אויסגע־

שטאט מיט יידישקייט, ווי א העלד פון טאמאשעווסקיס אן אפע־
רעטע פון אמאל...

דאן וואלט דאך דערפון ארויסגעקומען א בופאנאדע...

לעווין איז געפלויגן פריער פון אלץ ווי א סוחר, און נאכדעם
ווי א שטיקל ספארטסמאן.

אפט האט אין אים גובר געווען דער ספארטסמאן, און אפט
דער קרעמער...

אבער דאס אלץ איז זיין פריוואטע זאך.

איך זאג זיך: ווען א קאמיטעט פון גאנצן אמעריקאנישן
יידנטום וואלט לעווינען אונטערזוכט דעם ארבע־כנפות און
בודק געווען די תפילין, און א „רעווערענד" וואלט אנגעקלאפט
א מזוזה אויף זיין לופט־שיף — וואלטן יידן אויך דאן געשריגן:

— ווער בעט אים צו פליען אין אונזער נאמען?

— ווער האט אים געשיקט?

— און וואס פאר א ייד איז ער? אויך מיר א ייד!...

— נישט גענוג ייד!

און ווען אפילו דער „יידישער קאנגרעס" וואלט לעווינען גע־
געבן א מאנדאט צום פליען, וואלט עס אויך נישט געהאלפן. יידן
וואלטן געוואלטעוועט:

— נישט קיין ריכטיקע וואלן!

— נישט קיין אמתער מאנדאט!

— מיר ווילן דעמאקראטישע וואלן!

— און פארוואס זאל עפעס לעווין פארן און נישט איך?!

— איך קען בעסער!

לעווין איז אבער געפלויגן אן א מאנדאט, ער האט קיינעם
נישט פארטראטן, חוץ זיינע קאפריזן, און דאס איז פאר מיר
א מעלה.

און ס'איז נישט זיין שולד, וואס מען האט אים אין ווארשע
געשטעלט נארישע פראגן און ביי אים געפאמפעט יידישקייט.

אויף נארישע פראגן גיט מען נארישע ענטפערס.

און א קאפריזנער מענטש לאזט זיך נישט פאמפען.

און בכלל זענען העלדן נישט מחויב צו זיין אויך חכמים...

קורץ: מיר זענען אומגערעכט צו די לעווינס.

און ווען מאיאָר וואָקער און קאָנגרעסמאַן האַמילטאָן פיש האָבן ביי דער לעווין־אויפנאַמע גערעדט פון ראַסן־פּאָראורטיילן, האָבן זיי פאַרגעסן אויך צו דערמאָנען דעם פּאָראורטייל, וואָס מיר, יידן, האָבן צו זיך אַליין...

דער זייגער גאָר?

טראַכט איך אַמאָל וועגן אונזער יידישער דערציאונג, יידישע שולן און דער צוקונפט פון יידיש אין אַמעריקע, — פאַרבלאָנדזשעט מיין בליק כמעט שטענדיק צום זייגער.

פאַרטשעפּעט זיך מיין בליק אָן די ווייזערס און בלייבט שטיין פאַרצווייפלט.

מיר הויבט זיך אָן דאַכטן, אַז אין אַלע אונזערע דערציאונגס־צרות איז שולדיק דער זייגער...

— דער זייגער גאָר?

— יאָ, דער זייגער!

מיר האָבן אַ סך שונאים פון יידיש אין אַמעריקע, אָבער דער זייגער איז דער גרעסטער שונא.

ער איז דער „העברעאישסטער״, קלינגענדיקסטער, אויסגעשפּראָכנסטער שונא אונזערער.

דער זייגער איז מיט אונז אין קריג.

דער זייגער פאַרפאָלגט אונז!

פאַר אַלעמען און אַלץ גיט דער זייגער אַוועק פריי זיין צייט.

ציילט שעהן ברייטוויליק.

— נאַט אייך שעהן, וויפל איר ווילט!

פאַר אונז אָבער, פאַר יידיש, איז ער אַ גרויסער קמצן.

אונז טיילט ער איין נישט מער, ווי איין שעה אַ טאָג.

און אָט די איין און איינציקע שעה איז אונזער אומגליק.

וואָס קאָן מען אין איין שעה אויפטאָן?

ווי קאָן מען אין איין שעה זיך ראַטעווען פון אַ 24־שעה־דיקער סכנה?

די שעהן פאַרפליִיצן אונז, מיר ווערן דערטרונקען.

און איין שעה — איז אַ קנאַפּער רעטונגס־גאַרטל.

און יידישע מענטשן שטרענגען זיך אָן ווי פּייערלעשער.

די שעה ברענט, פלאַקערט.

צוזאַמען מיט אונזער צוקונפט.

די שעה פאַרקלינגט צוזאַמען מיט אונזער שקיעה...

און אונזער האָפענונג אויף אַ זעלבסטשטענדיק יידיש וואָרט הענגט אויף די ווייזערס פון זייגער אַ פאַרחלשטע...

דער זייגער גאָר?

יאָ, דער זייגער!

קומט אַ יידיש קינד אַהיים, מיד פון שעהן־לאַנג לערנען פרעמדע תורות, ווייל עס גיין שטיפן, פרייען זיך, פריי זיין.

דערמאָנט זיך עס אָבער, אַז עס האָט נאָך אַ שעה פאַר יידיש.

כאַפּט עס אומצופרידן אַ קוק אויפן זייגער און לאָזט זיך לויפן אין דער יידישער שול אריין.

און אויפן וועג פאַרשפּילט זיך עס און פאַרשפּעטיקט.

און די יידישע שעה קריגט אַ פּגימה:

עס פעלט איר אָפּט אַ פערטל צו גאַנצקייט.

אָדער, אָט נעמט די יידישע מאַמע, די אייביק־גוטע, איבער־געטריִע יידישע מאַמע.

און אויך זי קוקט אויפן זייגער מיט פאַרדרוס.

זי קוקט אויף דער שעה, וואָס דער זייגער רייסט אָפּ פאַר דער צוקונפט פון יידישן קינד אין אַמעריקע — און זי קרימט זיך.

עס טוט איר ווי דאָס מאַמע־האַרץ: די שעה, וואָס יידיש נעמט צו, וואָלט דאָך איר יאָסעלע, בענעלע, הערשעלע, אָדער אברהמעלע, געקאָנט פאַרברענגען אויף דער פרייער לופט.

ס'איז אזא רחמנות אויפן קינד! גאַנצע טעג פאַרבערענגט עם אין סקול און נאָדיר נאָך אַן אַנשיקעניש אַ ש ע ה!

די יידישע שעה, די בת־יחידקע אונזערע, שטייט אַלעמען ווי אַ ביין אין האַלז.

קיינער איז מיט איר נישט צופרידן.

נ י ש ט ד אָ ס ק י נ ד.

נ י ש ט ד י מ ו ט ע ר.

נ י ש ט ד ע ר ל ע ר ע ר.

וואָס קאָן מען אין איין שעה ראַטעווען?

— דער זייגער גאָר?

— יאָ, דער זייגער!

וואָס־זשע בין איך אויסן? — גאָרנישט!

איך וויל זיך בלויז טיילן מיט מיינע ספקות און ווייטאָגן.

די ספקות און ווייטאָגן פון אַ גלויביקן־סקעפּטיקער.

אָפּט פאַרחלום איך זיך. און איך חלום פון אַ י י ד י ש ן ז י י ג ע ר, אַ זייגער, וואָס געהערט נאָר צו אונז! אַ זייגער, וואָס זאָל קלינגען איינגאַנצן נאָר פאַר אונז!

אַ זייגער, וועמעס טיק־טאַק זאָל זיין ריין־יידיש, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ יידיש האַרץ...

וואָס מיר דאַרפן זען, איז פּטור צו ווערן פון דער „יידישער שעה" אין אונזערע שולן.

זאָל די „יידישע שעה" בלייבן פאַרן ראַדיאָ. מיר מוזן פון איר פּטור ווערן!

איך, דער גלויביקער־סקעפּטיקער אָדער סקעפּטיקער־גלויבי־קער, שטיי אָפּט און קוק אויפן זייגער מיט ציטערניש:

ווען וועט שוין שלאָגן די שעה, און דער זייגער וועט פאַר אונז ציילן נישט נאָר איין געציילטע שעה?

איך וואַרט אויף דער צייט, ווען דער זייגער זאָל אויס־קלינגען:

— יידישע קינדער, מיין גאַנצע צייט איז אייערע!

— לערנט, קינדערלעך, וויפל איר ווילט!

אין דער פידל

מען טראָגט זיך אַרום בײַ אונז מיט קאָלאָניזאַציע־פּלענער.

מען וויל אונז אומקערן צוריק צו דער ערד... איבערבויען אונזער עקאָנאָמיק אויף נײַע יסודות...

אונז געזונט מאַכן — ווי מען זאָגט עס אין מליצה.

ס׳איז דאָס אַלטע ליד פון „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה״, איבערגעזונגען פון נײַע צונזערס...

דאָס זאָל זײַן, הייסט עס, אונזער לעצטע רעטונג...

ווילט זיך מיר נישט צעשטערן אַזאַ זיסן חלום, נאָר פאַר זיך, זאָג איך, אַז עס וועט נישט העלפן!

נישט אין ערד־אַרבעט ליגט אונזער ישועה.

דאָס איינציקע, וואָס קאָן אונז באמת העלפן — איז די פידל. אַלע ייִדן זאָלן ווערן כלי־זמר!

אין דער פידל איז אונזער רעטונג!

באַנקירערײַ — פאַרגינט אונז נישט די וועלט, דאָס שמעקט מיט עשירות.

קרעמערײַ — פאַרגינט מען אונז אויך נישט. אַ קראָם האָט צופיל פּענסטער צו דער גאַס...

בילדונג — פאַרגינט מען אונז אודאי נישט... זיי זאָגן, אַז זיי זענען פונקט אַזוי געבילדעט!

און ערד־אַרבעט וועט מען אונז אויך נישט פאַרגינען... און

אויב מיר זאָלן האָבן דערפאָלג ביי עוֹרד, וועט מען אונז אויך דערפאַר פיינט האָבן.

אָבער די פידל — וועט אונז די וועלט פאַרגינען!

און אַז איך פאַרטיף זיך אין אונזער טרויעריקער העלדן־געשיכטע, זע איך:

אַז דער גרעסטער העלד אונזערער, דוד, — איז געווען אַ פידלער.

אָנגעהויבן זיין גרויסע קאַריערע אַלס כלי־זמר.

און אַרויפגעאַרבעט האָט אים אויך דאָס פידעלע...

און וויפל שאול זאָל אים נישט געווען וועלן טרעפן מיט דער שפיז, — האָט ער נישט געקאָנט.

ווייל די פידל איז שטאַרקער פון דער שפיז...

און „כנור דוד”, גלויב איך, איז אפילו געווען ווירקזאַמער ווי דער שטיין, וואָס דוד האָט געוואָרפן אין גלית הפלישתי...

דאָס גרעסטע אומגליק אין אונזער געשיכטע איז, רעכן איך, נישט דער חורבן, נאָר דאָס, וואָס מיר האָבן אויפגעהאָנגען אונזערע פידלען אויף די ווערבעס פון בבל...

געוואָרן אוים כלי־זמר, הייסט עס.

יידן האָבן געליטן אויף אַלע געביטן — אָבער אונזערע וווּנדער־קינדער אויף דער פידל האָבן אפילו די רוסישע צאַרן אָנער־קענט.

און ווער איז נאָך גרעסער פון איינשטיינען? און ער האָט עס טאַקע תופס געווען די גרויסקייט פון דער פידל... צו אַלע גרויסקייטן — מוז ער נאָך האָבן דאָס קליינע פידעלע!

אַזאַ גרויסער וועלט־מענטש און געניאַלער שטערן־ציילער און דאָך, סוף־כל־סוף, ציילט ער די סטרונעס...

און ווען ער וויל העלפן באמת זיין פאָלק — גיט ער אַ קאָנצערט...

זאָל מיר פּראָפעסאָר יאָפע און ד״ר זשיטלאָווסקי מוחל זיין:

איך האַלט פון אונזער פידל־שפילן מער ווי פון אונזער ערד־אַרבעט.

שוין אָפגערעדט פון אונזער באַנקירעריי און דאָקטאָריי...

ווען יידן וואָלטן געשפּילט פידל — וואָלט זיי די וועלט גע־מוזט הערן!

און אפילו היטלער וואָלט מיט אונז שלום געמאַכט, ווען מיר קאָנצענטרירן זיך בלויז אויף דער פידל.

מיט ערד־אַרבעט — דאַרפן מיר מאַכן עקספּערימענטן, אָבער מיט דער פידל וויסן מיר, אַז מיר קענען!

שפּילן אויף אַ פידל איז אַ געבענטשטע פּראָפעסיע!

וווּ מען קומט — קאָן מען געבן אַ קאָנצערט. אויב נישט אין קאַרנעגי האָל — איז אויף אַ הויף...

אַ פידל איז אויך אַמגרינגסטן צו ראַטעווען — אין אַ צייט, ווען מ'מוז אַנטלויפן.

מען כאַפּט דאָס שעכטל מיט דער פידל אונטערן אָרעם און מען מאַרשירט!

אַלע מענטשן, און אַפילו די ערגסטע גוים, האָבן רעספּעקט פאַר פידל און כלי־זמר.

יאַשאַ חפץ אָדער מישאַ עלמאַן האָבן מער אָנזען אויף דער וועלט, ווי, למשל, וואָלט איך געזאָגט, דער פאַרשטאַרבענער לעאָ מאָצקין.

מאָצקין האָט זייער שווער געאַרבעט מיט אונזער גלות־אָר־קעסטער.

ער איז געווען אַ דיריגענט אַ סך אַ גרעסערער, ווי ברונאָ וואַלטער, אָבער אַזוי ווי זיין אָרקעסטער איז באַשטאַנען פון „יידישע צרות" — האָט ער נישט געהאַט קיין דערפאָלג...

ווען ער האָט אַן אָרקעסטער פון כלי־זמר — וואָלט ער גע־וויזן גבורות.

אַך, ווען מען קאָן אַלע יידן אין דער וועלט מאַכן פאַר וווּנדער־קינדער אויף דער פידל!

דאָס איז אַ סך פּראַקטישער, ווי ערד־אַרבעט און אַפילו ד"ר פאָרענבערג וואָלט צוגעשטימט...

איך גלויב, אַז פאַר אונז, יידן, בלייבט די איינציקע רעטונג, עקאָנאָמיש און גייסטיק — די פידל!

און אַזוי ווי די וועלט איז גרויס און מיר זענען, נאָך אַלע־

מען, אַ מיעוט צווישן די פעלקער — קאָנען מיר מאַכן אַ לעבן פון דער פידל.

זאָל זיי בלייבן די שווערד און דער אַקער — אונז די פידל.

זאָלן זיי פירן די וועלט — מיר וועלן פירן מיטן סמיק אויף די סטרונעס.

מיר קאָנען ווערן אַ פּאַראייניקט פידל־יידנטום!

און די אחדות, וואָס מיר קאָנען נישט דערגרייכן אַזוי, וועלן מיר דערגרייכן דורך דער פידל.

און ס'איז וואַרשיינלעך, אַז ד"ר אַדלער און ראַבי וויז זאָלן זיך אויך אייניקן אַרום דער פידל!

און די פעלקער־ליגע זאָל אונז אַריינגעמען אין דער משפּחה אויך אין דעם זכות פון דער פידל.

און אויך זשאַבאָטינסקי זאָל זיין צופרידן.

איך זאָג זיך מיינס: לערנען די וועלט קאָנען מיר נישט!

מיר האָבן טויזנטער יאָרן מיט זיי געקנעלט — און גאָר־נישט!... אונזער תורה נעמט זיך נישט אָן... די פּאַרשטאָפּטע קעפּ נעמען זי נישט אויף.

שוין גענוג געקנעלט!

און האַנדלען — לאָזן זיי אונז נישט. זיי קענען שוין אַליין.

און מעדיצין קענען זיי אויך...

און צו ערד־אַרבעט וועלן זיי אונז אויך נישט צולאָזן. ווען מיר, יידן, גיבן זיך פייערדיק, אויף אונזער שטייגער, אַ נעם צו דער ערד — וועלן די גוים גלייך אָנהויבן שרייען, אַז מיר פאַר־כאַפּן די גאַנצע ערד!

אָבער די פידל וועלן זיי אונז לאָזן...

און מיר וועלן שפּילן פאַר דער וועלט און זי איינוויגן אין די זיסטע מעלאָדיעס פון פרידן און גליק...

און דער „כנור ישראל" וועט זיך באַפעסטיקן אויף דער ערד און דער עיקר: מיר וועלן עקאָנאָמיש קריגן אַ מעמד (מיר וועלן שטיין אויף די הויפן פון גאָר דער וועלט).

קוקן מיר אַלע

אַכט ליכטלעך — אַכט אויגן.
קוקן אויף מיר די אַכט אויגן מיט געבעט און הכנעה.
— לעש אונז נישט אויס!
— פאַרלעש אונז נישט מיט געוואַלט!
— היט אונז פאַר אַ ווינט!
— היט אונז פון בייזע, פרעמדע, קאַלטע הענט און מויל!
— לעש אונז נישט אויס!
— ווייל מיר זענען אַזעלכע עלנטע דאָ... און פרעמדע...
— ווייל מיר ווילן לעבן, לייכטן און באַלייכטן, כאָטש מיר זענען אַזעלכע קליינינקע און דאַרינקע...
אַכט ליכטלעך — אַכט אויגן.
קוקן די אויגן אַזוי טרויעריק און אָרעם־פּייערדיק.
קוקט אין די אַכט אויגן מיין ייִנגעלע מיט זיינע ליכטיקע אויגן.
קוקט און וואונדערט זיך:
— וואָס זענען דאָס פאַר אַ ליכטלעך?
— פאַרוואָס אַזעלכע דאַרע, קליינע און געלע?
— און צו וואָס?
וווּ איז דאָ די שיינקייט און פרייִלעכקייט?
— ברענען דען די ליכטלעך פון קריסטוס־בוים נישט שענער און לוסטיקער?

קוק איך אין מײַן ייִנגעלעם ליכטיקע אויגן און בין אומ־רואיק.

פּאַרטיף איך זיך אין מײַן ייִנגעלעם ליכטיקע אויגן.

כ׳וויל זען, צי ברענט נאָך אין זײַ אונזער ליכט, אונזער פײַער פון דור־דורות.

דאָס אײביקע פײַער אונזערס...

בלאַנדזשע איך אין דעם פײַער פון מײַן זונס ליכטיקע אויגן.

בלאַנדזשע און קאָן נישט געפינען דעם וועג.

אָט דאַכט זיך מיר: אין זיי ברענט נאָך אונזער פײַער און עס וועט נאָך ברענען!

אײביק, אײביק ברענען! קײנער קאָן אים נישט אויסלעשן פון די ייִדישע אויגן...

און אָט הויבט זיך מיר אָן דאַכטן, אז נײַן!

אז ס׳איז שוין נישטאָ מער! אז אונזער פײַער איז שוין לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן אין מײַן קינדס אויגן, און אז דאָס ליכט פון מײַן זונס אויגן איז פרעמד און קאַלט צו דעם ליכט פון די אַכט אויגן — אַכט ליכטלעך, וואָס קוקן אויף מיר אַזוי טרויעריק, אָרעם־פײַערדיק...

אַז אין די אויגן פון מײַן קינד ברענט שוין דאָס ליכט פון דער פרעמדער גאַס און קריסטלעכער סביבה!

און אָט באַמערק איך אַפילו אין דעם דאָס ליכט פון דעם קריסטטום־בוים...

און איך דערשרעק זיך.

מיר ווערט אַזוי אומעטיק... איך דערפיל זיך אַזוי עלנט און פרעמד, מיט מײַן קינד...

און איך שעפּטשע:

„בימים ההם... ובזמן הזה"...

און איך געפין נישט קיין שײַכות... דער בימים ההם שטייט זיך באַזונדער, עלנט, אין אַ ווינקל, ווי אַ גרינער...

און דער „בזמן הזה" שטייט מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ, אַ פרעמד לשון אין מויל, און אַ פּילקע אין האַנט — און ביי־ביקעט!...

און איך קוק אריין אין מיין קינדס אויגן און בעט זיך:
קינד מיינס, פארלאָז אונז נישט! טו עס נישט! קוק אויף די אכט ליכטלעך, די אכט פּאָר אויגן און צי פון זיי פייער פאר דיין פייער, גלויבן פאר דיין גלויבן...
קינד מיינס, קוק נישט, וואָס די ליכטלעך זענען אזוי קליין.
אין זייער קליינקייט ליגט אַזויפיל גרויסקייט.
קוק דיך צו צו זיי, און זיי וועלן דיר דערציילן פון וואונדער, פון גבורה און גבורים... שיינע מעשיות.
זון מיינער, נעם מיט זייער ליכט אין דיינע אויגן און זיי וועלן דיר באַלייכטן דעם וועג, דעם גרויסן וועג, וואָס ציט זיך פון „בימים ההם" ביז „זמן הזה".
אונזער וועג, דער שטיינערדיקער, דער שווערער, אייביקער...
קוקן מיר אַלע.
קוקן די אכט אויגן אויף מיר און מיין קינד, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן:
— קוקט אויף אונז, קוקט וואָס מער! קוקט שטאַרקער און טיפער!
— און זאָלן מיר זיך אַלע צוזאַמענגיסן אין איין גרוים ליכט!...
קוקט אויף מיר מיין זון מיט זיינע ליכטיקע אויגן, ווי ער וואָלט געפרעגט:
— טאַטע, וואָס זאָל עס באַדייטן?
— וואָס קוקן אויף מיר אַזוי טרויעריק־פאַרבענקט די אכט אויגן?
קוק איך מיט צעשראָקענע אויגן אויף די אכט אויגן און וויל זיי טרייסטן:
— שרעקט זיך נישט! איר לעשט זיך נאָך נישט אויס! איר וועט נאָך לעבן!
קוק איך אין די ליכטיקע אויגן פון מיין קינד, ווי איך וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן:
— זענען נאָך די אויגן אונזערע? וועלן זיי נאָך קוקן מיט

יידישע אויגן אויף אונזער געשיכטע, אויף אונזער טרויער־וועג, אויף אונזער צוקונפט?

קוקן מיר אַלע...

און אין הויז ווערט אַזוי אומעטיק. שאָטנס פון פאַרגאַנגענהייט שלייכן אַרום פון די ווינקלען און דערציילן פון אונזער גבורה פון אַמאָל...

און ספקות, ווי טייוואָלים, טאַנצן אַרום און שטעלן אַרום צינגער... ס'איז גאָרנישט... ס'איז אַלץ געווען אַמאָל... אַמאָל בלויז...

און אינדרויסן פייפט דער ווינט און לאַכט ווי אַ גאַסן־יונג.

גע׳שלאָגט יידן אין מעקסיקע

אַלע מאָל הויבט זיך עס אָן אַזוי:
יידן זוכן אַ נייעם צענטער פאַר אויסוואַנדערונג.
ווי תמיד, זוכן מיר דעם נייעם צענטער מיט טויזנטער אויגן.
ווייל מיר מוזן אים האָבן.
פאַר אונז איז עס נישט קיין לוקסוס — נאָר אַ נויטווענדיקייט.
נאָכמער: אַ רעטונג פון אַ פייער.
ווייל תמיד ראַטעווען מיר זיך פון אַ פייער און מוזן שפּרינגען...
און מיר מוזן האָבן באָדן אונטער די פיס, ווּהין אַרונטערצושפּרינגען.
און ווען מיר קריגן, נאָך פיל זוכעניש אויף דער וועלטקאַרטע, אַ ניי שטיקל באָדן, אַ ניי לאַנד, אָדער לענדל, פאַר אויסוואַנדערונג — הערשט ביי אונז גרויס פרייד.
מיר באַטראַכטן עס ווי אַ ישועה, אויב נישט פאַר אַלע, וואָס מוזן שפּרינגען, איז כאָטש פאַר אַ טייל...
און דאַן הויבט זיך אָן דאָס עמיגרירן.
דאָס לויפן פון פייער, דאָס ראַטעווען זיך...
און ווען מיר קומען אָן אין דעם נייעם לענדל, רייבן מיר אויס די אויגן:
— צו וואָס נעמט מען זיך?

כאפּט זיך א טייל אין איילעניש צו אַרבעט: מלאכות פון דער היים.

און א טייל — צו האַנדל: קליין־קרעמעריי פון דער היים.

און יידישע קינדער שטרענגען זיך אָן — און עס גייט אַוועק א גאַנג — פון נישקשה גייט צו בעסער...

און אָט איז שוין כמעט גאָר גוט...

מיר הויבן זיך אָן איינצואָרדענען, אויפשלאָגן אויף שנעל ביידלעך...

און צוזאַמען מיט די היימישע מלאכות און קליין־קרעמעריי, ברענגען מיר אויך אַרונטער אונזער ביסל יידישע קולטור:

חוץ תלמוד־תורות, שולן און ציוניסטישע פאַראיינען, עפע־נען מיר אויך א צייטונגל.

און א קולטור־געזעלשאַפט.

און צעטיילן זיך אויף „לינקס" און „רעכטס".

אַלץ איז אָרעם — אָבער מאָדנע יום־טובדיק.

אַלץ אין מיניאַטור — אָבער דערפאַר טאַקע איז עס שיין!

און די באַלעבאַטים פון לאַנד, אונזערע שכנים, קוקן אונז אָן מיט גרויס נייגיר און פאַרווּנדערונג:

— מאָדנע מענטשן.

— ווי פלינק זיי אָרדענען זיך עס איין!

— ווי פעאיק זיי פירן דעם מסחר!

— ווי קונציק זיי שטעלן עס אויף זייערע ביידלעך.

און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ליב די נייע ישובים אונזערע!

ווען איך, אין ניו־יאָרק, קריג א צייטונגל פון מעקסיקע צי פון קובאַ — איז עס ביי מיר א יום־טוב.

אָרעם און דאַר קוקט אויס יענץ צייטונגל — אָבער עס גע־פעלט מיר.

עס איז דאָ דערין אידעאַליזם און נאַאיוויטעט, א גרויסער ווילן צו לעבן, און א גרויסער אָנזאָג אויף א צוקונפט.

עס שמעקט פון איר מיט פּיאָנער...

און עס זאָגט מיר עדות, אַז מיר זענען איין פֿאָלק מיט איין קולטור.

און דער עיקר: איין ריזיקע לעבנס־פּעאיקייט אומעטום!

און אַביסעלע שפּעטער, ווען מען קריגט פֿון דאָרטן אַ בוך, טאַקע אין אָט דעם נייעם ישוב געדרוקט, איז עס גאָר אַ יום־טוב.

מערסטנס איז דאָס בוך — לידער.

און איר חידושט זיך: אָט ערשט האָט יענקל געשטעלט זיין פֿוס אויפֿן נייעם באָדן — און ער זינגט שוין!

און נישט ער זינגט, נאָר ער באַזינגט, און מיט אַזויפֿיל ליבע, דעם נייעם ישוב!...

און עס איז אַזוי מאָדנע...

* *

*

און מיט אַמאָל קומט אַ ידיעה:

אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, מען שלאָגט יידן...

און דער יום־טוב פֿאַרשווינדט.

אוים!...

דער נייער ישוב ווערט אַ טייל פֿון דעם אַלטן. ער ווערט איינער פֿון די גלות־לענדער.

ווי אַלע... ווי אַלע!...

און עס הויבט זיך אָן דערזועלבער עסק: מיט לויפֿן צו די האַרן פֿון לאַנד, אָפּשרייען די גזרות! מיט פּראָטעסט־מיטינגען און הילפֿס־פֿאָנדן.

ווי אומעטום!...

ביז נישט לאַנג האָב איך פֿון מעקסיקע געהאַט בלויז נחת.

אַריינגעקוקט אין זייערע צייטונגלעך, קליין, אָרעם, — אָבער פֿיאָנעריש, יום־טובדיק.

איך האָב געלייענט מיט גרויס נייגיר, ווי יידן אָרדענען זיך דאָרט איין.

מען שלאָגט אויך געצעלטן.

מען בויט, מען קריגט זיך אַפֿילו...

און אַט קומט פון דאָרט אַ ביכל לידער, יידישע פּאָעזיע אַזש פון מעקסיקע!

ווי מאָדנע, ווי טשיקאַווע, ווי וווּנדערלעך!
און עס ווילט זיך באַגריסן, דערמוטיקן:
שרייבט, יידן, שרייבט!
זינגט, יידן, זינגט!

אָרדנט זיך איין, יידישע קינדער, און ווייזט, אַז מיר זענען איין פאָלק מיט איין גרויסן ווילן צו לעבן — איבער דער גאַנצער וועלט.

און בעת־מעשה האָבן מיר גאָר פאַרגעסן אין די מעקסיקאַנער!

אַ האַלב־ווילד און קריגעריש פאָלק — אָבער אונז וועלן זיי נישט טשעפּען.

ווייל איר זעט דאָך... אַז זיי טשעפּען נישט!...

* *
*

און מיט אַמאָל אַ ידיעה:

דאָ, ווי אומעטום, ווייל מען נישט ליידן אונזער קרעמעריי.

בעסער געמערדט, אונזער גרויסע פעאיקייט איינצואָרדענען זיך...

מען פאַרגינט אונז נישט — אונזער פלינקייט אויפצושלאָגן געצעלטן.

ווי אומעטום...

און יידן אין מעקסיקע זענען דערשלאָגן... אוים יום־טוב!
דער יונגער ישוב — ווערט אַן אַלטער.
באַלד ווי רומעניע און ליטע און פּוילן...
מען נעמט אַוועק ביי אונז פּרנסה.

* *
*

נאָר דאָך פאַרצווייפלען דאַרף מען נישט.
אַז מען וויל, קאָן מען זאָגן:

אַז יעדער ערשטער אויסברוך פון שנאה צו אונז, אין אַ נייעם ישוב — איז אַ צייכן נישט נאָר פון אונזער הילפסלאָזיקייט און שוואַכקייט — נאָר אויך שטאַרקייט.

עס איז אַ סימן — אַז מיר ווערן קענטיק, אָנגעזען אין אַ לאַנד!

אַ באַוויז — אַז מיר באַפעסטיקן זיך און פאַרנעמען פּאָזיציעס.

ס'איז זיכער נישט גוט — נאָר מיר דאַרפן זיך נישט אָפּשרעקן.

מיר גייען זיך אונזער וועג!

מען טרייבט אונז אַרוים פון איין באַשעפטיקונג, זוכן מיר אויס אַ צווייטע.

ווייל זוכן — מוזן מיר!

ווייל לעבן — ווילן מיר!

אַביסעלע צולהכעיס דער וועלט, און אַביסעלע אויך, ווייל מיר האָבן אַ געזונטן אינסטינקט פאַר לעבן...

חסידים־שטיבלעך

איך בין געווען אויף א באנקעט, וואס יונגע קאמוניסטן האבן געגעבן דעם זיידן ווינטשעווסקי לכבוד זיין אפפארן קיין סאוויעט־רוסלאנד.

און איך האב פון דעמדאזיקן באנקעט זייער פיל געלערנט.

איך האב געלערנט, אז פארטייען זענען גארנישט אזוי שעדי־לעך, בפרט יידישע פארטייען. און אז אפילו יונגע יידישע קאמו־ניסטן זענען גאר פיינע און ווילע יידישע קינדער...

איך בין געזעסן ביי איינעם פון די טישן, געגרייט מיט הע־רינג, ציבעלע, שווארץ ברויט, ציין־שטעכערס, פרוכטן און סאדע־וואסער. עכט־פראלעטאריש, און ליטוויש־פראלעטאריש דערצו, איך האב געקוקט אויף די יונגע פנימלעך פון די יידישע קאמו־ניסטן. געזען די קינדער, וועלכע האבן זיך ממש געהאנגען אויפן האלז פון „זיידן", געהערט די עכט־יידישע געזאנגען, אפילו פון דעם „אינטערנאציאנאל" — און זיך געזאגט:

יידישע קינדער, ווי פיין איר זענט! יידישע קינדער, ווי ליב איך האב אייך נאך אלעמען!

רעוואלוציע אהין, רעוואלוציע אהער — דריטער אינטערנא־ציאנאל, פערטער, פינפטער, זעקסטער — חסידים זענט איר דאך גאר! נישט געקוקט אויף דעם, וואס אויף דער וואנט העננט א גרויסער פארטרעט פון ניקאלאי לענין, מיט זיין פרעמדן מאנ־גאלישן פנים — האט דער זאל פון באנקעט אויסגעקוקט פאר מיר, ווי א חסידים־שטיבל... אן אמת חסידים־שטיבל!

און איך האָב געקוקט אויף די יונגע, באַגייסטערטע פּנימער און געזוכט דעם „רבין”, וואָס זאָגט דאָ תורה. און כאָטש קיין רבי איז דאָ נישט געווען, אָבער אַ רבינס טיש — יאָ...

דיזעלבע חסידות, דאָסזעלבע תורה־הערן, דערזעלבער ברען.

יידישע קינדער זענען אומעטום גלייך!... „ביים רבינס טיש”, ווי ביים טיש אויף אַ באַנקעט לכבוד אַ קאָמוניסט...

יידן ווילן שטענדיק ברענען. יידישע קינדער זוכן תמיד פייער, ווו זיך אָנצוּוואַרעמען, ווילן זיך תמיד באַהעפטן מיט עפּעס אַ שכינה, צו עפּעס זיך צוטוליען... דאָס איז דער עלנט פון דער וועלט, וואָס טרייבט זיי דערצו...

ווו פּאַרטיי? ווער פּאַרטייאישקייט? ווו באַוועגונג? ווער באַוועגונג? איצט ליקן איך עס! — נישטאָ קיין פּאַרטייען ביי יידן!

דאָס זענען ביי די גוים דאָ פּאָליטישע פּאַרטייען. ביי אונז זענען נאָר דאָ חסידים־שטיבלעך...

דאָס שפּילט ביי די גוים אַ ראָליע „טרוקענע דאָגמע”, „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם” — ביי אונז שפּילט די גרעסטע ראָליע גאָר דאָס חסידן זיך.

מיין אַלערהעכסטן רעספּעקט פאַר דעם יידישן טיש! פון אייביק אָן איז דער טיש ביי אונז געווען דער „זייל” פון דער פאַמיליע, שבת ווי אינדערוואָכן.

דער געגרייטער טיש — דאָס איז די בעסטע פּאַרטיי ביי אונז.

דאָס טישטוך — די בעסטע, פאַרשפּרייטסטע פּראָגראַם.

אויף פאַרזאַמלונגען, אין „האָלס” און אין זאַלן — קאָן מען זיך ביי אונז נישט אייניקן, קריגט מען זיך. רייסט מען זיך. אַי, אַ געוואַלט! כלומרשט עס איז דאָ חילוקי־דעות... אָבער ביים טיש פאַראייניקן זיך אַלע... איין משפּחה!

און נישט נאָר ביי קאָמוניסטן, נאָר אפילו ביי די ציוניסטן איז אַזוי.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דוקא זינט מען האָט ביי די ציוניסטן איינגעפירט די באַנקעטן און „לאָנטשעאָנס”, אַלס דעם „יסוד” פון ציוניזם און געלט־זאַמלונגען — זענען צום ציוניזם

צוגעצויגן געוואָרן די פרעמדע עלעמענטן, ווי די מאַרשאַלס, די בראַונס, די ראַבי סילווערמאַנס און אַנדערע.

אויף אַ בימה זענען מענטשן באַזונדער, רעדן זיי ווי עקשנים, ביי אַ טיש ווערן זיי מחותנים...

און דערפאַר זאָג איך: יידן! האַלט אָן די מאָדע פון טיש־שמחות! ווייל כל־זמן דער טיש שטייט פּעסט צווישן אונז, וועלן ביי אונז לעבן באַוועגונגען.

איך האָב געזען די יונגע יידישע קאָמוניסטן ביי זייערס אַ שמחהלע מיטן „זיידן".

און איך האָב פעסטגעשטעלט: אַז פּאַר אַ רעוואָלוציע אין אַמעריקע איז זיך גאָר נישטאָ וואָס צו שרעקן! אַזעלכע יידן מעגן מאַכן רעוואָלוציעס!

אויב שרעקן זיך, דאַרף מען פּאַר גויאישע רעוואָלוציעס!

ווייל אין תוך מיינען יידישע קינדער עפּעס אַנדערש אונטער דעם וואָרט קאָמוניסטישע איבערקערעניש... בלוט? חס וחלילה! דאָס איז גיכער דבקות פון שיר־השירים... ראָמאַנטיק... שכינתא בגלותא... אַ „ברית" מיט דער מענטשהייט...

יידישע קינדער זוכן נישט קיין פּאָליטישע רעוואָלוציעס — נאָר גיכער דעם וועלט־יושר... דאָס, וואָס עס האָבן געזוכט די נביאים, פון אייביק אָן און נישט געפונען...

יידישע קינדער זענען אומעטום דיזעלבע, יונגע קאָמוניסטן, ווי די „צעירי־מזרחי", דאָס זענען דיזעלבע „חסידים", נאָר מיט אַן אַנדער „רבין"... ס'איז דערזעלבער טיש, און דאָסזעלבע „פּראַווען", מיט דערזעלבער מימיק אַפילו — נאָר אונטער אַן אַנדערן אויסרייד...

ס'איז נישט מער, ווי אַן אויסרייד!...

און אָט האָב איך געקוקט אויף דעם מאָנגאָלישן פּנים פון הבר לענין אויף דער וואַנט און עס האָט זיך מיר באַלד אָנגע־הויבן דוכטן, אַז נישט ער הענגט עס גאָר, נאָר ד"ר הערצל, אָדער דער ווילנער גאון... דער טאַלנער... ווייל נישט דאָס, וואָס לענין איז פאַר די רוסן, איז ער פאַר אונזערע יידישע קינדער...

זיי זוכן אין אים עפּעס אַנדערש, מיר ווידער עפּעס אַנ־

דערש... זיי זעען אין אים אַן אויסלייזער פון דעם הייליקן רוס־לאַנד, מיר — אַן אויסלייזער פון דער גאַנצער וועלט. זיי זעען אין אים אַ קעמפער פאַרן פּראָלעטאַריאַט, מיר — אַ קעמפער פאַר וועלט־גערעכטיקייט...

יידישע קינדער זענען נישט קיין סאָציאַליסטן — זיי זענען תמיד עפּעס מער פון דעם...

אַט דאָס האָב איך געלערנט, זיצנדיק ביים טיש פון די יונגע יידישע קאָמוניסטן, ביים טיש מיט הערינג, ציבעלע און שוואַרץ ברויט...

אויף דער יידישער גאַס

דיסקוטירט מען ביי אונז:
וווּהין גייט דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום?
איז ווייס איך נישט, וווּהין גייט עס, אָבער איך גיי אין גאַס.
ווען מיר ווערט אומעטיק, ווען איך ווער אַמאָל פאַרצווייפלט
אין הויז.
און ווען פאַר מיר גיט אַמאָל אַ ציטער אויף אונזער אונטער־
גאַנג — לויף איך אין גאַס, אויף דער יידישער גאַס.
און אין גאַס געפין איך טרייסט.
דוקא אין גאַס.
אויף דער יידישער גאַס זע איך נאָך זיי. זיי, די זקנים, די
אַלטע יידן, מיט די גרויע בערד.
און זיי זענען מיין טרייסט.
און איך זאָג זיך:
כל־זמן זיי זענען דאָ, זענען מיר זיכער פון אונטערגאַנג.
אָט רוישט די גאַס.
ברומט, לויפט, יאָגט.
קינדער, יידישע, קערן איבער די גאַס. אויף אַ גויאישן שטיי־
גער. קיין יידיש וואָרט הערט מען נישט. אַ לשון אַ פרעמדס, נישט
אונזערס, זשומעט פון אַלע זייטן.
די קינדער, זיי יאָגן אָן אַ אומעט.
אָבער איך זאָג זיך:

כל־זמן אַרום די קינדער זענען דאָ די זיידעס, וועלן אויך די קינדער נישט אינגאַנצן אַוועק פון אונז.

זיידעס! זיידעס!

די געגנוואַרט לויפט צו דער צוקונפט, אָבער די פאַרגאַנגענ־הייט האַלט זי אָפּ:

— פּאַוואָליע! לויפט נישט אַזוי!

— קוקט זיך אום אויך אויף מיר!

— איך בין נאָך אויך דאָ!

— די פאַרגאַנגענהייט איז אויך עפּעס ווערט!

און איך גיי זיך אום אויף אונזער גאַס און איך טראַכט אַמאָל:

אונזער קיום, אונזער צוקונפט, ליגט נישט אין דער יוגנט, נאָר אין די זקנים מיט די בערד.

אונזער זיכערקייט ליגט אין דעם, וואָס אויך אונזערע היינ־טיקע קינדער וועלן אַמאָל אַלט ווערן.

און וויבאַלד אַלט — וועלן זיי ווערן צוריק יידן.

אָט דאַכט זיך מיר:

אַז אין דעם שטילן גאַנג פון דער עלטער איז פאַרבאָרגן אונזער טראָט פאָראויס.

און איך שפּאַציר איבער דער יידישער גאַס און איך קוק זיך איין אין די פּנימער פון אונזערע זקנים.

ניין, מיר וועלן לעבן!

אין זיי איז דאָ אַזויפיל זיכערקייט!

ביי זיי איז דאָ אַזויפיל אמונה!

און די אַלטע וועלן נישט אויסגיין פון דער יידישער גאַס.

אמת, די טויערן פון לאַנד זענען פאַרשלאָסן, אָבער מיר ווילט זיך גלויבן, אַז אַלטע יידן מיט פיינע בערד וועלן אַלץ אַריינ־קומען.

זיי וועלן זיך אַריינטראָגן אויף די פליגלען פון אונזער האָפענונג.

נאָר נישט פאַרצווייפלט!

אפילו ווען צ ע ן אלטע יידן וועלן בלויז בלייבן, וועט נאך אלץ דא זיין א מעמד.

און אמאל, פאסירט, איך גיי אום איבער אונזער גאס און טראכט:

— ווי אזוי מאכט מען, אז זקנים זאלן נישט פארשווינדן פון אונזער גאס?

ווי פארלענגערט מען זייער לעבן?

ווו נעמט מען דעם לעבנס־עליקסיר?

אריכות ימים! אריכות ימים! איז דאס נויטיקסטע, וואס די יידישע גאס דארף איצט האבן.

אמאל באפאלט מיך א שרעק צו בלייבן מיט אונזער יונג־ווארג אליין אין גאס.

עס הויבט זיך מיר אן דאכטן, אז א כוח. אז אלץ גייט אונטער.

ווער זענען זיי?

וואס ווילן זיי?

וועמען פארטרעטן זיי?

פוסט, פוסט! נישטא קיין אנהאלט.

און אמאל פאסירט, איך שפאציר ארום א היפשע צייט אויף אונזער גאס און באגעגן נישט קיין יידישן זקן.

דאן דערשרעק איך זיך ממש, איך דערפיל זיך דא אן אי־בעריקער.

אט גייען מענטשן, זיי דארפן זיין יידן, אבער זענען זיי דען?

עס איז ספק־יידן.

זיכער מיט זיי בין איך נישט.

געגאלטע, פייפנדיקע. ווער זענען זיי? און איך הויב אן זוכן אין זיי סמנים פון יידן.

אבער ס'איז שווער.

אמעריקע האט שוין כמעט אפגעווישט דעם גלות פון זייערע פנימער.

עס איז א נייער ייד, מיט א נייעם פנים, אפשר? אבער ער איז מיר גארנישט צום הארצן!

און מיר ווערט שרעקלעך אומעטיק.
און מיר ווילט זיך לויפן און קויפן אַ שיפס־קאַרטע און פאָרן אויף יענער זייט ים.
קיין פוילן, קיין ליטע, קיין פּאַלעסטינע.
איך וויל זען מיין אַמאָליקן יידן, איך דאַרף אים אַזוי נויטיק!
אָבער אָט דערזע איך פונוויטן אַן אַלטן יידן מיט אַ קאָשיק עפּל.
איך קען אים שוין פון יאָרן.
אַ פיינער זקן.
געבויגן, אַלט, און די באָרד איז ווייס, אָבער ער האַלט זיך ווירדיק.
אַ ליבער ייד.
און איך לויף אים אַנטקעגן, און עס ווילט זיך מיר כמעט אויסשרייען:
— זיידע, דו לעבסט נאָך?
— שוין אַזוי לאַנג דיך נישט געזען!
— זיידע, לאַנג, לאַנג זאָלסטו אונז נאָך לעבן!
— אָן דיר, זיידע, איז מיר אומעטיק אַזוי!
און איך קויף בײַם זיידן צוויי עפּל, און איך גיי ווייטער שוין אַ געטרייסטער.
און אָט קומט מיר אַנטקעגן נאָך אַ זיידע, שוין מיט ציי־טונגען.
אַ טייערער אַלטיטשקער. ער רופט אַזוי ליב אויס די נעמען פון די ציי־טונגען.
און איך קויף ביי אים אַלע יידישע ציי־טונגען און איך פיל דאָס גליק, וואָס באַלויכט זיין אַלט פּנים.
— אַזאַ פּדיון!
און איך בין שוין גאָר צופרידן.
און ווען איך קום אַהיים צו זיך, בין איך שוין ווידער מוטיק:
— ניין, מיר גייען נאָכנישט אונטער!
— אונזער גאַס האָט נאָך געגוג יידישע זקנים!

— און ווען זיי ווען אמאָל אויסגיין, האָב איך א פּלאַן — ווען מיר מוזן אראָפּברענגען אהער אַלטע יידן פון אייראָפּע.

מען וועט מוזן פועלן ביי דער רעגירונג, זי זאָל עס אונז דערלויבן.

מיר וועלן אראָפּברענגען זקנים פון דאָרטן, ווי מיר ברענגען איצט חזנים, רבנים און אקטיאָרן.

מיר וועלן דער רעגירונג דערקלערן, אַז דאָס גייט אונז ממש אין לעבן.

אַז דאָס באַלאַנגט אויך צו אונזער רעליגיע.

אַז אָן יידישע זקנים, קאָן קיין יידישע געמיינדע נישט זיין.

און לאָמיר האָפן, אזוי ווי די רעגירונג האָט אונז אמאָל דערלויבט וויין פאַר דער עקזיסטענץ פון קידוש, וועט זי אונז דערלויבן זקנים פאַר אונזער קיום אין גלות. נאָך אַלעמען איז אונזער עקזיסטענץ א פּיל העכערער ענין, ווי קידוש.

— — — — — — — — — — —

ליבע אַלטיטשקע, טייערע יידישע זקנים, נאָר מיט אייך זע־גען מיר זיכער, אז מיר וועלן לעבן. איר זענט אונזער דערמאָנער.

איר דערמאָנט אונז, אז מיר קומען פון ערגעץ, אַז מיר זענען נישט גלאַט אזוי פון דער ערד ארויס.

אין געטאָ צוריק

ווען מען קוקט זיך צו גוט צום יידישן לעבן און זיינע וואר־פענישן — זעט מען איין — אז מיר מוזן האָבן א געטאָ!

אז נישט באפרייען זיך פון די ווענט פון געטאָ דארפן מיר, נאָר גאָר אויפשטעלן נייע געטאָ־ווענט, אָדער לכל־הפחות אָפּהיטן די אַלטע.

ג ע ט אָ — מ י י נ ט פ א ר א ו נ ז ל ע ב ן !

געטאָ — באדייט פאר אונז קאָנצענטרירונג (נישט נאָר פון פושקארטס), פאראייניקונג פון גייסט, רעספּעקט פאר טראדיציע און אריכות־ימים.

מיר מוזן האָבן א געטאָ!

דער געטאָ מוז נישט דוקא זיין א פארשטיקטער און א פאר־שטויבטער — ער קאָן זיין מיט אַלע מאָדערנע באקוועמלעכקייטן.

מאָדעל־הייזער וועט אויך אונזער געטאָ נישט שאטן — אָבער דער עיקר — מיר מוזן בלייבן אויף איין אָרט!

איסט־בראָדוויי און העגרי־סטריט האָבן אונז א סך געגעבן. קיין שום בראָדוויי קאָן אזוי שנעל פאר אונז נישט ווערן אן איסט־בראָדוויי.

אין געטאָ צוריק!

אָן א געטאָ זענען מיר אויף צרות!

די באפרייאונג פון געטאָ — מיינט פאר אונז, דאָס באפרייען זיך פון אַלע גייסטיקע יאָכן און נויטן.

געטאָ — מיינט אַ וועלט פאַר זיך. מ י י ן ו ו ע ל ט!

געטאָ מיינט — אַן אייגן ווינקל, מיט כאַראַקטער, קאָליר און אינהאַלט.

אויף די גרויסע גאַסן פון דער וועלט — לאָמיר מאַכן אַ שפּאַציר און הנאה האָבן, ווי ווער עס קאָן.

מיר קוקן און באַוווּנדערן פרעמדע שיינקייטן, אָבער לעבן און חלומען מוזן מיר קומען צו זיך אַהיים! ס'וויבערישע געזעץ גילט פאַר אַ גאַנץ פאָלק. קומען אַהיים, ווייל נאָר אינדערהיים קאָנען מיר שאַפן אַן אייגענע שיינקייט!

איך בין זיך מודה פאַר אייך: איך בין איינער פון די געציילטע טרוימער פון געטאָ.

און איך בין שטאָלץ מיט דעם.

אויף מיין איסט־סייד, אויף איסט־בראָדוויי האָב איך אָפּגעחלומט אַ האַלבן לעבן מיינעם.

אויף די טראָטואַרן פונם איסט־סייד־געטאָ האָב איך געליבט און געוויינט.

איך דערקען נאָך מיינע טריט אויף אַלע איסט־סיידער שטיינער.

דאָ האָב איך געוואַרט אויף מיין ערשטער געליבטער און אויף מיין ערשט ליד, געדרוקט אין אַ צייטונג. דאָ האָב איך דיסקוטירט אַלע איבעריקע וויטאָגדיקע פראַגן, דאָ האָב איך געלאַכט און געשטראָפט.

אין געטאָ צוריק!

מיר מוזן האָבן אַ צענטער.

מיר טאָרן זיך נישט צעשפּרייטן, ווייל ווען מיר טוען עס — ווערן מיר שוואַכער.

אונזער גבורה ליגט אין זיין צ ו ז א מ ע ן!

און איך בין זיך מודה אין נאָך עפּעס:

איך האָב קיין הנאה נישט, ווען מען רופט מיך אויף יידישע באַנקעטן און פאַרשטעלונגען אין פרעמדע רעסטאָראַנען און פרעמדע טעאַטערס.

דאָרטן מעג זיך אפילו זיין א שענערע סערווירונג, מיט איידע־לערע באהאנדלונג, ווי בײַ אונז.

דער עיקר — דאָס יידישע וואָרט קלינגט דאָרט יתומדיק.

און דער גייסט, וואָס שוועבט דאָרטן — איז אָפט פיינטלעך צו אונז.

און דערצו די סכנה:

יעדער ייד — איז גענייגט צו אסימילאַציע.

יעדער ייד — האָט גרויס רעספעקט פאַר פרעמדע האָטעלן, פרעמדע קעלנער און פרעמדע לשונות.

און דערפאַר פריידיק איך:

אין געטאָ צוריק!

נישט אנטלויפן, נאָר צוריקקומען!

בײַ אונזערע טישן רעדן מיר גאָר אנדערש.

אפילו ווען מיר קריגן זיך, איז עס אונזער קריג!

מיר דאַרפן אריינציען צו אונז אין געטאָ אלע נייאיקייטן און פרישקייטן פון דער פרעמדער וועלט.

מוסטערס פון דער ברייטער וועלט, מאָדעלן פון זייערע אויפ־טועכצן, און זיי פאַריידישן.

אָבער נאָר נישט גיין צו זיי, ווייל זייער מאַסע דערדריקט אונז, זיי זענען אזויפיל — און מיר אזוי ווינציק!

אונזער וואָרט — דאַרף א היים, אן אייגן ווינקל און א צערט־לעכע האַנט!

אונזער טעאַטער דאַרף האָבן זיין אייגענעם פלאַץ.

א יידישע רעדאַקציע — דאַרף שטיין צווישן אייגענע:

בײַ איין זייט א ישיבה, בײַ דער צווייטער — א יידישע שולע.

יידיש טעאַטער דאַרף זיין צוזאַמען מיט יידישער מאַסע.

בײַ אונז — איז דאָס ערגסטע טעאַטער אונזערס — א יידיש שפיל.

ווען מיר גייען אוועק צו זיי — ווערט עס וואָדעוויל מיט א „דזשואיש קאָמעדיען" אָן דער שפיץ.

מיינע ליבע יידישע בוכשטאַבן!

אָ, איר טייערע אותיות!

איך זע אייך אָפּט אין דער פרעמד און איר קוקט מיר אויס ווי יידישע קינדערלעך, וואָס פאַלן אַריין צווישן שקצים...

אַזוי עלנט קוקט איר מיר אויס. און איך דערפיל דעם חוזק איבער אייך.

אין געטאָ צוריק!

אָבער דער עיקר — אַ געטאָ מיט אַן אייגענעם פּנים, אייגע־נער שפּראַך און יידישע זיטן!

די איסט־סייד — ווילט זיך מיר רופן — מוז בלייבן אונ־זערע. ווייל זי איז פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אונז.

מיט דעם אָנהויב פון אונזער עמיגראַציע.

מיט דעם אָנהויב פון אַלע אונזערע חלומות און פאַרמעסטונ־גען אין אַמעריקע.

אמת מיר זענען אַ פאָלק, וואָס שטעלט אויף אויף גיך נייע בּיידלעך, שלאָגט אויף שנעל נייע לאַגערן.

נאָר צו וואָס פטרן ענערגיע אויף נייע צענטערן, אַז מיר האָבּן אַן אַלטן צענטער, די איסט־סייד?

לאָמיר בעסער האָבּן א י י ן צענטער אַן אימפּאָזאַנטן, איי־דער 10 צענטערס קליינע און שוואַכע!

אין געטאָ צוריק!

און ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן פאַר דעם וואָרט: געטאָ — דער געטאָ האָט אונז דערהאַלטן ביז איצט און וועט אונז אויך דערהאַלטן אויף ווייטער!

מיר — די גרעסטע געבער

> יידן גיבן אוועק לייכטערס און צירונג
> פאַר אינדוסטריאַליזאַציע אין סאָוויעט־
> רוסלאַנד.
> (פון די לעצטע נייעס)

די וועלט האַלט יידן פאַר די גרעסטע נעמער. איין קליינינקייט:
אזעלכע קרעמער און פּראַצענטניקעס, וואָס מיר זענען!
אָבער אין דער אמתן זענען מיר גאָר די גרעסטע געבער!
כסדר גיבן מיר די גוים.
מיר זענען די ערשטע צו געבן אויף כשר און טריפה.
שוין אברהם, אונזער פיינסטער זיידע, האָט געמאַכט דעם אָנ־
הויב אוועקצוגעבן זיין ווייב שרה צו פּרעהן.
יעקב האָט אוועקגעגעבן זיינע בעסטע יאָרן צו לבנען.
און נאָכדעם האָבן מיר געגעבן דער וועלט א תורה. און אפילו
א גאָט.
און וואָס איז דאָ צו רעדן? מיר זענען געבער!
מיר גיבן אויף אַלץ: אויפן עגל, און, להבדיל, אויפן משכן.
אַמאָל נאָך שנעלער און פרייוויליקער אויפן עגל.
דערהויפּט גיבן מיר, ווען די גוים פאַרלאַנגען.
אויף א גויאישער זאַך גיבן מיר מיט מער חשק.
ווייל מיר זענען שטענדיק גרייט צו גלויבן די גוים, אַז זיי
טוען גוט.

און אויף אַלע רעוואָלוציעס האָבן מיר אוועקגעגעבן אונזערע בעסטע קינדער.

מיר האָבן נישט געקאַרגט אין נפשות און אין רכוש.

מיר זענען אַלע מאָל געווען אין די פאָדערשטע רייען פון די געבער.

און פונוואַנען נעמט זיך עס?

ערשטנס, ווייל מיר זענען בטבע די גלויביקסטע.

מיר גלויבן נאָך אַלץ, אַז יושר און גערעכטיקייט וועלן סוף־כל־כוף מוזן באַהערשן די וועלט.

מיר, די כלומרשט פּראַקטישע, זענען באמת די נאַאיווסטע.

און ווו עס ווייזט זיך אַ שטראַל ליכט אין דער פינסטערניש, כאַפּן מיר זיך אָן אין דעם שטראַל, הענגען זיך אָן אָן אים און שרייען: אַ נייע זון קומט אויף דער וועלט! מיר זענען די גרעסטע חסידים פון זון און ליכט!

און צווייטנס, האָבן מיר גרויס אמונה אין די גוים. צו אונז אליין האָבן מיר קנאַפּן צוטרוי: ווער זענען מיר? אָבער זיי, די גוים, איין קליינינקייט!

און דערפאַר זענען מיר גרייט כסדר צו שטיצן אַלע אידעאַליסטישע אויפטואונגען פון אַ גוי. מיר אונטערזוכן אַפילו גאָרנישט שטאַרק, ווי ווייט אידעאַליסטיש עס איז. וויבאַלד עס קומט פון אַ גוי, גלויבן מיר...

און דריטנס, מיר ראַטעווען זיך, ווייל ווען הענגט אויף אונז נישט קיין סכנה?

מיר שפּרינגען תמיד ווי פון פייער. שפּרינגען פון די פענצטער, פון די דעכער. שפּרינגען און ברעכן האַלז און נאַקן.

און יעדער איז פאַר אונז אַ פייערלעשער, און בפרט אַ גוי.

און הייסט דער פייערלעשער אונז שפּרינגען, שפּרינגען מיר!

קריכן אויף אַ צעבראָכענער לייטער, קריכן מיר!

און ברעכן מיר דעם קאָפּ, באַשולדיקן מיר אויך נישט די פייערלעשער, ווייל ווי קאָנען מיר?

נאָך אַלעמען, ראַטעווען זיי דאָך...

און עס שטערט אונז אפילו נישט דאָס וויסן, אַז די פּייער־לעשער זענען אַליין די אונטערצינדער.

און ווען איך לייען, אַז די יידן פון סאָוויעט־רוסלאַנד זענען אַלע מאָל די ערשטע אויף דורכצופירן די קאַפּריזן פון די סאָוויע־טישע טוער בשם לענין — וווּנדער איך זיך נישט.

יידן זענען שוין אַזוי: די ערשטע צו שפּרינגען אין פייער, די ערשטע צו שטאַרבן פאַר אידעאַלן, די ערשטע געבער פאַר אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע פאַנטאַזיעס.

יידן האָבן געגעבן אויפן משכן און אויפן עגל, און איצט גיבן זיי אויף אינדוסטריאַליזאַציע.

יידיש צירונג הענגט אויף די העלזער פון אַלע וועלט־באַוועגונגען!

יידישע לייכטערס — זענען תמיד די ערשטע. אַ ייד גלויבט, אפשר וועט טאַקע ליכטיק ווערן. דאָס מאָל אפשר. און ער גיט אַוועק זיינע לייכטערס...

יידן גייען אויך די ערשטע אין די קאָלעקטיוויזאַציע־רייען אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

ווייל אויך דאָ שפּילט אַ ראָלע דער אפשר. מעגלעך, אַז אפשר בּצבור וועט טאַקע בעסער זיין? — טראַכט זיך אַ ייד און לויפט שנעל זיך צו קאָלעקטיוויזירן.

און דער ייד, דער פאַרשריגענער גרעסטער אינדיווידואַליסט און „איך"־מענטש — גיט אַמשנעלסטן אויף זיין אינדיווידואַלי־טעט. לייזט זיך אויף פאַר דעם כלל.

אַמאָל פרעג איך זיך: וואָס איז דער גרעסטער פּאַראַדאָקס פון דער וועלט? — און איך ענטפער זיך: ד ע ר י י ד.

אַ ייד איז דער גרעסטער פאַרלייקענער און דער גרעסטער מאמין.

אַן אויסגערעכנטער קרעמער — און דער פרייוויליקסטער גע־בער און אידעאַליסט.

אַ ייד איז אַ באַלעבאַטישער מענטש לויט זיין טבע, און דער־ביי דער גרעסטער רעוואָלוציאָנער.

צווישן וועלכע פעלקער וועט איר נאך געפינען מענטשן,
וואס זאלן גיין מיט אזא חשק קעגן זיך אליין, ווי ביי אונז, יידן?
מיר זענען תמיד גרייט צו גיין קעגן זיך אליין.
די גרעסטע קטיגורים אויף זיך אליין זענען מיר.
ווען א גוי וואלט געהערט, וואס מיר אליין רעדן וועגן זיך —
וואלט אים באפאלן א שרעק.

יא, יא, יידן זענען די גרעסטע געבער. ביי די גוים זענען דא
איינציקע, גאר גרויסע געבער, ווי די ראקעפעלערס, אבער יידן גיבן
בציבור. מיט אונזער גאנצער ארעמקייט זענען מיר גרייט צו העלפן
דער וועלט זיך שטעלן אויף די פיס.

שילט זיך אין יידיש!

איך בין אנומלט פארבייגעגאנגען א גוט־באַזעצטע יידישע געגנט.

איז שווער געווען צו וויסן, צי עס איז א יידישע געגנט, צי נישט.

ביי די אריינגענג צו די הייזער זענען געזעסן יידישע פרויען, מיטל־יעריקע, יונגע און גאָר יונגע, און געשמועסט אויף ענגליש. זיך געשושקעט אויף ענגליש, געפירט רכילות אויף ענגליש... ביי דער זייט האָבן זיך ארומגעדרייט קינדער — און דאָס ענגלישע וואָרט האָט געהערשט און געקיניגט.

איך בין געבליבן שטיין ביי איינעם פון די הייזער, געדארפט ווארטן אויף עמעצן. און דערביי געטראכט אומעטיקע מחשבות.

— די יידישע געגנטן פארלירן זייער אויסזען.

— עס ווערט ביסלעכווייז פארלוירן אונזער יידישער אויס־קוק.

— ס'איז נישט גוט! און וואָס וועט זיין מיט אונזער יידיש?

און מיט אמאָל דערהער איך — א יידישע קללה... איך קוק זיך אום, ערשט איך דערזע, ווי א יידיש ווייבל האלט צו א יינגל פון א יאָר אכט און שילט אים אין א גאנץ ריינעם יידיש:

— אז א בראָך זאָל דיך נעמען, דו לויפער איינער!

— אז אן אומגליק מעג אויף דיר קומען!

— אז צעברעכן מעגסטו רוק און לענד!

און איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: מיר איז פרייליכער גע־וואָרן; אַ חוץ דעם, וואָס איך האָב דערהערט אַ יידיש וואָרט — איז עס נאָך אַ קללה דערצו.

און וואָס קאָן זיין אייגענער און יידישער, ווי אַ יידישע קללה?!

אַ קללה — דאָס איז דאָס עכט־יידישע, דאָס אייגנאַרטיקע!

און אַזוי ווי איך האָב נאָך געדאַרפט וואַרטן אויף דעם עמעצן, האָב איך דערווייל גענומען בויען אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דער צוקונפט פון יידיש דאָ אין לאַנד...

יידיש גייט דאָ אונטער, ווייל מיר האָבן זיך אויפגעהערט צו שילטן אין יידיש...

און אויב מיר ווילן איינהאַלטן דאָס ביסעלע יידיש אין אַמע־ריקע, ראַטעווען זיך פון אונטערגאַנג, דאַרפן מיר זען זיך צוריק נע־מען צו שילטן זיך אין יידיש...

נאָר דורך קללות קאָנען מיר געראַטעוועט ווערן.

אין דער קללה ליגט אונזער ברכה!

ווען יידישע פרויען וואָלטן זיך געשאָלטן ווי זייערע מאַמעס — וואָלט געווען דער בעסטער סימן, אַז מיר וועלן נאָך לעבן!

ווייל — האָב איך געבויט מיין טעאָריע־טורעם נאָך העכער — אַ קללה גיט זיך איבער בירושה... יידישע קינדער ירשענען נישט פון זייערע עלטערן קיין ערד און הייזער — נאָר קללות...

גאָט האָט געשאָלטן קינען — און די קללה הענגט נאָך אויך איצט אויף די קינס פון אַלע דורות.

די מאַכט פון אַ קללה!

גאָט האָט אויך פאַרשאָלטן אדמען — און מיר פילן נאָך די קללה אין אַלע אונזערע ביינער...

אַ קללה איז אַ גרויסער ענין.

דורך שילטן זיך דערקענט מען אַ פאָלק.

קושן זיך און ליבן זיך און האָליובען זיך קענען כמעט אַלע מענטשן אויף איין אופן.

אָבער אין שילטן זיך ליגט אָריגינאַליטעט.

א נאַציאָנאַל טיפער חותם פון אַ פאָלקס־נשמה ליגט אויף דער קללה.

און משהם תוכחה? — אויך זי, טראַכט איך, האָט געהאַט אויף אונז מער ווירקונג, ווי „אָז ישיר"...

די תוכחה איז זיכער אונזערע...

שילטן זיך — גייט איבער בירושה פון מאַמע צו קינד. און די צרה מיט אונזער יידיש לעבן אין אַמעריקע איז, וואָס ביסלעכ־ווייז הערן יידישע מאַמעס זיך אויף צו שילטן אין יידיש.

דורכדעם ווערט פאַרלוירן דער גרויסער צובונד צום פאָלק. צו זיין נשמה.

די נייע יידישע פרוי שילט שוין נישט איר מאַן ווי די אַמאָליקע.

זי רעדט שוין ענגליש און אין ענגליש זידלט מען זיך מער, ווי מען שילט זיך...

און די נייע יידישע פרוי האָט נאָך אין זיך נישט איינגעזאַפּט דעם זאַפט פון דעם ענגלישן זידל־וואָרט אפילו און עס קומט אַרויס אויבערפלעכלעך, אָפּט פון אַ שלעכטן ענגליש דערצו.

און צוליב דעם, וואָס די נייע יידישע פרוי שילט שוין נישט איר מאַן אין יידיש — איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס יידישע לעבן. איז אָפּגעהאַקט געוואָרן זיין גאַנצקייט... איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג צווישן מאַמע און טאָכטער.

עס פעלט דאָס קוואַליקע וואָרט.

און וואָס איז קוואַליקער ווי אַ קללה?

דאָס יידישע פאָלק — טראַכט איך ווייטער — איז געווען אַ שילטער־פאָלק.

און שילטן האָט עס געהאַט וועמען צו יעדער צייט. עס האָט געשאָלטן זיך אַליין, זיין גורל, זיינע שונאים, עס האָט געשאָלטן אפילו מיט ליבע, אַזוי צו זאָגן. אין דער יידישער קללה איז דאָ קאָליר, אויסדרוק, אָריגינאַליטעט, פּילזייטיקייט...

און אפילו גרויס טאַלאַנט.

שילטן זיך, ווי אונזערע מאַמעס און נביאים האָבן זיך געשאָלטן — דאַרף מען קענען.

מען דאַרף קענען שטאַרק ליב האָבן, כדי אַריינצולייגן אַזוי־פיל האַרץ אין אַ קללה...

גאַנצע דורות יידישע האָבן אין דער קללה אַריינגעלייגט זאַפט, אַריינגעוועבט האַרץ, אַריינגעגעבן גאַל...

און די קללה איז אַרויסגעקומען שטענדיק אַ פרישע.

ווייסט איר, אַז אַ יידישע מאַמע קאָן שילטן איר קינד, ווען זי קושט עס?

איך האָב עס אַליין נישט איינמאָל געזען. עס טרעפט אַ קינד צעקלאַפּט זיך און די מאַמע קושט עס, שילטנדיק:

— אַז אַ הריגה מעג אויף דיר קומען — אַז אומעטום קריכט עס! — און דערביי אַ קוש.

— אַז צעברעכן מעגסטו דיין קאָפּ, דו קליינער טייוול, וואָס דו ביזט! — און דערביי נאָך אַ קוש...

אונזער קללות־אוצר איז זייער גרויס, און דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס די גוים האָבן ביי אונז נישט אַוועקגערויבט...

און זאָג זיך: די יידישע אינטעליגענץ זוכט אַרבעט, זי וואַרפט זיך אַהין און אַהער — איז אפשר גאָר דאָס פאַר איר די ריכטיקע אַרבעט?!

זאָל די יידישע קולטור־געזעלשאַפט אַרויסלאָזן אַ קול־קורא צום פאָלק:

יידן, שילט זיך אין יידיש!

יידישע קינדער, שילט זיך ווי אייערע עלטערן!

ווייל, ווי געזאָגט, כל־זמן יידישע קינדער שילטן זיך נאָך אין יידיש, האָבן מיר קיין מורא נישט פאַר אונטערגאַנג...

אַז זיי מעגן — מעגן מיר אַודאי!

אָפּט טראַכט איך: פאַרוואָס זאָלן אונזערע אינטעליגענטן און קינסטלער אונז נישט פאַרלאָזן — אַז זיי קאָסט עס דאָך גאָרנישט.

אַז אדרבה פאַרקערט: ביי אונז גיט מען זיי דאָך אָפּ כבוד. מען האַלט זיי פאַר העלדן.

און עס האָט אַזוי נישט געדאַרפט זיין.

ווען אַ יידישער קינסטלער פאַרלאָזט אונז, מערסטנס צוליב פוסטער גאוה אָדער געלט־יאָגעניש, דאַרפן מיר אים געבן צו פילן, אַז ער באַגייט אַ שווינעריי.

דאַרף ער דערפילן אונזער מיסאַכטונג, דאַרף אים באַגלייטן אונזער פאַראַכטנדיקער בליק.

דאָס, וואָס היינט הייסט אַוועקגיין, האָט אַמאָל געהייסן שמד. אַן אַמאָליקער ייד האָט געריסן קריעה און זיך געזעצט שבעה אויף אַ געשמדט קינד.

עס איז אַ פיינער מנהג געווען.

אָפּגעקלאָגט און זיך אָפּגעטרייסלט.

מיר געפעלט אויך אונזער בעור־חמץ.

וואָס הייסט ביי אונז פסח?

פריער פון אַלץ נישט די אַריינפירונג פון פסח, נאָר דער ביעור־חמץ.

דאָס אויסראַמען פון הויז אַלץ, וואָס איז חמצדיק.

אוי, וויפל חמצן מיר דאַרפן אויסראַמען פון אונזער לעבן!

דאָס ערשטע, אונזער גלייכגילטיקייט צו זיך אַליין.

אונזער אינטעליגענץ שטייט ביי אונז מיט איין פוס און אויך דעם פוס האַלט זי אין דער לופטן.

האָבן מיר צו דערדאָזיקער אינטעליגענץ געדאַרפט זאָגן:

שטעל זיך ביי אונז מיט ביידע פיס — אָדער גיי זיך, מאַרש!

דורך אַזאַ צוטריט וואָלטן מיר אָפּגעשאָפט די איבערלויפעריי.

מער פון אַלץ האָב איך נישט ליב דעם מין איבערלויפער.

איבערלויפער זענען אַן אומגליק פאַר אַ פאָלק.

איר קענט מיט אַזאַ קלאַס גאָרנישט בויען. היינט בויט איר עפּעס און מאָרגן זענט איר נישט זיכער, אַז די איבערלויפער וועלן עס צעשטערן.

מיט די איבערלויפער קאָן מען גאָרנישט טאָן ביי אונז.

און דאָס, וואָס אונזער אינטעליגענץ טוט ביי אונז מיט די פיס, טוט זי אויך מיט די הענט.

אונזער אינטעליגענץ ליגט מיט אַלע הענט אין פרעמדע ליטע־ראַטורן און קולטורן און סתם אין פרעמדע גאַסן.

אונז שענקט זי בלויז אַ פינגער און אַ קאַלטן דערצו.

ברר!!

איך זאָג: עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערן. אַן ענדערונג דער־צו מוז נעמען ביי אונז.

ווען אַ יידישער קינסטלער אַנטלויפט פון אונז צו זיי, און קומט נאָכדעם פאָדערן — יידישע קריטיקער, שרייבט וועגן מיר גוט!

— לויבט מיך!

— ווינטשט מיר גליק!

דאַרפן מיר אים ענטפערן מיט אַ ניין!

— ברודער, מיר גיבן נישט!

טאַקע פראָסט פשוט: מיר גיבן נישט!

— ברודער, דו קאָנסט נישט בויען קיין קאַריערעס מיט אונ־זערע כחות. מיט אונזער רעקלאַמע. ביזט אַוועק — פאַרזאָרג זיך אַליין. מיר האָבן אייגענע אָרעמעלייט!

ווען אַ יידישער שוישפּילער גייט אַוועק צו זיי אויף דעם סמך, אַז מיר וועלן אים העלפן מיט אונזערע „בענעפיטס". —

זאָג איך: מיר האָבן געדאַרפט נ י ש ט העלפן!

און עס האָט געדאַרפט זיין אַ פאַרברעכן פאַר אַ יידישער פאַרטיי צו נעמען אַ בענעפיט אויף בראָדוויי.

פריער דאַרפן מיר פאַרזאָרגן אונזערע אייגענע מיט בענעפיטס!

בראָדוויי האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע צוצונעמען אונזערע האָ־דאָוואַניקעס, און נישט אויס ריינער ליבע צו זיי, אָדער צו דער קונסט, נאָר אויס ליבע צו אונזערע דאָלאַרן, צו אונזערע בענע־פיטלעך.

איז דאַרפן מיר זאָגן צו בראָדוויי: לאָ! דו וועסט נישט קריגן!

מיסיאָנערן שטיצן מיר נישט!

שלעפן אונזערע קינדער און מיר זאָלן נאָך באַצאָלן דערפאַר, איז אַ באַליידיקונג.

די פראַגע פון אונזערע אַוועקלויפער און איבערלויפער, איז די פראַגע, צי האָבן מיר אַן אייגן לעבן צי נישט?

האָבן מיר אַן אייגן לעבן — דאַרפן מיר עס אָפּהיטן בכבוד.

איר קאָנט עס אפשר רופן: שאָוויניזם, שמאָלקייט.

איך רוף עס אַנדערש: זעלבסטשוץ.

אפילו פעלקער שטאַרקע, מעכטיקע, ווילן נישט אויפגעבן דעם זעלבסטשוץ.

און בפרט מיר, קליין און אָרעם.

איך זאָג: פּאַטראָניזירן זיך אַליין פריער פון אַלץ איז נאָר אַ שיינער אויפטו.

אָט נעמט אַמעריקע.

אַמעריקע איז רייך און גרויס און האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר איר קולטור, און דאָך איז איצט דאָ אַ טענדענץ ביי די בעסערע אַמעריקאַנער, נישט צו קויפן ביי די פרעמדע קיין בילדער און קיין סטאַטוען.

צו פּאַטראָניזירן אייגענע קינסטלער.

אייגענע מוזיק און אָפּערע.

און אַז די אַמעריקאַנער מעגן — מעגן מיר אודאי!

אָט דאָס דווקא מעגן מיר יאָ לערנען פון זיי.

איר וועט זאָגן, אז דאָס, וואָס איך שרייב איצט, איז נאָר מוסר.

זאָג איך: יאָ, ס'איז מוסר, אָבער איך שעם זיך נישט מיט דעם:

גוטע פובליציסטיק איז מוסר אויף אַ מאָדערנעם שטייגער.

און אַ פובליציסט איז אַ מוסר־זאָגער, אַ שטראָפער אין איי־ראָפּעאישע קליידער, מיט פונקטאַציע...

ביי זיי ווי ביי אונז.

אין דער גאַנצער וועלט.

אפילו די שיינע ליטעראַטור האָט אין זיך אַ היפש ביסל מוסר.

נאָר דער מוסר ווערט געגעבן דורך אַ שיינער מעשה.

מוסר! מוסר!

מיך אַרט נישט, ווען עס וואָלט אויפגעשטאַנען אַ גרויסער בעל־מוסר ביי אונז און אונז געזאָגט דאָס טיפע, גרויסע וואָרט!

אַ פּאָעט אַפילו איז אַ מוסר־זאָגער, נאָר אין גראַמען.

אָן מוסר איז גאָר נישטאָ.

קריטיק איז מוסר פאַר שרייבער.

און סאָציאַליזם איז אויך מוסר.

וועלט, וועלט, בעסער זיך אויס!

וועלט, וועלט, דו טויגסט נישט!

אַלץ איז מוסר און מען דאַרף נישט מורא האָבן פאַר דעם.

בראָדוויי און איסט־בראָדוויי

מיט מיר פּאַסירט עס אָפט:

אַמאָל קום איך פון אַ שפּאַציר אויף בראָדוויי, אין אונזער איסט־בראָדוויי, און מיר ווערט זייער אומעטיק.

דאָרט, אויף בראָדוויי, אַזאַ ליכטיקייט און פאַרביקייט, אַזאַ בנין־פעסטקייט, ברייטקייט און שפע!

און דאָ, אויף איסט־בראָדוויי, אַזאַ טונקלקייט און גרויקייט, אַזאַ הינער־פּיסלדיקייט, ענגשאַפט און אָרעמקייט!

און ס'ווערט מיר אומעטיק. עס ווילט זיך מיר אַנטלויפן פון איסט־בראָדוויי. עס ציט מיך צוריק אויף בראָדוויי.

אָבער ס'טרעפן צייטן, ווען איך גיי נישט אויף בראָדוויי, זעץ זיך איין אויף איסט־בראָדוויי, און דאַן דאַכט זיך מיר, אַז קיין שענערע גאַס ווי זי, קיין רייכערע איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט...

און אָפט גיב איך זיך אַ וואָרט — נישט גיין מער אויף בראָדוויי.

ווייל איך קום צום אויספיר, אַז אונזערס אַ ידישער מענטש, וואָס וויל לעבן מיט זיך, געפינען גלויבן אין זיך, מוז נאָר זיצן אין זיין ווינקל, אין זיין גאַס!...

מוז ער אויסמיידן די גוישע גאַסן. נישט קוקן אויף זייער רחבות און פאַרגעסן אָן זייער שפע...

און איך הויב אָן צו באַגרייפן, פאַרוואָס איך האָב אַמאָל אַזוי ליב געהאַט מיין איסט־בראָדוויי. ס'איז דערפאַר, ווייל איך פלעג

דאָרט טאָגן און נעכטיקן, פרייען זיך און הונגערן. פירן דעם רייד־סטער פון מיינע ליבעס און אנטוישונגען...

פאַר מיר איז איסט־בראָדוויי געווען אַלץ.

אָבער זינט איך האָב אַריינגעקוקט אין די גויאישע גאַסן, האָט ביי מיר מ י י ן איסט־בראָדוויי אַ סך פאַרלוירן.

און פאַרלירן איסט־בראָדוויי טאָר מען נישט. דאָס שמעקט מיט אומגליק...

און איך זאָג זיך: איך פאַרשטיי דעם סוד, פאַרוואָס אַ ייד פלעגט אויך אין בית־מדרש זיך זעצן אין אַ ווינקל און לערנען תורה — ווייל אַנדערש קאָן זיך נישט לערנען. כדי צו לערנען, מוז מען גלויבן, און כדי צו גלויבן אין מ י י נ ס — מוז איך האָבן מ י י ן ווינקל.

און דאָסזעלבע איז מיר איצט קלאָר דער סוד פון געטאָ.

אַ געטאָ איז נישט דאָס, וואָס די גוים האָבן פאַר אונז אָפּ־געצאַמט.

אַ געטאָ איז דאָס, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אַליין אָפּגע־צאַמט...

אַ גויאישע אָפּצאַמונג קאָן אונז געבן פאַרדרוס, באַליידיקונג.

אָבער אונזער אייגענע פאַרגעטאָאיזירונג איז געווען אונזער ישועה, אַנדערש וואָלטן מיר נישט געקאָנט זיך ראַטעווען פון דער גויאישער וועלט מיט אירע טויזנטער טריפה כישופן...

מיר האָבן זיך פאַרשלאָסן אין געטאָס, ווייל מיר האָבן גע־וואָלט ל ע ב ן . . .

און לעבן קאָנען מיר נאָר, ווען מיר זענען ב א ז ו נ ד ע ר, אין אַ ווינקל פאַר זיך.

זאָל לעבן דאָס יידישע ווינקל!

ביי זיך אין ווינקל איז גאָר עפּעס אַנדערש, היימלעכער. ביי זיך אין ווינקל זענען מיר דער אָנהויב און דער סוף פון אַלץ. נישט זעענדיק די גויאישע וועלט, הויבט זיך אָן גלויבן, אַז אונזער וועלט איז די גרעסטע...

מיר מוזן זיך פאַרווינקלען, ווייל די גוים זענען אַזוי פיל, און מיר אַזוי ווינציק...

און דעמזועלבן געפיל פון אנטלויף אין ווינקל לעב איך דורך, ווען איך כאפ זיך אריין אמאל אין א פאבליק־סקול.

אזעלכע גרויסע שולן, אזא רייכקייט. און איך קוק אויף די הונדערטער קינדערשע קעפלעך, און איך זע דארט נישט מיין יינגעלע.

יינגעלע מיינס, ווו ביזטו? וואס מאכט מען דא פון דיר?

און איך הער א פרעמד לשון, וועלכעס גיסט זיך, ווי א וואסערפאל, מיט אזא שנעלקייט און האסטיקייט. און איך פיל, ווי איך ווער פארגאסן מיט מיין ארעמען יידיש.

איך הער שרייענדיקע ניגונים, און אין אזא שטארקן כאר, און וואס קאן דא אויפטאן אונזער פרום, יידיש לידל?

און ס׳ווערט מיר אזוי אומעטיק, און איך פארליר זיך.

איך פיל, ווי דער יידישער באדן אונטער מיינע פיס גליטשט זיך ארויס. און איך כאפ אויף שנעל מיין יינגעלע און לויף אהיים צו זיך אין ווינקל.

און ערשט דאן, ווען איך קום אהיים, זעץ זיך אוועק, נישט ווייט פון מיין ביכער־שאנק, פול מיט יידישע ביכער, און זעץ מיין יינגעלע לעבן זיך. און הויב אים אן לייענען א יידיש מעשהלע, און הער אים רעדן יידיש, — ערשט דאן בארויק איך זיך...

און אביסל שפעטער פארשווינדן ביי מיר מיינע ספקות. איך הויב אן צוריק גלויבן אין אונזער קיום אין דער צוקונפט. קאן מען נאך ראטעווען דאס יידישע קינד פון גויאישע הענט?... אודאי!...

אונזערער א מענטש, זאג איך, מוז נאך אנטלויפן אין א ווינקל!

אין ווינקל קאן מען חלומען, גלויבן, אפילו זיך איינרעדן, אז מיר זענען דאס זעמל־מעל פון דער מענטשהייט.

ייִדן, שטאַרבט ניִשט!

און איך קום צו אַזאַ באַשלוס: נאָר אַ גוי קאָן זיך פאַרגינען צו שטאַרבן יונג, נישט אין צייט, אָדער סתם שטאַרבן.

אַ ייִד, נישט!

אַ ייִד — איז בבחינת „אייביקער חלוץ״, אין וועלכן מען נויטיקט זיך שטענדיק.

איז ער נישט קיין חלוץ פאַר ארץ־ישראל, איז פאַר ביראָ־בידזשאַן, איז פאַר ייִדישיזם.

יעדער ייִד פילט אויס אַ פּלאַץ. אַרום אַ ייִדן איז קיינמאָל נישט לייִדיק:

באַוואַרפט אים נישט דער שונא מיט שטיינער, באַוואַרפט ער זיך אַליין און עס וואַקסט אַרום אים אַ באַרג.

און אויב נישט שטיינער, פילט ער אויס די לייִדיקייט אַרום זיך מיט דער „היץ פון זיין מויל״.

אַ ייִד טאָר נישט שטאַרבן, ווען אים פאַרגלוסט זיך.

אַ ייִד דאַרף זיך אָנשטרענגען צו לעבן לאַנג, כדי ער זאָל נאָך אפשר דערלעבן, ווען ענגלאַנד וועט דורכפירן די באַלפור־דעקלאַראַציע.

אַ ייִד טאָר זיך אויך נישט פאַרגינען צו שטאַרבן, — צוליב דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור.

ווייניקער מיט אַ ייִדן, — ווייניקער מיט אַן אויפהאַלטער.

וויניקער מיט אַן אונטערשפּאַר צו דער שאַפֿלענדיקער געַ־בײדע.

און אויב אַ ייִד איז אַ גוטער לעזער, וואָס קויפֿט אַלץ און אינטערעסירט זיך אין אַלץ, וואָס ווערט בײַ אונדז פֿאַרשריבן אויף פּאַפּיר — טאָר ער אודאי נישט שטאַרבן!

אַזאַ ייִד גראָבט אונטער מיט זײַן טויט, אונדזער עקזיסטענץ ממש.

* *

*

אַ גוי שטאַרבט — און אַ ייִד שטאַרבט.

דער טויט איז איין פּראָצעס פֿאַר אַלעמען. יאָ. אָבער דער אונטערשיד איז אין דעם רעזולטאַט.

אַ גוי שטאַרבט, וואָלט איך געזאָגט, שטרענג פּריוואַט. פֿאַר זיך בלויז! ווי איינער רעדט:

ווּעמעס עסק איז עס, וואָס איך שטאַרב?

אַ ייִד אָבער שטאַרבט פֿאַרן כּלל, פֿאַר זײַן פֿאָלק. אפֿילו ווען ער ווייסט דאָס נישט.

ווען אַ ייִד שטאַרבט — ווייסן עס אַלע. ער שטאַרבט פֿאַר די אויגן פֿון זײַן פֿאָלק, ביבליש גערעדט.

אַ גוי — לעבט פּשוט, גלאַט אַזוי, צוליב לעבן.

אַ ייִד — ווײַל ער האָט אַ מיסיע. און וועלכער ייִד האָט עס נישט קיין מיסיע?

און מיסיע איבער מיתה.

די מיסיע פֿון יעדן ייִדן איז אין יעדן לאַנד אַ באַזונדערע: אין סאָוועטן־רוסלאַנד בויט מען מיט אים נײַע קאָמוניסטישע ישובֿים. אין פּאַלעסטינע די ה י י ם. דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַ מיסיע צו געבן חלוצים און דרוקן ייִדישע ביכער בחצי חנם.

די אַמעריקאַנער ייִדן האָבן אַ מיסיע — צו געבן געלט.

און די מיסיע פֿון יעדן ייִדן איז צו לעבן. דאָ אַזוי און דאָ אַזוי:

דאָרט, ווײַל מיר מוזן אויפֿהאַלטן דאָס העברעאישע וואָרט.

דאָ, ווייל מיר טאָרן נישט פארלירן קיין יידישן לעזער.

און אין אַן אַנדער אָרט, טאַקע אויך געוויסע גוים אויף צו־פּיקעניש!

* *
*

און איך זאָג זיך: דאָס קאָנען נאָר די גוים, שטאַרבן, ווען זיי ווילן — אָבער נישט מיר!

און דאָס קאָנען זיך די גוים פארגינען צו פארשארלאַטאַנע־ווען אַ לעבן — מיר טאָרן עס נישט!

מיר מוזן זיך אָפּהיטן, לעבן רואיק, פירן אַ סטאַטעטשנע לעבן.

ווייל ווער דאַרף אַ גוי? — אָבער אַ יידן דאַרף מען!

מיר זענען אַ קליין פאָלק. אפילו לעשטשינסקי, אונזער גע־טרייסטער ציילער, קאָן אונז מער נישט אָנציילן ווי 15—16 מיליאָן.

און וואָס פאַר אַ ווערט האָבן מיר? און נאָך צעשיידט דערצו?

און פון אַלע זייטן וויל מען פארקלענערן אונזער צאָל. איז דעריבער פאָלגט מיך, יידן, און לאָזט זיך נישט!

לעבט אַ סך! לעבט לאַנג!

יעדער ייד דאַרף לעבן פאַר צען יידן!

לכל־הפחות דאַרף ער דערגרייכן אַ הונדערטער!

אַ ייד טאָר נישט שטאַרבן יונג, און ער טאָר נישט אַוועק פון דער וועלט, איידער ער לאָזט איבער נאָך אַזאַ יידן, ווי ער!

ווען איך האָב די דעה, לאָז איך ארויס אַזאַ טעגלעכן אויפ־רוף צום פאָלק: יידן, שטאַרבט נישט! איילט זיך נישט צו שטאַרבן!

און איך וואָלט אין מיין אויפרוף אויך געבעטן יעדן יידן, אין נאָמען פון זיין פאָלק, זיין ליטעראַטור און זיין צוקונפט, זיך היטן, שטאַרק היטן!

למשל: נישט פאָרן אין אויטאָמאָבילן (זונטאַג).

נישט שפּילן אויף וואָל־סטריט (אַ גאַנצע וואָך).
נישט איבערפּרעסן זיך אין די זומער־האָטעלן.
אַכטונג צו געבן אויפן גאַז אין הויז.
און דער עיקר: נישט שפּרינגען!
שפּרינגט נישט, ליבע יידן, פון קיין הויך! זאָלן שפּרינגען די גוים. זאָל עס בלייבן זייער „ספּאָרט", מיר קענען עס נישט, ווי זאָגט מען, דערוויין.

* *
*

— — — אָט, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ יידישער שרייבער. מיינט איר, אַז עס איז מיין אַרבעט צו שרייבן אויפרופן אָט אַזעלכע? צו וואָרנען דאָס פאָלק? צו פאַרהיטן זיין געזונט? צו שמועסן וועגן אריכות־ימים? וואָס בין איך, אַ קאָפּ פון אַ „באָאָרד אָוו העלט"? — נאָר מען קאָן זיך נישט העלפן.
ווייל אַ יידישער שרייבער איז נישט קיין גויאישער.
האָט איר ערגעץ געזען אַ גויאישן שרייבער, ער זאָל לייענען לויה־אַנאָנסן און ציילן מתים? צו וואָס? און אַז עס שטאַרבט אַ גוי, איז וואָס אַרט עס אים?
אָבער ביי אונז זיצט כמעט יעדער יידישער שרייבער און ציילט אונזערע מתים.
און אין יעדן מת מוז ער זיין פאַראינטערעסירט כמעט פּערזענלעך! ווייל ווען עס שטאַרבט אַ ייד — שטאַרבט אים אַ לעזער. און מיט וועמען בלייבט ער?
און אַ יידישער שרייבער לייענט זייער אויפמערקזאַם די לויה־אַנאָנסן. ווי ער וואָלט געווען אַ שותּף צו דער צייטונג און געהיט זיין איינקונפט.
ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך איינער פון זיי.
איך לייען זייער אויפמערקזאַם לויה־אַנאָנסן.
פרעמדע נעמען, דאַכט זיך, אָבער פאַר מיר זענען זיי אייגענע.

זיי זענען געשטאָרבן נישט נאָר פאַר זייערע פאַמיליעס — נאָר אויך פאַר מיר.

און אַמאָל אפשר, פאַר מיר מער ווי פאַר די פאַמיליעס.

ווייל, ווידער דאָס אייגענע: ווער וועט מיך לייענען?

און וואָס וועט זיין מיט דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע?

און נישט נאָר לויה־אַנאָנסן, נאָר אויך סתם נייעס, מאַכן מיך טרויעריק.

אָט שפּרינגען מענטשן צום טויט די לעצטע צייט — און יעדער יידישער טויט־שפּרונג פאַלט אויפן אַספאַלט פון מיין נשמה, אזוי צו זאָגן.

אָפּט, דאַכט זיך מיר, איך שפּרינג אויך מיט.

און איך ערגער זיך און עס קאָסט מיך פּודן געזונט.

און ווו זענען די זונטאָגדיקע אויטאָמאָביל־אומגליקן?

אַזויפיל יידישע מענטשן ווערן דערהרגעט! און פאַרוואָס טוען זיי עס? פאַרוואָס לייענען זיי נישט די סטאַטיסטיק פון אונזער צאָל־מינדערהייט אין דער וועלט? פאַרוואָס זיצן זיי נישט אין הויז און לייענען נישט א יידיש בוך, וואָלטן זיי דאָך אויפגעטאָן צוויי גוטע זאַכן: געקויפט יידישע ביכער און געבליבן לעבן!

אָט אזוי, אין אַזאַ פּסיכישן שרעק־צושטאַנד לעבט א יידישער שרייבער.

און איר מיינט, אז איך צייל אונזערע מתים נאָר אין אַמעריקע? — אויך אויף דער גאַנצער וועלט פאַלט מיין איבערגעשראָקענער בליק. און עס ציטערט מיר מיין הארץ פאַר אונזערע טויטע.

אָט איז ארץ־ישראל: יעדער ייד איז דאָרטן מיט גאָלד צוגלייך. פונדעסטוועגן נעמט א דאָרטיקער ייד און באַגייט א פּעלער און שטאַרבט!

און ווען איך לייען וועגן א טויט־פאַל אין ארץ־ישראל, דערשלאָגט עס מיך: מיר שלאָגן זיך דאָרטן פאַר יעדן כזית ייד, און דאָ נעמט א גאַנצער ייד און שטאַרבט אוועק?!

זאָגט, איז עס נישט קיין עולה?

קורץ, ווי געזאָגט: מיר טאָרן נישט שטאַרבן!

אונזערע קרעפטן זענען אומעטום געציילטע. און מען דאַרף זיי היטן.

אָט איז אַפילו פראַנקרייך.

אַ ניי־באַנייטער יידישער ישוב. עס הויבט זיך דאָרט אָן ווַעבן אַ ניי יידיש לעבן.

און דאָ לייען איך מיט אַמאָל אַ נייעס, אַז אַ יידישע פרוי, אַ כלל־טוערין, איז געטויט געוואָרן פון אַן אויטאָמאָביל אין פאַריז.

און מיך פאַרכאַפּט עס ביים האַרצן.

איך קען נישט די פרוי, ווייס נישט פון אירע מעשים־טובים, און דאָך פאַרדריסט עס מיך:

אַ נייער ישוב, ווייניק טוער — צו וואָס שטאַרבן? פאַרוואָס האָט זיך די פרוי נישט געהיט?

סך־הכל: אַ ייד איז נישט קיין גוי און אַ יידישער שרייבער איז נישט קיין גויאישער.

אַן אַנדער באַציאונג, אַן אַנדער אויפגאַבע.

אָט ליגט פאַר מיר אַ יידישע צייטונג. איך קוק אויף די לויה־אַנאָנסן.

אויבנאָן אין אַ שוואַרץ קעסטעלע לייענט זיך: „מינסקער לאַנדסלייט ווערן געבעטן צו קומען צו דער לויה פון אונזער באַליבטן מעמבער שכנא יאָסעלאָוויטש! קומט פרי!"

איך קען ווייניק מינסקער לאַנדסלייט, נאָר דאָך גיט עס מיר אַ שטאָך אין האַרצן.

שכנא יאָסעלאָוויטש? עס דאַכט זיך מיר, אַז ער איז געווען מיינער אַ לעזער, זיכער אַ לעזער! און איצט איז ער נישטאָ!

מיינע לעזער שטאַרבן אויס. און פאַרוואָס טוען זיי עס?

און ווען איך פויל זיך נישט, גיי איך צו שכנא יאָסעלאָוויטשעס לויה...

— — — — — — — — — —

יידן, כ׳בעט אייך, שטאַרבט נישט!

פּייערלייט

איך האָב ליב פּייערלעשער. אין דעם פּרט בין איך א קינד.

איך האָב ליב זייער געוויקסיקייט, זייער האַלטונג, זייער הערּאָאישן אויסקוק, זייער לויפן, זייער קלינגען און אימפּעט...

איך האָב זיי ליב, ווייל זיי לויפן ראַטעווען. שטענדיק און תמיד ראַטעווען.

און וואָס קאָן דען זיין הערלעכער, שענער און פּייערלעכער, ווי ראַטעווען?

אַט ברענט ערגעץ. מענטשן לעבן אין סכנה — און די פּייערלעשער זענען אויפן אָרט.

א שפּרונג ארויף אויפן וואָגן, א לויף — און שוין, מען ראַטעוועט שוין!

צו פּייערלעשער איז גאָר קיין פאַרגלייך נישטאָ:

אויך אַן „אַמבולאַנס" לויפט ראַטעווען. אָבער נישט אַזוי הערּאָאיש, אַזוי אָרעם אין קלאַנג. אַזוי אַן פּאַטאָס...

עס קלינגט דאָס גלעקל פון אַמבולאַנס און אינעווייניק זיצט א מענטש, אין ווייסן, א רחמנות־ברודער, אָדער א יונגער דאָקטאָר און ער איז תמיד אַזוי פאַרשלאָפן, אָפּגעלאָזט און אַפּאַטיש.

ניין, מען קאָן רעטונגס־ארבעט פון אַן אַמבולאַנס נישט פאַרגלייכן מיט דער ארבעט פון פּייערלעשער...

איך האָב ליב פּייערלעשער. ביז גאָר. איך בין אַלע מאָל גרייט צוצוקוקן זיך צו זייער לויפן.

איך האָב ליב די נעוואַנטקייט זייערע, וואָס פּראָקלאַמירט: גאָרנישט שטייט אונז אין וועג!

איך האָב ליב זייער העלדיש שטיין אויפן וואָגן. איך האָב ליב די לייטער... זי איז אַזוי הויך. מיט אַזאַ לייטער קאָן מען ראַטעווען. איך טראַכט אָפט ווי אַ קינד: ווען די בויער פון דעם בבל־טורעם וואָלטן אין זייער צייט געהאַט אַזעלכע לייטערס, וואָלטן זיי עפּעס פאָרט דערלאַנגט...

איך האָב ליב פייערלעשער, אָט די בראַווע, הויך־געוויקסי־קע, הויך־באַשטיוולטע מענטשן.

זיי זענען אין מיינע אויגן גאָר אַנדערע מענטשן, פון אַן אַנ־דער, בעסערן מין... זיי דענקען אַנדערש, זייער בליק אויף לעבן און טויט איז אַן אַנדערער...

זייער לעבן — איז פייער, זייער אויפגאַבע — איז ראַ־טעווען...

ווען איך בין מיט צוויי קעפּ העכער און מיט צען יאָר יינ־גער, שליס איך זיך אָן אין אַ פייערלעשער־בריגאַדע...

אָבער אין אַ געוויסן זין זענען יידישע שרייבער און פּוב־ליציסטן, די, וואָס עוסקן זיך טאָג־טעגלעך מיט דעם ברענענדיקן יידישן לעבן — אויך פ י י ע ר ל ע ש ע ר.

ביי אונז שרייבט מען נישט, נאָר מען ראַטעוועט...

ביי אונז נעמט מען נישט אויף פראַגן קאַלט, מיט ישוב־הדעת, נאָר מען לויפט ראַטעווען ווי פון אַ פייער...

ביי אונז מוז אַלץ געטאָן ווערן שנעל, ברענענדיק, מיט אימפּעט, און אַפילו מיט היסטעריקע...

מיר מוזן תמיד לויפן און קלינגען. אויפשטעלן לייטערס, קריכן דורך פענסטער, וואַרפן זיך אין פייער און ראַטעווען, ראַ־טעווען, ראַטעווען...

מיר זענען אַ מין פייערלעשער.

מיר מוזן ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק.

ראַטעווען דעם ציוניזם.

ראַטעווען פּאַלעסטינע.

ראַטעווען די יידן אין פּוילן.

ראַטעווען די יידישע ליטעראַטור.
דעם יידישן נאָמען.
די העברעאישע ליטעראַטור.
דאָס יידישקייט.
דאָס יידישע טעאַטער.
די יידישע יוניאָנס.
דעם יידישן סאָציאַליזם.
די יידישע שולן...
די „הבימה"...
און וואָס נישט?

כסדר, תמיד און שטענדיק רק ראַטעווען און ראַטעווען!

און חוץ די אַלע ראַטונקעס, מוזן מיר זיך נאָך אַליין אויך ראַטעווען... מיר, יידישע שרייבער... פון אונטערגאַנג. פון פאַרגעסנהייט זיך ראַטעווען... מיר מוזן ראַטעווען אונזער שרייבן... אַליין זיך זאַמלען און אַליין זיך אַרויסגעבן...

ראַטעווען זיך פאַר דער אייביקייט... און דאָס איז אָפּט די שווערסטע רעטונגס־אַרבעט, דאָס ראַטעווען זיך אַליין...

יאָ, יאָ, יידישע שרייבער, פובליציסטן און אפילו דיכטער זענען אין אַ געוויסן זין — פ י י ע ר ל ע ש ע ר.

מיר קאָנען נישט שרייבן רואיק, נאָר מיר מוזן תמיד זיך איילן...

מיר קאָנען נישט שלאָפן, נישט אין ווייכע בעטן, מיר מוזן שטיין אויף דער וואך...

מיר קאָנען נישט קריטיקירן מיט קאַלטן ישוב־הדעת, ווייל מיר מוזן טאָן רעטונגס־אַרבעט...

מיר מוזן ראַטעווען, ווייל די געביידעס זענען שטענדיק אין אַ ברענענדיקן צושטאַנד.

און די סכנה הענגט שטענדיק איבערן קאָפּ. דער דאך האַלט אַלע מאָל אין איינפאַלן...

און דער רויך, דער רויך איז גרויס... עסט די אויגן, קריכט אין די לונגען...

און מיר מוזן שטעלן לייטערס, קריכן און קלעטערן און

ארויסטראָגן פון די ברענענדיקע געביידעם נפשות... אַפּט אזעל־
כע, וועלכע זענען אונז אַפילו אומסימפּאַטיש...

הכלל, מיר ווייזן הערָאישקייט און גבורה... העלדישקייט
און געוואַגטקייט... ווייל אומעטום ביי אונז שמעקט מיט סכנות־
נפשות...

ס'איז נישט גרינג צו זיין אַ פּייערלעשער. ס'איז נישט
גרינג צו זיין אַ יידישער שרייבער...

סידניי ווערט געזונד

וואָס איז אונזער אויפגאַבע אויף דער וועלט? — פרעג איך זיך אַמאָל, און איך ענטפער: אונזער אויפגאַבע אויף דער וועלט — איז פלייסן זיך פאַר דער וועלט!

אַ גוי דאַרף זיך נישט פלייסן — אַ ייד מוז!

אַ ייד מוז זיין פלייסיק סיי אין לערנען, סיי אין מסחר.

ער מוז שטענדיק ווייזן זיין חריפות.

אַ גוי קאָן זיך פאַרגינען צו זיין אַן עם־הארץ — אַ ייד נישט.

ווייל אַ ייד אַן עם־הארץ פּטרט אונזער פירמע, די תורה־פירמע, מיט וועלכער מיר שמען אין דער וועלט...

אַ גוי קאָן פאַרנאַכלעסיקן זיין מסחר. אַ ייד טאָר עס נישט. ער מוז זיין אַ גוטער געשעפטסמאַן, כדי נישט צו שעדיקן דעם נאָמען פון ראָטשילדן אין דער מסחר־וועלט.

דאָס איז וועגן אונזער פלייסן זיך. און נאָך מוז זיין אונזער אויפגאַבע: נישט צו פאַרלירן קיין געוווּנענע פּאָזיציעס.

וואָס דאָס מיינט, וועל איך גלייך דערקלערן: למשל, אָט נעמט אונזער איינשטיינען: איז עס אונזערס אַ געוווּנענע פּאָזיציע אין דער וועלט פון וויסנשאַפט.

אונזער שטאָלץ און גרויסקייט.

אונזער פעטע ציפער אין מאָגערן חשבון. און מיר מוזן זען די פּאָזיציע נישט צו פאַרלירן.

וואָס קאָנען מיר דערביי טאָן? — גאָרנישט פּראַקטיש. נאָר מיר מוזן בעטן פּאַר איינשטיינס געזונט טאָג און נאַכט. היטן זיין דערפאָלג... זען, עס זאָל אויף אים קיין שטויבעלע נישט פאַלן... היטן אים אין קילן דרויסן... פון אַן עין־הרע אפילו...

און דיזעלבע זאַך, פון אַ קלענערער מאָס, איז, להבדיל, מיט אונזער סידני פרענקלין, דעם ברוקלינער בחור, וואָס קעמפט מיט אָקסן אין שפּאַניע...

אויך ער איז אונזערס אַ געוווּנענע פּאָזיציע — אין דער וועלט פון ספּאָרט. און נאָך אַזאַ עכט־גויאישער ספּאָרט!

און מיר דאַרפן שטענדיק מורא האָבן, אַז ער זאָל נישט דורכפאַלן... און אַז אַן אָקס זאָל אים נישט נעמען אויף די הערנער...

ער איז אונזער בן־יחיד אויף דעמדאָזיקן מערקווירדיקן, נישט־יידישן געביט. איך האָב שיעור נישט געזאָגט „קונסט־געביט".

ווייל איינשטיינס פּלאַץ קאָן נאָך עמעצער פאַרנעמען — איז פּראָפעסאָר מיקעלסאָן, איז פרויד... איז בערגסאָן... אָבער סידני פרענקלינס פּלאַץ קאָן קיינער נישט פאַרנעמען. ער איז נישט מער ווי איינער... „אַ בן־יחיד, ווי אמאָל אונזער מאיר לאָנדאָן ע"ה אין קאָנגרעס"...

אויך איבער אים האָבן מיר געציטערט.

אַ בן־יחיד געווען... און עס איז געווען אַן אייביקע ציטער־ניש! וועט ער ווידער געווילט ווערן?... וועט ער האַלטן אַ גוטע רעדע? וועט ער זיך נישט באַנאַרישן?...

ווייל אויך אויף דעם געביט פון באַנארישן זיך זענען נאָר פריי גוים.

אונזערס אַ דיפּלאָמאַט מוז זיין כסדר אַ חכם... בלויז אַ בײ־קאָנספילד — נישט אַנדערש!...

און איך געדענק, ווי איך, אַן עכטער איסט־סיידער, האָב נישט איין נאַכט נישט דערשלאָפן, זאָרגנדיק זיך וועגן לאָנדאָ־

נען... און איצט איז דאָסזעלבע מיט איינשטיינען. נאָר פון איינ־שטיינען האָבן מיר דערוויייל בלויז נחת...

איינשטיין באַנאַרישט זיך נישט. און דערצו מאַכט ער פון ציַיט־צו־צייט נייע, גרויסע אַנטדעקונגען.

און איך בין זיך מודה, אַז איינשטיינס אַ נייע אַנטדעקונג פאַרשאַפט מיר נחת (מן הסתם אייך אויך).

מיין שטאָלץ בלאָזט זיך אָן און צעשפּרייט זיך, ווי אַן עק פון אַ פּאַווע.

איינשטיינס אַ נייע אַנטדעקונג מיינט פאַר אונז די פאַר־שטאַרקונג פון אַ געווונענער פּאָזיציע...

יאָ, איך דערמאָן זיך, איך האָב אויבן געזאָגט: בלויז נחת... אָבער אַמאָל האָב איך פון איינשטיינען אויך עגמת־נפש.

און דאָס איז, ווען מען באַפאַלט אים.

יעדע אַטאַקע אויף איינשטיינס טעאָריע טוט מיר וויי... פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַן אַטאַקע אויף מיין טעאָריע. כאָטש אין דער אמתן הויב איך נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס זיין טע־אָריע מיינט...

איך האָב עגמת־נפש, ווייל איך ציטער פאַר אונזערס אַ גע־וווּנענער פּאָזיציע.

און כמעט דאָסזעלבע, להבדיל, פּאַסירט מיט מיר וועגן סידני פרענקלין:

אַנומלט, איר האָט עס דאָך מן־הסתם אויך געוויס גע־לייענט, האָט אונזער „פּאָזיציע", כ׳מיין סידני, געכאַפּט אַ שטאָך אין אַ זייט (פון אַן אָקס, פאַרשטייט זיך...), איז, איר הערט? איך האָב געפילט, פּונקט ווי איך אַליין וואָלט עס געכאַפּט פון אַ קריטיקער...

איז זייט ווי זייט, די הויפּט־זאַך איז ביי מיר געווען: וואָס וועט זיין? טאָמער, חס־ושלום, פאַרלירן מיר אַ פּאָזיציע, און סידני וועט שוין מער זיך נישט פאַרהערן מיט אָקסן?...

נאָר איצט איז מיר שוין ווידער גוט געוואָרן... סידני האָט, אַפּנים, געקומען אין אַכט, ווי מען זאָגט עס, דעם גורל פון זיין

פאָלק, און ער איז שוין צוריק געזונט, און ער איז שוין גרייט ווידער צו פאַרנעמען זיין פּאָזיציע, אין קאַמף מיט אָקסן...

אַ טייער קינד, דער סידני, אַ בן־יקיר!...

אַי אונזער איביק ציטערן איבער אונזערע ציטערדיקע העלדן!

און יאָ... נישט נאָר איבער אונזערע אייגענע מוזן מיר ציטערן, נאָר אויך איבער פרעמדע—אייגענע. איך מיין איבער אונזערע פריינט, די חסידי אומות העולם.

מיר האָבן נישט קיין סך פריינט צווישן די גוים. געציילטע זענען זיי. איינער דאָ — אַ צווייטער דאָרט... און ציטערן דאַרפן מיר איבער זיי טאָג און נאַכט... זאָרגן פאַר זייער געזונט...

טאָמער ווערן זיי ח"ו קראַנק? און (אַ סך פון זיי זענען עלטערע מענטשן...) איז טאָמער רוקן זיי זיך אוועק?

און חוץ דעם, טאָמער ווערן זיי אויף אונז ברוגז? מיר גיבן זיי נישט אָפּ גענוג כבוד... און טאָמער אַנטוישן זיי זיך אין אונז? און טאָמער ענדערן זיי זייער מיינונג?

אַך, וויפל געזונט עס האָט אונז געקאָסט דאָס אַכטונג געבן אויף באַלפורן!

ער האָט אונז געגעבן די גרעסטע מתנה: די באַלפור־דעקלאַראַציע... אָבער אפשר האָט ער חרטה?

און איצט, נאָכן טויט פון אונזער גרויסן פריינט, מוזן מיר אַכטונג געבן אויף ווערזשוואָודן און קענוואָירטי... און בעטן גאָט פאַר דעם געזונט פון גענעראַל סמוט. און ווינטשן אריכות־ימים פּראָפעסאָר מאַסאַריק...

ווייל... ווען מיר פאַרלירן אַ גוטן גוי איז פּונקט ווי מיר פאַרלירן אַ יידישן זשורנאַל, אָדער אַ יידישן ביכער־פאַרלאַג, אָדער אַ ישיבה דאָ אין אַמעריקע... נייע קומען נישט אַזוי שנעל.

הכלל, צו זיין אַ ייד אויף דער וועלט איז אַ גרויסע אויפגאַבע!

חוץ וואָס מען דאַרף מאַכן אַליין אַ שטיקל קאַריערע, מוז מען האַלטן אַן אויג אויף די קאַריערעס פון אַלע אונזערע גרויסע מענטשן, אָקסן־קעמפער און אפילו אַקטיאָרן.

יאָ... לאַכט נישט, אַפילו אַקטיאָרן...

אויך מיט אַקטיאָרן איז בײַ אונז אַן אײַביקע זאָרג (און דער־הויפּט דוקא מיט די בעסערע), ערשטנס: טאָמער כאַפּט זיי אַ גוי אוים... צווייטנס: טאָמער פאַלט ער דורך נאָך דער אויסכאַפּע־ניש... דריטנס: זיי זאָלן זיך סתם נישט באַנאַרישן מיט אַ רעדע אָדער אַ דערקלערונג, ווייל יידישע אַקטיאָרן, וועלכע מען כאַפּט אוים, האָבן ליב צו האַלטן נאַרישע רעדעס און מאַכן נאָך נאַרי־שערע דערקלערונגען.

מאָרים שוואַרץ אַליין האָט אונז שוין געגעבן געגוג נישט־דערשלאָפענע נעכט!

און שילדקרויט?

קורץ, ס'איז דאָ געגוג, וועגן וואָס צו זאָרגן, ווען מען איז אַ ייד.

אין „דזשאַנק״

אַ קליין שטיקל נייעס אין אַ צייטונג האָט מיך געמאַכט לאַנג צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער גרויסקייט פון אונזער פאָלק, האָט מיך געמאַכט צו פאַרטרוימען זיך אויך וועגן דער צוקונפט פון דער גאַנצער וועלט.

בלויז אַ קליין שטיקעלע נייעס...

„די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרקויפט צו אַ יידישן „דזשאַנק-דילער״, דזשאָרדזש קאָהען, פינף און צוואַנציק דייטשע סאָבמאַ-רינס, אויף דזשאַנק. די 25 סאָבמאַרינס — דאָס זענען ענגלאַנדס חלק פון די אויסגעליפערטע דייטשע שיפן״.

נאָך אַלעמען איז עפּעס מאָדנע טשיקאַווע און וואונדערלעך— פאַרוואָס האָט דאָס ענגלאַנד דוקא פאַרקויפט צו אַ יידן? פאַר-וואָס נישט צו אַ גוי? ליגט נישט אין דעם עפּעס סימבאָלישעס פאַר אונזער פאָלק און עפּעס מיסטישעס פאַר דער וועלט?

שלאָגט איר זיך נישט אָן אויפן געדאַנק: אַז וויבאַלד מען וויל צעשטערן אַ מיליטערישע מאַכט, מוז מען אָנקומען צום יידן, צום אייביקן פרידנס-טרוימער, צום אייניקל פון ישעיהו הנביא, דעם אָנזאָגער פון דעם „וכתתו חרבותם״?

נאָר צו אַ יידישן דזשאָנק-דילער האָט ענגלאַנד געקאָנט אי-בערגעבן די מלאכה פון פאַרוואַנדלען די דייטשע וואַסער-מחבלים אין דזשאַנק? אין אומשעדלעכן ברוך!

און באַווייזט עס נישט, אַז דער געשריי, אַז יידן האָבן ליב צו צעשטערן, איז אַן אמת? אמת, מיר, יידן, זענען די צעשטערער

פון אלץ, וואָס איז פאַרפוילט און פאַרשימלט, פון אַלץ, וואָס איז שעדלעך און מיאוס. מיר צעשטערן נישט נאָר אַלטע וועלטן, נאָר אַפילו נייע כלי־משחית... און נאָר אונז אַליין קאָן מען אַזאַ זאַך אָנטרויען... דאָס איז אונזער מיסיע...

און מיר איז איינגעפאַלן: אפשר איז גאָר דער דזשאַנק־פּעדלער קאָהען נישט קיין פּשוטער פּעדלער פון אַלט אייזן און מע־טאַל, נאָר אַ נביא?

און אָט שטייט ער פאַר מיר, דער נביא קאָהען, וועלכער קויפט אָפּ ביי ענגלאַנד די 25 דייטשע סאַבמאַרינס, אין זיין גאַנ־צער הויך. אָט זע איך זיין גרויסע באָרד, זיינע באַגייסטערטע אויגן. און אָט הער איך זיין נביא־שטים, וואָס פאַרהילכט די וועלט: מענטשן, איך קויף אייך אויס פון אַ צרה! איך קום אייך דערלייזן פון מיליטאַריזם! מיט 25 סאַבמאַרינס מאַך איך ערשט דעם גוטן אָנהויב, אָבער איך וועל אָנגיין ווייטער! ווייטער! ווייטער!

און איך רייס זיך קוים אָפּ פון דעם נביא־בילד און טראַכט: און איז דאָס נישט סימבאָליש, וואָס דווקא יידן זענען אין דזשאַנק־ביזנעס? גאָט האָט אונז מיט אַ כוונה געשיקט אויסצוקויפן דעם דזשאַנק פון דער וועלט... פאַרוואַנדלען אומעטום כלי־משחית אין פּרידלעכע כלים...

גאָט האָט אונז אָנגעשטעלט אַלס „דזשאַנק"־סוחרים, כדי די וועלט זאָל פּטור ווערן פון אַ סך איבעריקע, שווערע און שעדלעכע זאַכן.

מיר זענען די איבערבויער פון דער וועלט; די רעוואָלוציאָ־נערן, די איבערשמידער און די איבערמאַכער, סיי פון אומנוצ־לעכע געדאַנקען און לערעס, סיי פון געפערלעכע סאַבמאַרינס...

און טראַכטנדיק, בין איך פאַרפלויגן ווייט־ווייט: איך האָב געזען, ווי די צייט קומט, ווען נישט נאָר ענגלאַנד גיט אוועק אַ יידישן דזשאַנק־דילער 25 דייטשע סאַבמאַרינס אויף דזשאַנק, נאָר אויך איר גאַנצן פלאָט, דעם גרויסן פלאָט פון גרויס־בריטאַ־ניע. און נישט נאָר ענגלאַנד טוט אַזוי, נאָר אויך די גאַנצע וועלט...

עס וועט קומען די צייט, ווען די גאַנצע וועלט וועט איינמאָל

פאַר אַלע מאָל מוזן פּטור ווערן פון דעם עקלהאַפטן מיליטאַריזם, ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט באמת באַשליסן זיך צו באַפרייען פון סאָלדאַטשינע — און דאַן וועט זי זיך מוזן ווענדן צו דעם אַלטן דזשאַנק-פּעדלער רב ישראל, און זי וועט זיך צו אים ווענדן אַזוי: טייערער רב ישראל! זיי אַזוי גוט און נעם ביי מיר צו אַלע כלי־זין, באַפריי מיך פון אַלע קריגס־שיפן, און לײדיק מיר אויס אַלע אַרסענאַלן. דו ביזט דער איינציקער, אויף וועלכן איך קאָן זיך פאַרלאָזן מיט אַזאַ וויכטיקער צעשטערונגס-אַרבעט; דו ביזט דער איינציקער, רב ישראל, וואָס איך גלויב, אַז דו קענסט עס דורכ־פירן בשלמות. צו דיר האָבן מיר דעם פולסטן צוטרוי, אַז דו וועסט עס נישט אויסנוצן פאַר עגאָאיסטישע צוועקן!...

און רב ישראל וועט עס טאָן. ער וועט צונעמען ביי דער וועלט אַלע אירע כלי־זין. זיי פאַרוואַנדלען אין דזשאַנק. און די וועלט וועט פריי אָפּעטעמען...

אָט צו אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען און טרוימען האָט מיך גע־בראַכט דאָס קליינע שטיקל נייעס.

אַ סוחר איז פאָרט אַ סוחר

— נו, וואָס זאָגט איר צו פאָרדן? — פרעגט בײַ מיר מײַ־נער אַ באַקאַנטער ייִד, אַ געוועזענער סוחר פונדערהיים.

— וואָס זאָל איך זאָגן, — זאָג איך, — ס׳געפעלט מיר.

— אָבער איצט זעט איר שוין איין, וואָס מסחר איז? — מאַכט דער ייִד מיט גרויס טריאומף. — איר, ראַדיקאַלן, האַלט דאָך נישט פון מסחר?!...

— וואָס מיינט איר מיט מסחר? — פרעג איך.

— איך וועל אײַך באַלד דערקלערן, — ענטפערט דער ייִד מיט גרויס ברייטקייט, — וואָס איך מיין מיט מסחר. איך האַלט זייער פון מסחר. אויף מסחר שטייט די וועלט, און נישט אויף אַרבעטער, ווי איר ווילט אײַנשמועסן. מיט אַ סוחר קאָן מען אַדורכקומען, אַמאָל נעמט צייט, אָבער מען קומט אַדורך... און אָט נעמט אַפילו דעם אַנטיסעמיטיזם, איז זאָג איך אײַך, ווען דאָס פאַלט אַרײַן אין די הענט פון אַ סוחר, איז עס אַלץ בעסער, ווי עס פאַלט אַרײַן אין די הענט פון אַ פּראָפעסאָר, אַ באַנק־קוועטשער, אָדער אַ טשינאָווניק...

— אָט נעמט די אַלטע היים, רוסלאַנד,—שפּינט דער ייִד זײַן געדאַנק ווײַטער, — איז ווער, מיינט איר, זענען דאָרט געווען די ערגסטע שונאי־ישראל? געלערנטע, באַנק־קוועטשערס, גלחים אָדער טשינאָווניקעס. אָבער סוחרים? קיינמאָל נישט!... אַ מסחר־מענטש קאָן קיין אַנטיסעמיט נישט זײַן, ווײַל מסחר מאַכט ברייט, מאַכט מענטשלעך, לערנט אויס מענטשן צו האַנדלען און פאַרהאַנדלען

איינער מיטן אַנדערן... איר וועט זאָגן: אין מסחר איז דאָ איינגע־ליבע, דער מאָטיוו פון געלט־מאַכן? אָבער וואָס אַרט עס אייך, אַז ס'איז אַזוי?... זאָל אַ מענטש האָבן איינגליבע. אדרבא, זאָל ער וועלן פאַרדינען, און אַפילו גוט פאַרדינען, אַבי ער זאָל קיין חזיר נישט זיין...

— האָט איר געקענט אינדערהיים די מאָסקווער סוחרים? טייערע גוים געווען! אַ מאָסקווער סוחר, אַ קופּעץ, איז קיינמאָל קיין אַנטיסעמיט נישט געווען... פאַרוואָס? ווייל ער האָט עס נישט געקאָנט זיין. ער איז געווען פריער פון אַלץ אַ סוחר, אַ וועלט־מענטש... אָבער ווער זענען געווען די ערגסטע אַנטיסעמיטן פאַרן צאַר? די טשינאָווניקעס! די פאַרשידענע כלומרשטע געלערנטע!... און דערפאַר איז אין מאָסקווע קיינמאָל קיין פּאָגראָם אויף יידן נישט געווען — סוחרים מאַכן נישט קיין פּאָגראָם, זיי ווייסן דעם ווערט פון סחורה...

— און אָט נעמט טאַקע פאָרדן מיט זיין חרטה. פאַרוואָס האָט ער מיט אַמאָל חרטה געהאַט, תשובה געטאָן? זיך געשלאָגן על־חטא אויף זיינע אַנטיסעמיטישע מעשים? ווייל ער איז אַ סוחר! פאַרפירט איז ער געוואָרן פון שרייבערלעך, באַנק־קוועטשערס, משרתים, אָבער נישט אויף אייביק, — ער האָט זיך פאַרט גע־כאַפּט און תשובה געטאָן... איר וועט זאָגן מסחר... ער וויל פאַר־קויפן מער פאָרדלעך? אַרט עס מיך אויך נישט! זאָל ער! אַ מענטש מעג אין זינען האָבן געשעפט, זיין געשעפט... דאָס איז מענטש־לעך... ער טוט דערמיט קיינעם קיין רעה נישט... אַלץ יאָ... אַבי נישט קיין אַנטיסעמיט...

— איך האָב אַלע מאָל זיך געוווּנדערט אויף פאָרדן, ווי קומט עס צו אים, אַ מענטש אַ סוחר, און נאָך וואָס פאַר אַ סוחר, זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ברענגט גאָרנישט אַריין אין מסחר, נאָר עס שאַדט נאָך?... אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז ער פאַרפירט געוואָרן, און גוט, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט אין צייט. אַביסעלע צו־שפּעט שוין, זאָגט איר? אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל: בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל...

און דאָס, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט, און דאָס, וואָס ער

איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ בעל־תשובה און זיך נישט גע־שעמט צו קלאַפּן חטאתי, איז אויך דאָס, זאָג איך, טוט נאָר אַ סוחר... האָט סוואָרין פון „נאָוואָיאַ ווערעמיאַ" דאָס געטאָן? האָט עס אַן אַנדערער שונא־ישראל געטאָן? האָט עס המן געטאָן? ניין! איר פאַרשטייט, יענע זענען געווען נישט קיין סוחרים, און דערפאַר אמתע רשעים, אַנטיסעמיטן, פּאַסקודניאַקעס ביז טיף אין גרוב אַריין... רשעים האָבן קיין חרטה נישט, אָבער סוחרים יאָ... אַ סוחר ווייסט, אַז ער קאָן פאַרלירן און געווינען... אַן אמתער סוחר פאַלט ביי זיך קיינמאָל נישט אַראָפּ, ווען ער מאַכט אַ שלעכטן מסחר...

פאָרד האָט געמאַכט אַ שלעכטן מסחר, געפּטרט אויף דעם אַ שלל מיט געלט, אָבער זיך געכאַפּט און אויפגעגעבן... אַז אַ גע־שעפט גייט נישט — גיט מען עס אויף...

— איר מיינט, — מאַכט דער ייד, — אַז איך קוק אויף דער מעשה־פאָרד צו־געשעפטמעסיק? — איך מיין, אַז עס איז נישטאָ קיין „צו" ביי געשעפט... אַנטיסעמיטיזם, אויב איר ווילט, איז אַלע מאָל געווען נישט מער ווי אַ געשעפט פאַר אונזערע שונאים. אַ מיאוס געשעפט. אייניקע האָבן געמאַכט דערפון אַ קאַריערע... אייניקע מסחר... געשעפט... נאָר דער חילוק איז, ווער עס מאַכט דאָס געשעפט. אַ באַנק־קוועטשער, ווען ער מאַכט אַ געשעפט און עס גייט נישט, שעמט ער זיך עס אויפצוגעבן, און אַמאָל ווייס ער נישט, ווי אַזוי אויך... אָבער אַ סוחר ווי פאָרד, שעמט זיך נישט און ווייס טאַקע, ווי אויך...

— אָט דאָס, וואָס איך זאָג אייך, — ציט דער ייד זיין חקירה, — איך האַלט פון מסחר און פון סוחרישע מענטשן, און דערפאַר ציטער איך פאַר די יידן פון רוסלאַנד. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָרטן מוז זיך יאָ סוף־כל־סוף אַריינכאַפּן אַנטי־סעמיטיזם. די קעפּ פון דער רעגירונג, קאָן זיין, ווילן עס נישט, אָבער עס מוז זיך אַריינכאַפּן... פאַרוואָס? ווייל דאָרט איז נישטאָ קיין מסחר און קיין סוחרים!

אַ פּויער האָט אַלע מאָל מער פיינט אַ יידן, ווי אַ קרעמער, ווייל וואָס ווייסט אַ פּויער? וועמען זעט אַ פּויער? אַ קרעמער

פאַרט נאָך סחורה, זעט די וועלט, און אַז מען זעט די וועלט, קאָן מען שוין קיין שונא־ישראל נישט זיין...

און ערגער איז נאָך דער טשינאָווניק, און די סאָוויעט־רעגירונג איז דאָך איצט פול מיט טשינאָווניקעס. אַ גויאישער טשינאָווניק מוז פיינט האָבן אַ יידן, און דערהויפּט, ווען דער ייד איז אויך אַ טשינאָווניק... טשינאָווניקעס ווילן שטייגן, און נישט מסחר־מעסיק, נאָר מיט חניפה און לאָקייסטוואָ.

— אָט נעמט דייטשלאַנד און ענגלאַנד, — פאַרענדיקט דער ייד, — פאַרוואָס איז דייטשלאַנד אַלע מאָל געווען אַנטיסעמיטיש? ווייל די דייטשן זענען לערנער, באַנק־קוועטשערס, און זיי האָבן אויסגעקוועטשט אַ וויסנשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם... ענגלאַנד, פאַרקערט, איז אַ לאַנד פון סוחרים, וועלט־סוחרים, און דערפאַר האָט מען אין ענגלאַנד נישט פיינט קיין יידן. אַלנפאַלס קיין וויסנשאַפט דערפון האָבן זיי נישט געמאַכט. טשעסטערטאָן איז ביי זיי דער גרעסטער אַנטיסעמיט, אָבער ער איז מער ליץ ווי אַנטיסעמיט... אַזוי צי אַזוי... מיט אַ סוחר קאָן מען דורכקומען און פאָרד איז טאַקע נישט קיין גרויסער תלמיד־חכם, אָבער אַ סוחר איז ער...

ווען מען זאָל דערציילן אַ פרעמדן

ווען דו ביזט אַביסל באַהאַוונט אין יידישן לעבן, זעסטו, אַז אויף אַלע געביטן קומט פאָר ביי אונז אַזוי:

מ י ר פאַרקלענערן אונז — ז י י פאַרגרעסערן אונז.

מיר אַליין זענען זיך מבטל — און זיי, די גוים, ווערן פון אונז נתפעל.

מיר לאַכן פון זיך אַליין און דערווייל ווייסן מיר נישט דעם פאַרמעג, וואָס מיר פאַרמאָגן.

אמת, פון איין זייט איז דאָס נישט האַלטן פון זיך אַליין אפשר אויך אַ מדרגה. פון עטישן שטאַנדפּונקט זייער שיין און ווירדיק. עס שמעקט מיט באַשיידנקייט, די שענסטע מידה פון בוך דרך־ארץ.

אָבער פון דער צווייטער זייט איז עס נישט געזונט, עס שאַדט. עס שטערט, עס פּענטעט...

עס איז שווער ביי אונז צו אַרבעטן, עס נעמט אַוועק דעם מוט, דעם ענטוזיאַזם. אַזוי פיל ביטול און זעלבסטפאַרניכטונג אַרום זיך!

מען איז ביי אונז שרעקלעך קאַרג אויף לויב־געזאַנגען פאַר אונזערע טאַלאַנטן (חוץ ווען זיי ליגן שוין אויפן טהרה־ברעט).

מען איז ביי אונז אמתע פּלושקינס וואָס שייך זיך אַליין, און געוואַלטיקע ראָטשילדס, ווען עס קומט צו עפּעס פרעמדס.

אָט אַזוי זענען מיר.

און די גויאישע וועלט? — זי, פארקערט, ווערט, ווי געזאָגט, פון אונז נתפעל, פּאטשט אונז בראוואָ. לויבט און הויבט אונז.

מיר און זיי, אַן אַלטע, טרויעריקע געשיכטע.

מיר שפּאַסן פון זיך אַליין, ווי איבערגעזעטיקטע, ציניש־געוואָרענע הומאָריסטן, און זיי נעמען אונז ערנסט, ווי אייניקלעך פון די נביאים...

ווען אַ גוי באַזוכט אונזער טעאַטער, גלאָצט ער אויס אַ פּאָר אויגן: אַזויפיל טאַלאַנט, אַזופיל ווארעמקייט! איי, איי, ווען מיר האָבן עס!

און מיר אַליין שרייען: נישטאָ קיין יידיש טעאַטער!

און מיר אַליין טרינקען הייסע טיי און שרייען: קאַלט! קאַלט!...

ווען אַ גוי באַזוכט אונזערע צדקה־אַנשטאַלטן, ווערט ער פארחידושט: אַזויפיל אָרגאַניזאַציע און גוטהאַרציקייט!

און מיר אַליין — האָבן אַ טבע אָפּצולאַכן פון אונזער צדקה און אונזער גראָשענער פילאַנטראָפּיע...

איך טראַכט אַמאָל:

ווען אַ גוי וואָלט געוווּסט, וויפל געלט אַן אַמעריקאַנער ייד גיט אַוועק פאַר זיינע אויסלענדישע ברידער, אין ארץ־ישראל, פּוילן און רוסלאַנד, — וואָלט ער דאָס מויל געעפנט און מער עס נישט געקאָנט צומאַכן... אָבער מיר האַלטן אין איין מוסרן דאָס יידישע פאָלק, פאַרוואָס עס גיט נישט...

ווען מען זאָל דערציילן אַ פרעמדן, וויפל אַ יונגן יידישן קאָ־מפּאָזיטאָר קאָסט אָפּ זיינע צייטונגען, — וואָלט ער געמיינט, אַז מיר זענען די גרעסטע שקרנים.

און ביי אונז קוקט מען אויף דעם ווי אויף אַ נאַטירלעכער דערשיינונג...

און אוי טאַטעלעך! ווען מען זאָל איבערגעבן אַ ז י י ע ר י ק ן ווי אַזוי אַ יידישער שרייבער גיט זיך אַליין ארויס, וויפל ער אָפּפערט פאַר זיין, אומשטיינסגעזאָגט, אומשטערבלעכקייט, וואָלט ער עס אָנגערופן: ה ע ר אָ א י ז ם.

און ביי אונז איז עס בלויז אַ טעמע פאַר וויצן...

און דאָסזעלבע, ווען אַ גוי וואָלט געוווּסט, וויפל קרבנות עס ברענגען יידישע לערער אין יידישע שולן, וואָלט ער זיי פאַרשריגן פאַר העלדן...

און ביי אונז זענען זיי געוויינלעכע יונגעלייט...

און ווער שמועסט שוין פון אונזערע סטרייקערס און פיקעטן?

אומעטום, אויף דער יידישער גאַס, קרבנות, באַגייסטערונג, אידעאַליזם. אָבער מיר מאַכן עס אַליין אַוועק מיט דער האַנט, מיט אַן „עט" און „בע" און גאָרנישט.

— וואָס האָבן מיר?

— מיר האָבן גאָרנישט!

די יידישע משפחה

די מוטער געבוירן אין רוסלאַנד, דער פאָטער — אין ארץ־ישראל, אַ טאָכטער— אין ענגלאַנד, אַ זון — אין קובאַ, אַ צווייטער זון — אין עגיפּטן, האָט מען איצט דערלויבט אַריינצוקומען קיין אַמעריקע.

(פון די קוואָטאַ־נייעס)

איך וויל זיך צעזינגען אַלאַ מאַסליאַנסקי:
מיין לויב־געזאַנג צו דיר, יידישע משפחה!
אויפן גאַנצן ערד־קוגל שטייט דיין וויגל.
פון אַלע קלימאַטן — ציסטו יניקה.
אויף אַלע לשונות — רעדסטו זיך דורך.
און ווידער אַמאָל אַלאַ מאַסליאַנסקי:
יידיש פאָלק, איך האָב דיך ליב!
ישראל, דו ביזט גרויס!
אויף אַלע שיפן פאַרשוואַנגערן דיינע טעכטער.
אויף אַלע ברעגעס — געבוירן זיי קינדער.
און אַלע וואַרטן זיי אויף דער אַמעריקאַנער קוואָטע!...
און איצט אַלאַ פּאַמפּאַדור:

ווי אומגליקלעך דו ביזט, מיין פאָלק!

דווינס א משפחה מיינט — א זאמלונג פון פאספאַרטן; א פרעמדער לעקסיקאָן, א שפּראַך־צעמישעניש.

די יידישע משפחה איז באמת א משפחה פון לשון:

דער טאטע רעדט יידיש און העברעאיש.

די מאמע — רוסיש.

איין זון — ענגליש.

א צווייטער — שפּאניש.

און צוזאמען — איז עס א פאָלק, ווי געבוירן צו זיין אן אי־בערזעצער אויף עליס־איילאנד!

און איז דאָך א שטום פאָלק...

יידיש פאָלק, דו ביזט א פארשאָלטן פאָלק!

א פאָלק, וואָס אָנשטאָט לעבן — ווארט עס אויף א קוואָטע.

א טראגיש פאָלק.

עס רייסט זיך קיין אמעריקע, און קומט עס אריין — מוז עס גלייך ארוים אין שטרייק מיט די לינקע אָדער מיט די רעכטע.

א צעטיילט פאָלק — וואָס קאָן קיינמאָל נישט אריינקומען צוזאמען.

א קינדיש פאָלק — דער גרעסטער מארקעס־זאמלער אין דער וועלט...

און שוין ווידער צוריק אלא מאסליאנסקי:

א געזונט אין דיר, מיין פאָלק!

דו האָסט אזויפיל לעבן אין זיך!

דיינס א משפחה רעדט, דאכט זיך, אויף פארשידענע לשונות — און דאָך פארשטייט זי זיך אויסגעצייכנט.

אמת, איין זון געבוירן אין עגיפּטן און א צווייטער — אין קובא, און א דריטער — אין ליטע, אָבער אלע זאמלען זיך ארום דער יידישער מאמע.

די אייביקע יידישע מאמע! די טייערע, די פארטוכדיקע, די פארווייניטע און די האָפערדיקע!

און כל־זמן די יידישע מאמע איז דאָ, איז האָבן מיר נישט קיין מורא פאר קוואָטעס.

און טאקע ווידער אַלאַ פּאַמפּאַדור:

יעדע יידישע פאַמיליע — איז אַ מוסטער פון יידישן פאָלק: צעריסן, צעשפּרייט און צעשיידט.

ווייל מיט אַלע אונזערע מאַמישקייטן — זענען מיר אַ משפּחה אין אַ משפּחה.

און יעדע משפּחה איז גישט אייגע, נאָר צען און יעדער משפּחה־טייל שטאַלצירט מיט זיין געבורטס־לאַנד.

דער זון געבוירן אין עגיפּטן — פאַזינגט דעם נילוס און איז שטאָלץ אויף די פּיראַמידן.

דער צווייטער זון געבוירן אין קובא — איז פאַרליבט אין האוואַנאַ.

דער טאַטע קאָן נישט לעבן אָן ירושלים און כותל־מערבי.

די מאַמע לעכצט נאָך מאָסקווע.

און, די טאָכטער געבוירן אין ענגלאַנד — בענקט נאָך די לאָנדאָנער פאָגעס...

און איבער זיי אַלעמען שוועבט: דער „וואָס וועט זיין?" און „ווי זאָל מען זיין?" און „ווי קומט מען צו אַ תכלית?"

און פאַר זיי אַלעמען שוועבט אַמעריקע ווי אַ גאָלדענער האפן.

אוי, די יידישע משפּחה!

און פּאַרט גאַרנישט אַזוי שלעכט.

און צוריק גערעדט: איז אפשר ליגט אין אונזער צעריסנקייט דער סוד פון אונזער גאַנצקייט?

און אין אונזער ליבע צו יעדן נייעם לאַנד, דער סעקרעט פון אונזער דערהאַלטונג?

די יידישע משפּחה!

אין אַ געוויסן זין איז עס אַן אויסקוקער־משפּחה, אַ מרגלים־משפּחה.

יעדע משפּחה שיקט אַלע מאָל אַרום עטלעכע מיטגלידער אָנצוקוקן נייע טעריטאָריעס, ביבליש גערעדט: „צו זען דאָס לאַנד"...

און מיר געפינען לענדער... און מיר קומען זיך צוזאַמען או.

מיר שיידן זיך — און דער עיקר: מיר גייען נישט אונטער און אונזערע פיס־טריט זענען קענטיק אויף יעדן שליאַך...

די יידישע משפּחה איז אַ וווּנדער־משפּחה:

זי שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער גאַנצער וועלט. זי שאַפט נייע ווינקעלעך פאַר אירע צעשפּרייטע אוצרות.

און די יידישע משפּחה איז אויך אין אַ געוויסן זין די יידישע דיכטער־משפּחה:

אויך די דיכטער־משפּחה אונזערע איז צעשפּרייט איבער אַלע עקן פון דער וועלט.

און פון אומעטום קומט דאָס יידישע געזאַנג.

פון סאָוויעט־רוסלאַנד, ליטע, פּוילן, קובאַ, אַרגענטינע, קאַנאַדע, ארץ־ישראל און אַמעריקע.

עס טראָגט זיך אַ ליד פון דאַנען און אַ ליד פון דאָרטן.

און צוזאַמען ווערט עס — איין געזאַנג.

און אַלע צוזאַמען שאַפן זיי איין גרויס ליד.

דאָס גרויסע, צעבּרעקלטע פאַרבענקטע יידישע ליד.

און צוזאַמען מיט דעם ליד, וואַקסט אויך די ליבע צום יידישן וואָרט.

דאָ און דאָרט.

יידישע משפּחה, דו ביזט, נאָך אַלעמען, מער ווי אַ טעמע פאַר קוואַטעס!

און מען דאַרף ענדיקן אַלאַ אליקום צונזער:

אין דער יידישער משפּחה,\
ליגט די גרעסטע ברכה,\
מזל און הצלחה —\
אויף דער גאַנצער וועלט,\
נישט אויף ערד און סאַכע,\
נאָר אויף גאָטס הבטחה\
לעבט די יידישע משפּחה\
און שטעלט אויף איר געצעלט...

דער כח פון א ניגון

לעבן א פּאָנאָגראַף־געשעפט שטייט א ייד מיט א פאררוקט היטל און הערט.

פון קראָם טראָגט זיך א ראש־השנהדיקער ניגון פון א חזנישן רעקאָרד.

איי, איי!

און דער ייד, אויפן אויסקוק זייער וואָכעדיק, איז כולו יום־טוב. כולו געהער.

ער שטייט און הערט.

און זיין פּנים איז פרום־פארדבקהט, כולו תענוג און מתיקות:

איי, איי!

און אויפן גאַס איז טומלדיק און וואָכעדיק. וועגענער רעדערן דורך מיט רעש. מענטשן לויפן, קינדער שרייען. קליידער־סוחרים רופן קונים אין קראָם אריין.

וואָכעדיק! וואָכעדיק!

און דער ייד שטייט מיט אַן אויער צוגענויגט צו דער קראָם, כאַפּט אויף דעם ניגון, וואָס קומט פון דער אָפענער טיר און איז דערקוויקט.

און איך שטעל זיך אָפּ פון ווייטן, באַטראַכט דעם יידן און טראַכט זיך:

ווער ווייסט, ווער דער ייד איז, און מיט וואָס ער איז באַשעפטיקט?

דאַכט זיך, נאָך די קליידער, איז ער גאָר א בעל־עגלה. א פּראָסט מענטשל.

אָבער דאָ שטייט נישט קיין בעל־עגלה, נאָר א ייד פון פאַרצייטן, וועלכער כאַפּט א ניגון פון פאַרצייטן.

דאָ איז דער אָפּגעריסענער ייד פון זיין היים פאַרבונדן מיט דורות פון פריער. פאַרקניפּט און געקייטלט... כולו יחוס...

דאָ פאַרנעמט ער דעם יאָמער פון אַלטע תפילות.

דאָס געוויין פון גלות...

און די מתיקות פון דעם שטיקעלע יידישן חזנות.

און אָט דאָס שטיין פון דעם יידן דאָ לעבן דער פאָנאָגראַף־קראַם, איז נישט קיין פשוט שטיין.

נאָר אַ סימבאָל פון דעם גאַנצן פאָלק, וואָס שפּאַנט אין וואָכעדיקייט, טרינקט זיך אין פרעמדער סביבה — און כאַפּט זיך אריין און שטעלט זיך אָפּ און דערמאָנט זיך אָן אַ יידישער תפילה, אָן אַ יידישן ניגון.

אַ גרויסער ענין, דערדאָזיקער ניגון, אַ ניגון, וואָס פאַרבינדט מיט דורות צוריק. אַ ניגון, וואָס ציט זיין אָנהויב פון אַ גרויסער, לאַנגער געשיכטע.

אַ ניגון—אַ וואַנדערער, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט אַ וועלט, איבער ימים און מדבריות און דאָך געבליבן גאַנץ... פּיל־טאָניק, און קרעפטיק...

אַ ניגון, וואָס האָט אין זיך אַזויפיל כח און גלויבן, אַז ער ווערט נישט בטל אין דעם ים פון פאַרשידענע ניגונים אַרום אים.

ניגונים פריילעכע, טאַנצנדיקע, ביליקערע.

גרויס איז דער כח פון אַ יידישן ניגון, וועלכער קאָן אָפּשטעלן אַ יידן אין לויף, אים צווינגען צו שטיין מיט אַן אָפן מויל און פאַררוקט היטל אין דערמיט פון אַ רוישנדיקער, וואָכעדיקער גאַס.

מעכטיק איז דער ניגון, וואָס קאָן מאַכן אַ יידן זיך פאַרגעסן, ווו ער איז, אָפּשטעלן אים אין מיטן ברען פון פרנסה־געיעג און זאָגן: הער!...

די קראַפט פון אייביקייטן מוז ליגן אין דעמדאָזיקן ניגון!

— — — — — — — — — — — —

און איך וואך אויף — ערשט די חזן־שטים הערט זיך נאָך העכער.

ווי די שטים וואָלט געוווּסט, אַז זי האָט אַזאַ גוטן צוהערער.

און דער ייד שטייט נאָך אַלץ אין דערזעלבער פּאָזע. כולו קדוש, כולו מתיקות, כולו געהער!

איי, איי!

אינהאלט

I. יידישער אנטיסעמיטיזם

אַ פאָלק פון צופיל	4
הלוואי וואָלטן מיר געבליבן!	8
אונזער „ברויט מיט פוטער"	12
פאָגראָמען אויף זיך אַליין	14
מיר טאָרן נישט מאַרשירן!	18
קאָנקורענץ	20
מיט דער נאָדל	25
דער ייד, וואָס וויל אַ חשבון	29
אונזערע גבירים און זייערע	33
וואָס איז אַ שונא?	36
נאָך פאַר קאָלומבוסן	39
נישטאָ ווען צו לעבן	44
אונזער זאַטע באַוועגונגס־גאַס	47
איבער איין קלאָדקע	50
לופט און יסוד	53
אַ פאָלק, וואָס עסט אויף זיינע פירער	57
יידישע מחלוקות	60
שילדן, וואָס ווילן נישט שטאַרבן	62
יידן, אַ געזונט אין אייך!	65
חנוכה אין וואָלל־סטריט	68
אונזער אייביקע טעאַטער־אונטערנעמונג	72
גויים טייערע, האָט אונז נישט ליב!	76
האָבן מיר אַ דורכשניטלעכן יידן?	79
קדושה און טומאה	84

דיזעלבע יידן 88
אָן אַ חוש פאַר אמתער פּראָזע 91
מען וואַרט ביי אונז אויף לוויות 93

II. וואָס מיר זענען — זענען מיר

אַ הגדה־פּאָלק 99
מיין אַלטע טענה 103
וואָס וויל מען פון אונז? 107
פּאַרפאַלן, מיר מוזן 110
נאָך יום־כיפּור 114
שאלות ותשובות 118
אונזער יערלעכער יריד 123
מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט 126
וועגן די, וואָס גייען אַוועק 130
יידישע ציין, וואָס בייסן זיך אַליין 134
דער זייגער גאָר? 140
אין דער פּידל 143
קוקן מיר אַלע 147
מישלאָגט יידן אין מעקסיקע 151
חסידים־שטיבלעך 156
אויף דער יידישער גאַס 160
אין געטאָ צוריק 165
מיר — די גרעסטע געבער 169
שילט זיך אין יידיש! 173
אַז זיי מעגן — מעגן מיר אַוודאי! 177
בראָדוויי און איסט־בראָדוויי 181
יידן, שטאַרבט נישט! 184
פּייערלייט 190
סידניי ווערט געזונט 194
אין „דזשאָנקיי" 199
אַ סוחר איז פאָרט אַ סוחר 202
ווען מען זאָל דערציילן אַ פרעמדן 206
די יידישע משפּחה 208
דער כוח פון אַ ניגון 212